STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03223

GEKLIBENE SHRIFTN

Israel Ma-Yafith

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל מה־יפית

*

געקליבענע שריפטן

ישראל מה־יפית, דער מחבר

ישראל מה־יפית

געקליבענע שריפטן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תש"ל — 1970

Israel Ma-Yafith / Geklibene Shriftn

ישראל מה־יפית / געקליבענע שריפטן

פאַרלאַג „המנורה״ רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1970 — נדפס בישראל תש״ל

דפוס ד. בן־נון תל־אביב

אינהאַלט

הקדמה: צווישן אינערציע און המצאה, פּראָפ. דב סדן

דאָס לעבן און שאַפן פון י. א. מה־יפית 5

הומאָריסטישע דערציילונגען

דער כוח פון געלט. (10 קאַפּיטלען) 19

אין סוכה (אַ מעשה לכבוד חנוכה) 30

„כתריאלישקער קוריער" 36

דער שטרייק אין כתריאלישאַק 43

באַטיסטיני אין כתריאלישאַק 49

מיין קבלת־פּנים אין כתריאלישאַק 56

אומזיסטע שונאים 62

דער פאַרכישופטער אָקס (אַ מעשה נפלא) 69

פאַרביטן די „יוצרות" 72

אויף קבר־אבות 77

מאַסקאַראַד 83

שלח־מנות (פון די קינדער־יאָרן) 88

אַ שבועות־נאַכט (פון ישיבה־לעבן) 94

די אושפיזין 100

ווען דער הימל שפּאַלט זיך 107

אַ דין־תורה מיט גאָט (אַ פאָלקס־מעשהלע) 112

צי איז חרוסת געפערלעך? 119

ווי אַזוי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די אַמעריקאַנער „קוואָטע" . . . 125

דאָס לעצטע בוך 131

איבערגעכאַפּט די מאָס 135

זיינע עלוישע כשרונות און דערוועקן התפעלות ביי די שטעטלשע לומדים.

צו זיין „בר־מצוה" האָט ער שוין דורכגעלערנט גאַנץ סדר „נזיקין" (קרוב צו 700 בלאַט גמרא) מיט אַלע תוספות. צום יום־טוב פון בר־מצוה ווערט איינגעלאַדן דאָס גאַנצע שטעטל, און דאָס יינגל זאָגט אַ לומדישע דרשה.

בערך אין אַ יאָר אַרום פאַרלאָזט ער זיין היים און פאָרט קיין לידע, ווו ער לערנט דריי יאָר אין דער ישיבה פון הרה"ג ר' י. י. ריינעס. שוין דעם ערשטן זמן רעאַגירט דאָס בחורל אַזוי לעבעדיק אויפן שיעור, אַז עס גייט אַ ווערטל ביי די חברים: מה־יפית מיט רבֿ יואל־דודן (דער ראש־ישיבה) זאָגן דעם שיעור. די איבעריקע זמנים לערנט ער שוין אין קיבוץ פון די 30 בעסערע בחורים, ווו דעם שיעור זאָגט דער „מייצעטער עלוי" הרב ר' שלמה. דאָ לערנט מה־יפית אויך פוסקים. אויך קומענדיק שפּעטער אַהיים, לערנט ער נאָך יורה־דעה און חשן־משפט און צו 18 יאָר קריגט ער סמיכה אויף הוראה פון 2 אַלטע רבנים.

אין ישיבה און אין דער היים פאַרנעמט ער זיך אויך מיט השׂכלה; ער לערנט שפּראַכן און מאַטעמאַטיק. אויפן לעצטן געביט ווייזט ער אַרויס אומגעוויינלעכע פעיקייטן. אַ שטאַרקן אינטערעס דערוועקט ביי אים פיזיק.

די נטיה צו דערפינדונגען לעבט אין אים נאָך אין דער קינדהייט. צו 10 — 11 יאָר שאַפט ער אַ שפּאַרקאַסע, וואָס עפנט זיך פּונקט צו דער הונדערטער קאָפּיקע; שפּעטער — אַן אויטאָמאַט, וואָס פאַרקויפט שוועבעלעך. דער אויטאָמאַט איז זייער פּינקטלעך, און דער קליינער דערפינדער האָט שטאַרק הנאה פון אים.

צום אָנהייב קריג האָט ער שוין פאַרטיק אַ גרויסן, קאָמפּליצירטן מעכאַניזם, וואָס דאַרף זיין, לויט זיין האָפענונג, אַ מוסטער פון אַ מאַשין, וואָס באַוועגט זיך אייביק, אָן אַ זייטיקער קראַפט; די אַ"ג „פּערפּעטום מאָבילע". ער ווייס, אַז די געלערנטע האָבן

די דאָזיקע אידעע אויפגעגעבן, אָבער ער מוז אַליין פּרובירן. זיין פּלאַן שיינט אים צו זיין אַזוי פּשוט און ריכטיק, אַז ער צווייפלט ניט אין דערפאָלג. ער אַרבעט וואָכן לאַנג מיט די אייגענע הענט איבער דעם מעכאַניזם.

שפּעטער באַשעפטיקט אים שטאַרק די אידעע פון אַ דער־פינדונג אויסצומיידן אַ באַנען־צוזאַמענשטויס, אויסנוצנדיק די געזעצן פון מאַגנעטיזם.

יענע טייוולשע המצאות, וואָס העלפן מיט ביי אַ מלחמה, רופן אַרויס ביי אים געפילן פון עקל און העכסטער אויפרעגונג.

ער שטרעבט צו העכערער טעכנישער אויסבילדונג; אָבער די שווערע מלחמה־יאָרן און איבערהויפּט זיין קראַנקייט, וואָס הויבט אים אָן מאַטערן צום סוף פון יאָר 1919, פּאַראַליזירן זיינע פליג־לען, און דער גאָלדענער חלום פון אַלע זיינע יאָרן גייט מיט אים צוזאַמען אין קבר אַוועק.

זיין ליטעראַרישע אַרבעט הייבט ער אָן זייער פרי. צו 16 יאָר בערך שרייבט ער אַ העברעישן שיר „אומלל״. מערקווירדיק, פון וואַנען נעמט זיך ביי אים דער מאָטיוו פון יאוש און צער דאַן, ווען ער איז נאָך גאָר געזונט געווען און קיין השגה ניט געהאַט וועגן גרויסן אומגליק, וואָס לויערט אויף אים.

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט אָט דעם פּערז:

מה קשה הגורל שדנו בו אותי:
לשאת כאחד את חיי ומותי!
(ווי שרעקלעך דער גורל געמשפּט האָט מיר:
ס׳זאָלן ראַנגלען זיך לעבן און טויט ביי מיין טיר!)

אינטענסיווער הייבט ער אָן שרייבן פון 1917 י. ער שרייבט דאַן אָן דאָס ליד „שלום־קלאַנגען״, דאָס איז זיין הימען פאַרן וועלט־פרידן. אין דעם פּעריאָד, ביז 1921, שרייבט ער אַ סך לירישע לידער. ער שרייבט אויך העברעישע לידער: „שבת״, „כדור

פון רעכטס: הרב ניסן מה־יפית, הרבנית — די עלטערן און שוועסטערן פון מחבר

פורח״, „מה שספר הרוח״ א״אַ. ער זעצט איבער משלים פון קרילאָוון אין יידיש און העברעיש, ער שרייבט אַן אַ קליינע קאָמעדיע „צו שפעט״ און אַ טראַגעדיע פון יידישן לעבן אין מלחמה־צייט, — „אין בלוט און גיפט״.

אין יאָר 1919 דרוקט ער זיך צום ערשטן מאָל אין „אידישע צייטונג״, ווילנע.

אַ קורצע צייט שפעטער ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אידישע שטימע״, קאָוונע, ווו ער אַרבעט קרוב צו 10 יאָר; אין דעם פעריאָד געפינט ער ענדגילטיק זיין וועג אַלס הומאָריסט.

אויסער די צוויי דערמאָנטע צייטונגען, באַטייליקט ער זיך אין משך פון זיין לעבן נאָך אין פאָלגנדיקע אויסגאבן: „איד. מאָרגן־זשורנאַל״ — ניו־יאָרק, „טעגל. איד. קוריער״ — טשיקאַגאָ, „איד. זשורנאַל״ — קאַנאַדע, „ווילנער טאָג״ (אין אַנדערע פון די דערמאָנטע צייטונגען ווערן זיינע שאַפונגען איבערגעדרוקט אָן זיין וויסן), „איד. לעבן״ — קאָוונע, „די וועלט״ — בערלין, „גריניקע ביימעלעך״ — ווילנע, די וועכענטלעכע „הצפירה״ — וואַרשע, „נתיבות״ — קאָוונע, „איזראַעליט. וואָכנבלאט״ — ציריך (דייטש), „האמבורגער פאמיליענבלאט״ (דייטש), „יודישע רונדשוי״ — בערלין.

סוף זומער 1921 י., ביים שרייבן די קאָמעדיע „ווער גיט מער״, באַוויזט זיך אים בלוט פון האַלדז. אַ צערודערטער זאָגט ער דאַן: „איך האָב זיך אַ ביסל איבערגעמאַטערט״. אָבער דער הומאָרפולער טאָן און ענערגיע פארלאָזן אים ניט, און ליגנדיק אין בעט, דיקטירט ער שטילערהייט זיין שוועסטער דעם לעצטן אַקט. די קאָמעדיע ווערט געשטעלט פיל מאָל אין קאָוונער שטאָט־טעאַטער און אויך אין די גרעסערע פראָווינץ־שטעט.

אין זעלביקן יאָר זעצט ער איבער די „שירי־עם״ פון ביאַליק. די איבערזעצונג ווערט אויפגענומען דורכן גרויסן דיכטער מיט צופרידנקייט און ווערט געדרוקט אין ביאַליקס נייער אויסגאַבע „לידער און פאָעמען״.

דער מחבר, 15 יאַר אלט, צווישן זיינע שוועסטערן : שיינע און ברײנע

אויסער די שוין דערמאָנטע ווערק שאַפט מה־יפית אין די לעצטע 10 יאָר די אַלע דאָ אין בוך געגעבענע דערציילונגען, 3 קאָמעדיעס, 2 קינדער־פיעסן, אַ גאַנצע סעריע פעליעטאָנען אין גראַמען — די אַ״ג „קלינג־קלאַנגס״, פעליעטאָנען אין פּראָזע (אויך העברעישע), און פּאַראָדיעס.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין שאַפונג דאַרף נאָך געזאָגט ווערן אָט וואָס: ניט פון צופעליקע וויציקע פעליעטאָנען אָדער מעשהלעך באשטייט זיין גייסטיקער באַגאַזש; אין זיינע שריפטן איז אויסגעשמידט אַ ליטעראַרישער כאַראַקטער. אַ גרויסע ליבע צו ארץ־ישראל, צום געדאַנק פון אונדזער גאולה; אַ גאַליקער סאַטיריזם קעגן כל המינים פּאָליטישע צבועקעס און יידנפרעסער פון גאָר דער וועלט; אַ טיפע פאַראַכטונג צו די יעווסעקן, די עוכרי־ישראל; דאַן זיין שטענדיקער נשמה־פּראָטעסט קעגן שפיכות־דמים פון פעלקער, וואָס גייט דורך ווי אַ בלוטרויטער פאָדעם דורך אַלע זיינע שריפטן. אָט איז איינער פון זיינע באַ־ליבטע פערזן:

אַך! ווען זיי באַגרייפן די אַקסיאָמע,
אַז אַ זיגער אין מלחמה
איז פאַראַנען מער ניט איינער:
דער מלאך־המות, ווייטער קיינער!

אין די מלחמה־יאָרן לעבט ער איבער גענוג שרעק און דאגות. ניט איין מאָל דונערט איבערן שטעטל אַ קאַנאָנאַדע. מיט גרויל און ווייטיק קוקט ער זיך צו צו די פאַרבלוטיקטע סאָלדאָטן, וואָס ווערן באַנדאַזשירט אין אָרטיקן בית־מדרש. 7—8 מאָל בייט זיך דאָ די מאַכט. אין יאָר 1918 ווערט ער קראַנק אויף אַ שווערן פלעק־טיפוס. ווען דער קראַנקער איז אין אַ געפערלעכן צושטאַנד, איז זיין פאַמיליע געצווונגען צו פירן אים דריי מייל מיט אָקס

פון רעכטס: דער מחבר, זיין פרוי חנה, און א פריינד, אין בריסל, 1929

אין פראַסט און ווינט צום קרייז־שפּיטאַל. די דאָזיקע נסיעה און די קראַנקייט בכלל שוואַכן אָפּ זיין אָרגאַניזם, און ווען אין 1919 י. פאַרשפּרייט זיך אַ גריפּע־עפּידעמיע, לאָזט די קראַנקייט אים איבער מיט באַשעדיקטע לונגען.

ער קורירט זיך און דערגרייכט אַ צייטווייליקע בעסערונג, אָבער שטילערהייט טוט די קראַנקייט איר פאַרניכטנדיקע אַרבעט. ער נייטיקט זיך אין היימישער פלעגע און אָפּרו, אָבער עס ציט אים צו דער ברייטער געזעלשאַפט, צו טעטיקייט. ער אָרדנט זיך איין פריער אין ווילנע, נאָך דעם אין קאָוונע. ער אַרבעט אין דער קאָוונער יידישער קהלה, שרייבנדיק דערווייל פאַר זיין צייטונג. ער האָט פאַרדרוס, וואָס צוליב זיין געזונט־צושטאַנד טאָר ער ניט אויסנוצן זיין רעדנערישן טאַלאַנט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אים נאָך אין זיין פריסטער יוגנט. ער מוז זיך דערפון אויף אייביק אָפּזאָגן.

דעם זומער פון 1922 פאַרברענגט ער אין בירשטאַנער וואַלד. אין פרילינג פון 1923 דערפילט ער זיך זייער קראַנק, און ער מוז אייליק פאָרן קיין אויסלאַנד. אין מאַי קומט ער אָן אין סט. בלאַזיען — שוואַרצוואַלד. ער ווערט קורירט דורך פּנעוומאָ. ער שרייבט אַהיים מיט גרויס אָפּטימיזם: „איך פיל, אַז ג׳ מיינט גוט מיט מיר״. ער האָפט אַז דאָ וועט מען אים ראַטעווען. אויף אַ פראַגע פון פאָטער: וואָס האָט געוויזן די רענטגען־פאָטאָ־גראַפיע? ענטפערט ער בקיצור: מיר ווילט זיך איצט ניט עוסק זיין אין „שאלות הריאה״...

אין מאַי פון 1924 פאָרט ער אַריבער אין דאַוואָס, שווייץ, ווו ער לעבט גאַנצע 4 יאָר. דאָס זיינען יאָרן פון עלנט און פּיין. 2 יאָר ליגט ער צו בעט. די טעמפּעראַטור איז דאָס רוב אומ־נאָרמאַל. און דאָך איז ער ניט מפסיק פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, און אין דעם שעפּט ער טרייסט און מוט. עס ווערן דאָ געשטעלט זיינע פּיעסן און זיי דערפרייען די געמיטער פון קראַנקע און געזונטע.

אין דייטשע זשורנאַלן דערשיינען פיל פון זיינע דערציילונגען, איבערגעזעצט דורך זיין כלה חנה יורמאַן פון קעלן אַם ריין.

פאַר מיר ליגט די פינפיאָריקע קאָרעספּאָנדענץ פון דיכטער צו זיין כלה. דאָס איז אַ שפּיגל פון אַ רייכן גייסטיקן לעבן, פון איבערלעבונגען און שטימונגען; אַ רייכער מאַטעריאַל פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין מהות.

אין פרילינג פון 1928 דערפילט ער זיך בעסער און ער באַשליסט ענדלעך צו פאַרלאָזן דאַוואָס. ער קומט דאַן צו זיינע עלטערן אין פאַנעמון־קאָוונע, ער איז גליקלעך, וואָס ער איז ווידער צווישן זיין פאַמיליע און אין דער היימישער יידישער סביבה פון ליטע.

דעם זומער פאַרברענגט ער אין פאַנעמונער וואַלד. דאָ שרייבט ער צ״אַ זיין דאַטשע־ראָמאַן „דער טעות״.

אין האַרבסט פאַרלאָזט ער זיין היים. דעם ווינטער לעבט ער דורך אין פאַרשיידענע קוראָרטן און אין פרילינג פון 1929, נאָך אַ סך וואָגלענישן, באַזעצט ער זיך אין קעלן. אין מאַי קומט דאָ פאַר זיין חתונה מיט פרל. יורמאַן.

דער קורצער פעריאָד ביז זיין טראַגישן סוף איז פאַר זיין ליטעראַרישן שאַפן זייער פּראָדוקטיוו. זיין נשמה ווערט באַ־רייכערט מיט נייע איינדרוקן. ער זעט און הערט פיל. אַ באַזונדער קראַפט שלאָגט פון זיין פעדער אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן.

פילנדיק זיך אַ ביסל מיד פון דער גרויסער שטאָט, טרוימט ער צו מאַכן אין פרילינג אַ רייזע קיין ניצאַ אָדער איטאַליע, אָבער דער טויט איז זיך מקדים, און אין גיכן מאַכט דער דיכטער זיין לעצטע נסיעה אויפן קעלנער בית־עלמין.

אָנהויב שבט ווערט ער שווער קראַנק. מיט אַ טאָג פריער שרייבט ער צום רעדאַקטאָר פון דער „איד. שטימע״ ר. רובינשטיין וועגן זיין פאַרלאַנג אַרויסצוגעבן אַ באַנד שריפטן. ער האָט שוין מאַטעריאַל אויף 5 בענדער, און אים ווילט זיך זען כאָטש איין

בוך דערווייל. אָבער — אים בלייבט נאָך צו לעבן צוויי וואָכן. אויף מאָרגן ליגט ער שוין אין בעט. מיט אַ זעלטענער סבלנות טראָגט ער איבער זיינע לעצטע טעג. ער ליידט פיזישע און גייסטיקע יסורים, אָבער ער לאָזט ניט פאַלן קיין וואָרט פון יאוש, באַקלאָגט זיך ניט אויף זיין גורל. מיט גרויס רחמנות טרייסט ער זיינע נאָענטע, אַז זיין לאַגע איז ניט געפערלעך.

פיר טעג פאַרן טויט פירט מען אים אַריבער אין אַ שפּיטאָל פון אַ פּראָפעסאָר, אָבער קיין רעטונג איז שוין פאַר אים ניטאָ. דינסטיק פרי, כ׳ שבט, תר״ץ, איז פאַר אים אַלץ געענדיקט. — —

מיט אַ באַזונדער אינטויציע האָט ער מיט יאָרן צוריק געשריבן לידער, וואָס האַרמאָנירן אַזוי מיט זיין שפּעטערדיקן גורל. אָט איז איין פערז:

אייביק בליט דער ליבער מאַי ניט,
אייביק קלינגען טענער פריי ניט
פון דעם לעבנס־ליד;
וואָלקנס מאַכן שוואַרץ די זונען,
און חלומות ווערן צערונען,
אייביק שיינט עס ניט...

ש. מ.

הקדמה

דב סדן / צווישן אינערציע און המצאה

דב סדן

צווישן אינערציע און המצאה

א

ישראל (אברהם) מה־יפית, וואָס אין מיט פערציק יאָר צוריק אַוועק פון דער וועלט, אין עלטער פון דריי־און־דרייסיק יאָר, איז היינט כמעט אַ פאַרגעסענער נאָמען. איך זאָג: כמעט — ווייל ער ווערט דאָך פאָרט, פון מאָל צו מאָל, דערמאָנט, בעיקר ווען עס קומט אויס צו שמועסן וועגן ח. נ. ביאַליק'ס „שירי עם״, וואָס מה־יפית איז געווען איינער פון זיינע פיינסטע פאַריידישער, אַזוי־ווייט, אַז מען האָט אָנגענומען, דאָס מה־יפית איז, בעצם, איינער פון ביאַליק'ס פסעוודאָנימען. די דאָזיקע איבערזעצן געפינען זיך אין יעדער אויסגאָב פון ביאַליק אין יידיש — אָנגעהויבן מיטן בוך „שירים״, („כלל״־פאַרלאַג, בערלין 1922), און פאַרענדיקט מיטן בוך „אויסגעקליבענע שריפטן״ (מוסטערווערק 20, בוענאָס־איירעס 1964). אָבער דאָס איז דאָך בלויז אַ טייל פון מה־יפית'ס שאַפונג, אפילו בלויז אַ טייל פון זיין איבער־

זעצערישער מי, וואָס האָט אַרומגענומען אַנדערע דיכטער, סיי אין אונדזער, בעיקר מיטלעלטערלעכער, ליטעראַטור (ר׳ יהודה הלוי, ר׳ שלמה גבירול), סיי אין אַנדערע, מאָדערנערע ליטעראַטורן. אין די שפּראַכן וואָס ער האָט באַהערשט (רוסיש, דייטשיש, פּויליש). נאָך מער, ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרײדישן קרילאָוו, כאָטש ער האָט מסתמא געוווּסט פון די פריערדיקע פּרוּוון (ר׳ מרדכלי, ריוועסמאַן וכדומה), און דאָס באַווייזט, ווי ווייט עס האָבן געגרייכט זיינע איבערזעצערישע אַספּיראַציעס. אָבער אויך די דאָזיקע מי זיינע, איז בלויז אַ טייל פון זיין פּרוכפּערדיקער שאַפערישקייט — ליד, קופּלעט, דערציילונג, פעליעטאָן, דראַמע.

ב

אמת, אַ יאָר נאָך זיין טויט איז אַרויס אַן אָפּקלויב פון זיינע הומאָרעסקעס, אָבער לא די וואָס עס איז בלויז איין באַנד פון פינף בענד, וועלכע ער האָט נאָך ביים לעבן פּלאַנירט, און וואָס זענען עד־היום נישט דערשינען, איז עס היינט־צו־טאָג אַ ביבליאָגראַפישער ווייסער ראָב. אויך אמת, אַז אין די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך, דאָ און דאָרט, באַוויזן זאַכן פון זיין ליטעראַרישער נחלה — איך גופא האָב דעמאָלט אָפּגעדרוקט עטלעכע פון זיינע מיניאַטורן אין „דבר״; און אויפן שוועל פון ניינטן יאָרצייט זיינעם, האָט די קאָוונער „אידישע שטימע״, ווו ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אָפּגעדרוקט אַן אָפּקלויב פון זאַכן, וואָס זענען געבליבן אין עזבון, אָבער ווידער־אַמאָל — דאָס שלאָפט אין ביבליאָטעקן, און לעת־עתה האָבן מיר אפילו נישט קיין ליטישע ביבליאָגראַפיע, וואָס זאָל אונדז העלפן זיך אָריענטירן אין דעם רייכן און פאַרביקן מאַטעריאַל.

אָבער די זעלבע געטרייע האַנט, וואָס האָט מיט קאַרגע

דרייסיק יאָר צוריק, אַרויסגעגעבן מה־יפית׳ס איינציקן בוך, דערלאַנגט אונדז איצט, צום פערציקסטן יאָרצייט, דאָס געזעמל, וואָס ליגט איצט פֿאַר אונדז. עס איז זיין אלמנה, מרת חנה לבית יורמאַן, וואָס האָט זיינע זאַכן איבערגעזעצט אויך אין דייטשיש, און אַלע יאָרן אָפּגעהיטן מה־יפית׳ס זכר און מיר ווילן האָפֿן, אַז דער אָפּקלויב, וואָס איז איצט אַרויס, איז אַן אָנהויב, וואָס וועט האָבן אַ פֿאַסיקן המשך.

ג

דער אָפּקלויב, וואָס קומט אויפֿפרישן דעם קאָנטאַקט צווישן מחבר און אַ ציבור לייענער, נעמט בעיקר אַרום הומאָ־רעסקעס און די ביאַליק־איבערזעצן, און דאָס מיינט צוויי אַספּעקטן פֿון זיין שאַפֿן, אַזוי ווי די איבערזעצן זענען באַקאַנטער און פּאָפּולערער, פֿאָדערט זיך איצט בעיקר אַן אָפּשאַץ פֿון זיין באַזונדערן הומאָר־נוסח. און שוין אין סאַמע אָנהויב פֿון אַזאַ פּרוּוו מוז מען באַמערקן, אַז אַזאַ באַזונדערקייט האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן, בפֿרט ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז עס איז געווען אַ שטענדיקע רובריק, וואָס האָט אין דער יידישער פּרעסע געהאַט איר היפּשלעך לאַנגע מסורה, און האָט זיך, אויך טעמאַטיש, געדרייט ארום יידישן לוח, און ווי עס פּירט זיך, ביי אַן איינגעזעצטער מסורה, לאָקערט אויף איר דער שאַבלאָן, און עס פֿאָדערט זיך טאַלענט, אָנצוהאַלטן די מסורה, און אפֿילו נישט פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם אָדער יענעם שאַבלאָן, צו בלייבן אין תּחום פֿון הומאָר און זיך נישט אַריינגליטשן אין תּחום, וואָס סימולירט כּביכול הומאָר, און איז נישט מער ווי ליצנות אָדער בדחנות, ווי מיר האָבן עס, בעוונות, אין אונדזער פּרעסע; קירצער געזאָגט: אָנהאַלטן די מסורה פֿון טעמאַטישן צובונד צום לוח און פֿאָרט מחדש זיין.

ד

און עס וואָלט אפשר לייכטער געווען די סכנות פון דער איינגעשטעלטער מסורה גובר צו זיין, ווען נישט דער כוח פון דער שטאַרקער קאָנקורענציע; דען ווער האָט דאָס נישט, מיט זיין הומאָר, באַדינט דעם לוח — י. ל. פרץ, מרדכי ספעקטאָר, ומי לנו גדול, שלום עליכם, און אין פלוג קאָן זיך דאַכטן: ומי יבוא אחרי המלך, ווער קען דאָס קומען נאָכן קיניג; שטעלט זיך אַרויס אַז אויב מען קאָן — קען מען. וואָס שייך שלום עליכם — האָט דאָך שלמה ביקל אָנגעוויזן, אז שלום עליכם האָט אפילו, אין זיין גרויסן טיפּאַזש, — טוביה, מנחם מענדל — איבער־געלאָזט גרויסע מעגלעכקייטן מחדש צו זיין. אויב אַנטוויקלען דעם געדאַנק, האָט שלום עליכם דאָס פּאָרל אויסגעבויט, צוזאַמענפּרעסנדיק אַן עולם־יידן, ווי דאָס פּסיכיש־און מענטאַל־בשותפותדיקע געשטאַלטיקט זיך צו די צוויי גראַנדיאָזע טיפּן, בשעת דאָס נישט־בשותפותדיקע בלייבט, ווי עס בלייבן יענע שטיקער שטיין, וואָס דעם סקולפּטאָרס דלויט וואַרפט זיי אָפּ פון דער געשאַפענער פיגור. און דער חילוק צווישן דעם משל און נמשל איז, אַז אין משל האַנדלט עס זיך וועגן טויטן שטיין וואָס איז אָפּגעפאַלן, בשעת אין נמשל האַנדלט עס זיך וועגן לעבעדיקע מענטשן, וואָס דאָס גלייכע צווישן זיי איז אַריין אין דער געש־טאָלט, און דאָס אומגלייכע צווישן זיי איז געבליבן אין דרויסן, און זוכט זיין תיקון.

ביקל האט זיך אויף דעם פּראָבלעם אָנגעשטויסן נישט דווקא להלכה, נאר למעשה — ער האָט אין זיין היימשטאָט געקענט אַ ברייה, וואָס איז געווען סיי ענלעך און סיי נישט־ענלעך צו מנחם מענדל, און ער האָט דאָס נישט־ענלעכע סקיצירט און אויסגעבולט.

ווען ביקל האָט דעם ענין, סיי להלכה סיי למעשה, פיר־געבראַכט, האָט עס שוין מה־יפית פון לאַנג און, ווי עס ווייזט אויס, גאָר באַוווּסט פּראַקטיצירט. פּונקט ווי ער האָט געוווּסט וועגן דער הומאָר־מסורה אין איר טעמאַטישן צובונד צום לוח, אַזוי האָט ער געוווּסט וועגן דער צענטראַלער ראָל פון שלום עליכם אין דער טעמאַטיק, און טאַקע מחמת זיין באַוווּסטזיין, איז ער נישט געווען אַ נאָכמאַכער, נאָר אַ באַנייער. כדי דאָס צו באַווייזן, וועלן מיר אָנהויבן מיט אַ קליינקייט, אַ פּאָרטל — מה־יפית רופט דאָס טיפּישע שטעטל, ווו אַ סך הומאָרעסקעס זיינע פּאַסירן, מיטן נאָמען **כתרילישאָק**, און עס קען זיך דאַכטן, אַז עס איז נישט מער ווי אַ ליטווישער צופּאַס צום אוקראַאינישן **כתרילעווקע**, אַבער אַז מען לייענט זיך אַריין, פילט מען בפירוש די אָריגינאַלע נאַטע, און דער נאָמען איז מרמז דערויף, אַז פּונקט ווי דער מחבר ווייסט, פון וואַנען און פון וועמען ער גייט, ווייסט ער, וווּהין ער גייט.

אַז מען לייענט די ערשטע הומאָרעסקע „דער כוח פון געלט" ווייסט מען קלאָר, אַז דער מחבר האָט געוווּסט, און אפשר פאַר די אויגן געהאַט, שלום עליכמס הומאָרעסקע וועגן גרויסן געווינס, וואָס האָט אויסגעצייטיקט די קאָמעדיע „עמך"; האָט אָבער געגעבען אן אָריגינאַלע הומאָרעסקע, ווי זי האָט געקאָנט בלויז אין רעם פון **דעם** פערסאָנאַזש אין **דער** אַקציע, אין **דעם** אָרט און **דער** צייט פירקומען. עס זענען צען קליינע פרקים, וואָס יעדער פון זיי פאַרענדיקט זיך מיט אַ גראַם־שטיפעריי, און בשעתן לייענען, וועלן מיר כביכול פאַרבעטן צו זען, ווי עס חזרט זיך דאָ, אין מיניאַטור, איבער דער תוך פון שלום עליכמס לאַנגער מעשה — דאָ האָבן מיר נישט קיין שניידער, וואָס אַ טעותדיק געלייענטער ציפער אין דעם לאָטעריע־צעטל מאַכט אים, אין די אויגן פון גאַנצן שטעטל, אויף אַ שטיק צייט, פאַר אַ גביר אדיר,

און די סביבה חנפעט אים, כדי נאָכן אויפגעקלערטן טעות, זיך צוריקצוקערן צום אַלטן גרינגשאַץ; דאָ האָבן מיר אַ בטלנישן לערער, וואָס אַן אַנדער מין טעות אין לאָטעריע־צעטל, מאַכט אים, בלויז אויף איין איינציקן מיטיק, אין די אויגן פון אַ דרייקעפּיקער משפּחה, פּאַר אַ שטיקל עושר, און דער דריילינג איז אים, לשם שידוך, מקרב, כדי נאָכן אויפגעדעקטן טעות, אים ווידער און ווייטער מבזה צו זיין.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ חילוק: פאַרן שניידער איז דער אומקער צו שער־און־אייזן אַן אומקער פון אַ ליגנערישער, אָנש־טעלערישער און אין־תוך פּוסטער וועלט, צו זיין אייגענעם מהות און כאַראַקטער, וואָס מאַכט אים צוריק פריי און גליקלעך; פאַרן לערער איז דער אומקער פונעם רייכן מיטיק, ביי וועלכן ער איז געזעסן אין דעם פיינעם קאָסטיום, וואָס דער גאַסטגעבער זיינער האָט אים אויסגעסטרויעט, ער זאָל האָבן אַ פּנים ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ קאַנדידאַט פון אַן איידעם, אַן אומקער פון גרויען קבצנות צום גרויען קבצנות. אפשר האָט עס נישט צו טאָן מיטן חילוק צווישן נוסח אוקראַינע און נוסח ליטע, אָבער זיכער האָט עס צו טאָן מיטן חילוק פון די מחברים, וואָס פירט דעם רבין צו אַן אָפּטימיסטישן און דעם תלמיד צו אַ פּעסימיסטישן פינאַל.

ו

און עס איז ווייט נישט די איינציקע הומאָרעסקע, ווו עס בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן דעם באַנוץ מצד אַנדערע מחברים און דעם באַנוץ פון אונדזער מחבר מיט דעם זעלבן מאָטיוו, בפרט דאָרט, ווי עס לאָזט זיך אָננעמען, אַז ער האָט וועגן פריערדיקן באַנוץ געוווּסט אָדער אים געקענט. ווי אַ משל קאָן דינען די הומאָרעסקע „דער שטרייק אין כתרילישאָק", ווו אַ סטודענטל, וואָס קומט אַהיים אויף יום־טוב און וויל פראַווען רעוואָלוצי־

אַנערע שטיק, נעמט אַנרעדן די צוהעלפערס פון אַ קבצן מיט זיבן פּאַלעס, וואָס די צווייַ וואָכן מצות־באַקן זענען זיין איינציק שטיקל פּרנסה, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ שטרייק, און זיי לאָזן זיך איבעררעדן. די סיטואַציע דערמאָנט אונדז דעם סוזשעט אין אונדזער ליטעראַטור, ווי ער קומט, אַ שטייגער, פיר אין אַ קורצער דראַמע פון י. ל. פרץ, אָבער דאָ קומט די הומאָריסטישע פּאָענטע: דער שניידער, ביי וועלכן דער מצה־בעקער ווינט אומזיסט אין קעלער, מאַכט צוניפט דעם סטודענטלס כוונה, — ער פאַרבעט אים אָנצומעסטן זיין קאָסטיום, און פאָרעט זיך דערמיט זייער לאַנג; און די נאָך הומאָריסטישערע איבער־פּאָענטע: דער שניי־דער האָט אומיסטן פאַרלייגט דעם סטודענטלס הויזן און טענהט, אַז דער משרת האָט זיי בטעות פאַרטראָגן צו אַן אַנדערן קונד, און ביז מען ברענגט אים אַנדערע הויזן פון דער היים, וואָס געדויערט אויך היפּש, גייט איבער די שעה פון שטרייק־אָנהויב, און דאָס סטודענטל ברענט פאַר כעס אויף אַלע שניידערס און אַרבעטערס צוזאַמען. און ווי קורץ די זאַך איז, האָט זי אַ שלל פון הומאָר־סיטואַציע, וואָס גייען געקייטלט איינס אין אַנדערן, אַזוי אַז עס געשעט אַ סך, כאָטש עס רעדט זיך ווייניק, אַ פּראָ־פּאָרציע, וואָס אונדזער מחבר דערהאַלט זי אין רוב הומאָרעס־קעס זיינע, וואָס זענען ווייט פון דער באַרעדעוודיקער הומאָ־רעסקע, וואָס איז געווען און איז שכיח אין אונדזער פּרעסע.

ז

באמת האָט אונדזער מחבר דערגרייכט אַ גאָר גרויסע מאָס פון אויסגערעכנטקייט אין דער קאָנסטרוקציע און שפּאָרעוודי־קייט אין די מיטלען, און נישט אומזיסט רעדט ער בפירוש וועגן דער מעלה פון קורצן נוסח. על־כל־פנים שטאַרקט אַן אַנאַליז פון זיין דרך די טעאָריע, וועלכע איך האָב געפּרווט אויפבויען

אויפן סמן פון אַנאַליז פונעם וויץ, דהיינו: פונקט, ווי אַן אַנעק־דאַט פאַרצמצומט זיך, מיט דער צייט, צו אַ גלייכווערטל, פון וועלכן עס וואַקסט, מיט דער צייט, אַרויס, לויט דער נייער היסטאָרישער, סאָציאָלאָגישער און פסיכאָלאָגישער סיטואַציע, אַן אַנדערער, נייער אַנעקדאָט, אַזוי פאַרצמצומט זיך אויך אַ לענגערע אָדער קירצערע דערציילונג צו איר עיקר מאָטיוו, פון וועלכן עס וואַקסט, מיט דער צייט, אַרויס, לויט דער נייער היסטאָרישער, סאָציאָלאָגישער און פסיכאָלאָגישער סיטואַציע, אַן אַנדערע, נייע, לענגערע אָדער קירצערע דערציילונג, און דאָס איז בעיקר חל אויף דער הומאָרעסקע.

דווקא מה־יפית׳ס הומאָרעסקעס, בעיקר די וואָס מאָדולירן אַ מאָטיוו, וועלכער האָט שוין כמה פריערדיקע באַנוצן, אילוס־טרירן קלאָר דעם דאָזיקן פּראָצעס — זיי זענען אַ מין דינאַמישע **מיט,** וואָס קאָן פירן פון דעם לענגערן סיפור־המעשה צו זיין צמצומדיקן קערן, פונקט ווי זי קאָן פירן פון צמצומדיקן קערן צום לענגערן סיפור־מעשה.

ח

און וואָס שייך דער נייער, אַנדערער סיטואַציע — אין פלוג האָט כתרילישאָק נישט וויניק פון אַלטן, לאו־כל־שכן פון נייעם כתרילעווקע, אָבער דאָס פאַרליבטע פּאָרל, אין דער הומאָרעסקע „באַטיסטיני אין כתרילישאָק״, וואַרפט איינס אויפס אַנדערע אַן אומחן, פונקט ווי עס האָבן געטאָן זייערע פירגייער מיט אַ דור צוריק — **יענע** נאָך דעם זיי האָבן זיך אריינגעלייענט אין שמר׳ס העלדן, **די** נאָך דעם זיי האָבן זיך אריינגעהערט אין קלאַנג פון ראַדיאָ — זי מאַכט זיך אַ בילד פון באַטיסטינין לויט זיין קול, און ער מאַכט זיך אַ בילד פון דער אַדעלהיים לויט איר קול, ביז די ראַדיאָ־צייטונג אַנטדעקט זיי, וואָס די דעמאָלט

נאָך נישט עקזיסטירנדיקע מעלעוויזיע וואָלט זיי הײנט תיכף אַנטפּלעקט, אַז דער זינגער האָלט שוין ביי די פינף־און־זיבעציק און די זינגערין ביי די זיבעציק יאָר, און ממילא ווערן די בילדער זייערע, ווי דאָס פּאָרל האָט זיך זיי אויספּאַנטאַזירט, בטל ומבוטל, און מיר געפינען זיך אין סאַמע מיט פון מאָטיוו, וואָס לאָזט זיך פאַרצמצומען, ביז צום מאמר: **אינה דומה ראייה לשמיעה,** און אפשר אפילו ביז צום מאמר: **לא ראיתי אינה ראיה.**

מיר האָבן דאָ און איצט, אין כתרילישאָק, ראַדיאָ, און אָט דער טעכנישער חידוש האָט דאָ פאַרכאַפּט נישט בלויז מענטשן, נאָר אויך בהמות — אַ ראיה די מעשה מיטן אָקס וואָס איז, בשעתן חנוכה־אַוונט, אַרויף אויף דער בימה, און אַז מען האָט אים געפּרוּווט אַרויסטרייבן, האָט ער גענומען רעדן ווי אַ מענטש, און אַלץ צעלויפט זיך און קיינער דערוועגט זיך נישט עטלעכע טעג אַריינצוניוכען, און ערשט נאָך דעם אָקס פגירה, שטעלט זיך אַרויס, אַז ער האָט איינגעשלונגען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דער שפּיץ פון דער הומאָרעסקע איז, אַז דער עולם, וואָס ווייסט **שוין** און באַנוצט שוין ראַדיאָ, און פאַרשטייט אפשר אויך זיין מעכאַניק, גלויבט **נאָך** אין אַן איבערנאַטירלעכקייט און נעמט אָן, אַז דער אָקס האָט פאַרגעסן, דאָס עס איז אים מחייב דאָס ווערטל: **אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר נישט בלאָזן,** אָדער: קיין **יעלה־ויבוא נישט זאָגן,** און האָט זיך גאָר פאַרקוקט אין פרשת בלק און געלערנט אַ קל־וחומר פון **ויפתח השם את פי האתון,** און דער אייבערשטער האָט געעפנט דאָס מויל פון דער אייזעלעכע.

ט

און דאָס ענגע שכנות פון **שוין** און **נאָך** אין זייער פאַרמיש — זענען דאָ דאָס זאַלץ פון כמה וכמה הומאָריסטישע סיטואַציעס

און קאָמפּליקאַציעס. אַ דוגמה דערצו איז אַ מאָטיוו פון יום־טוב־זשאַנער, וואָס חזרט זיך איבער אין צוויי הומאָרעסקעס — „די אושפּיזין" און „איבערגעכאַפּט די מאָס".

אין דער ערשטער הומאָרעסקע האָבן מיר, פון איין זייט, **נאָך** דעם מלמד, וואָס וואַרט, אין דער נאַכט פון הושענא־רבא, אָפּ די מינוט, ווען דער הימל שפּאַלט זיך און האַלט אין איין איבערחזרן: כל טוב, כל טוב, און אין דער פרי געפינט ער די סוכה פול סחורה, און אזוי־ווי ער ווייסט נישט, אַז דאָס האָבן גנבים אַריינגעפּעקלט, מיינט ער, אַז ער איז טאַקע געהאָלפן געוואָרן, און איז מנדב די העלפט אויף צדקה, און אַזוי־ווי די גנבים האָבן דערווייל די סוכה אויסגעליידיקט, איז דער תמים זיכער, אַז דאָס האָט זיין ווייב גורם געווען, ווייל זי האָט אויף זיין נדר פאַראיבל געהאַט. אַבער פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר **שוין** דעם עברית־לערער, וואָס שפּאַצירט אַרום ביינאַכט מיט זיין ליובע און זיי קומען זיך אָפּרוען אין מלמד'ס סוכה, זענען זיך דערווייל מהנה מיט די פיש, וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען, און אַז דער מלמד הערט זיך אונטער זייער לשון־קודש־שמועס און כאַפּט אויף ווערטער ווי: דגים, לויתן, און בפרט אַז ער הערט אַז זיי רופן זיך איבער אברהם און שרה, איז ער זיכער, אַז דאָס זענען די אושפּיזין. איז עס אַן אַלטער מאָטיוו, וואָס האָט כלערליי אָפּלאַכערישע נוסחאות, בעיקר אין אַנעקדאָט, אָבער דאָ, אין אונדזער הומאָרעסקע, איז דער מאָטיוו טאָפּל־שטעגיק אויסגעבויט.

אין דער אַנדערער הומאָרעסקע האָבן מיר אָבער־אַמאָל צו טאָן מיט אַ סוכה, ווו אויף־דער־וואָר זיצט **שוין** אַ דיכטער, וואָס וואַרט, מיטן כוח פון צייטונגס־לעקטור, אויף דער מוזע, אָבער אין־חלום באַווייזט זיך אים **נאָך** אַ מלאך, וואָס זוכט אַ רעכטע סוכה פאַר די אושפּיזין, און אַזוי־ווי די דאָזיקע סוכה געפעלט אים, פרעגט ער דעם דיכטער, וואָס ער וויל, און אַז ער ענטפערט נישט, ווי מען וואָלט געקענט אַננעמען: רוח הקודש,

נאָר: געלט, איז דער מלאך גרייט איס נאָכצוגעבן, אָבער אַז דעם דיכטער איז אַלץ ווייניק, ווערט דער מלאך ברוגז, ווייל אַזויפיל געלט איז גאָרנישט פאַראַן אין די אוצרות־של־מעלה. איז עס אויך אַן אַלטער מאָטיוו, וואָס האָט כלערליי אָפּלאַכע־רישע נוסחאות, ווי, אַ שטייגער, ביי וועלוול זבאַראַזשער, ווו דער רבונו של עולם נעמט זיך שאַסטן מיט די ש״י עולמות, ווענען עס קומט פאָר, ביז ער איז אַרויס באַנקראָט, אָבער דאָ, אין אונדזער הומאָרעסקע, איז דער מאָטיוו טאָפּל־שטעגיק אויסגעבויט.

די טאָפּל־שטעגיקייט איז בולט באַזונדערס דאָרט, ווו דער מחבר גייט נאָך דעם פּרינציפּ פון זה־לעומת־זה, ווי אַ שטייגער, אין דער הומאָרעסקע „אויף קבר אבות״, ווו עס קומען אין שטעטל אַריין צוויי יידן — איינער, וואָס קומט פון אמעריקע, אַן אַרויפנעקומענער, און די גאַנצע שטאָט שטעלן זיך פאָר ווי זיינע קרובים, און אומעטום נעמט מען אים אויף במאכל ובמשקה; און איינער וואָס קומט פון אַ דערבייאיק שטעטל, אַן אַראָפּגע־קומענער, און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים. אויך דאָס שכנות פון **אַרויף** און **אַראָפּ** איז דאָס פּעפּערל פון עטלעכע הומאָרעסקעס וועגן שטעטל, וואָס פאַרמאָגט שוין אַן אויטאָמאָ־ביל, אַ ראַדיאָ, און ווו לעבן נאָמען מאַרקס הערט זיך אויך דער נאָמען פרויד וכדומה.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך דער דרך פון זה־לעומת־זה — אַ ממש קלאַסישע דוגמה איז די הומאָרעסקע: „הנרות הללו״ — גייט אויף דער ליניע פון עלטערע מאָטיוון, וואָס קריגן דאָ אַן אָריגינאַלע מאָדולאַציע. בכלל, פאַרהוילט נישט דער מחבר, אַז ער האָט זיך אויסגעליען שאַבלאָנס, קאָנווענציעס, און ווייזט אפילו אָן אויף זיינע מקורים, פאַרשטייענדיק, אַז נישט די עצם הלוואה, נאָר ווי מען באַנוצט זיך **מיט** איר, וואָס מען מאַכט **פון** איר, וואָס מען איז מחדש **אין** איר, איז דער עיקר. דען מאָטיוון זענען, בעצם, ווי דער אלף־בית — בלויז כ״ב אותיות,

און וואָס לאָזט זיך נישט, דורך זייערע אומצייליקע קאָמבינאַ־ציעס, זאָגן און אַרויסזאָגן? נאָך מער, דער מחבר ברענגט צוויי קאָנטראַווערסאַלע משלים אין צוויי באַזונדערע הומאָרעסקעס — פון איין הומאָרעסקע „סדר־לייכטער" לערנען מיר אָפּ, וואָס פּאַר אַ הלוואה טויג נישט, פון דער אַנדערער הומאָרעסקע „טעמעס־ביוראָ" לערנען מיר אָפּ, וואָס פּאַר אַ הלוואה טויג יאָ.

אין דער ערשטער הומאָרעסקע האָבן מיר אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט דערטאַפּט אַ שטיפערישן סיפור־מעשה אין אַ דייטשיש בלעטל און אים איבערגעזעצט און אָפּגעדרוקט, נישט ווּיסנדיק, אַז עס איז אַ פּלאַגיאַט פון טשעכאָווס אַ נאָוועלקע, און די פּאַטענטע איז נישט, ווי מיר וואָלטן זיך משער געווען, אַז דער פּלאַגיאַטאָר פון פּלאַגיאַטאָר טרייסט זיך מיטן **הגונב מן הגנב פטור;** נאָר, פאַרקערט, ער איז מלא רציחה אויף יענעם מנוול, וואָס האָט גענומען טשעכאָווס נאָוועלקע און אָפּגעדרוקט אויף זיין אייגענעם נאָמען. אָט די פּאַטענטע גייט אויף דער ליניע פון אַנעקדאָט וועגן יענעם, וואָס דערציילט, אַז ווען ער לאָזט אַרויס צו שחרית אַ ליגן, קומט ער צו מנחה צוריק צו אים און ער דערקענט אים נישט מער און ער פאַרענדיקט מיט אַ קרעכץ: אוי, אַ וועלט מיט ליגנערס.

אין דער אַנדערער הומאָרעסקע האָבן מיר אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט זיך, אין אַ סוכה געעפנט אַ ביוראָ פאַר יום־טוב־טעמעס, און ער עקספּלאָאַטירט, אין כלערליי שאַטירונגען, אַ סוכות־מאָטיוו, — אַן אתרוג־אַנעקדאָט, וואָס קריגט כלערליי פּנימער: פון אַ הומאָרעסקע, אַ טראַגעדיע, אַ סענסאַציע וכדומה. אויך דאָ איז פאַראַן אַ פּאַטענטע, אָבער זי פירט אָפּ פונעם באַהאַל־טענעם עיקר — דער קריטישער קוק אויפן הומאָריסטישן יום־טוב־סוזשעט, וואָס דער לוח פאָדערט אים יאָר־יערלעך, און דער כוח פון אינערציע איז נוטה אים מאָנאָטאָן איבערצוחזרן, אָבער דער כוח פון המצאה צווינגט אים זיך פּאַליפאָניש צו מאָדולירן. ווער עס וויל זען, ווי די צוויי כוחות ראַנגלען זיך,

לאַכנדיק און שמייכלענדיק, און לאָזן די המצאה גובר זיין די אינערציע — זאָל זיך אַריינלייענען אין בוך, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז.

ירושלים, תמוז תש״ל

הומאָריסטישע דערציילונגען

דער כוח פון געלט

(אַ סיפּור־המעשה אין צען קאַפּיטלעך)

קאַפּיטל א

אַז מען האָט געלט — איז מען שיין און
קלוג און מען קען זינגען...
(שלום־עליכם)

יעלין

דערלויבט מיר פאָרצושטעלן אייך דעם לערער יעלין: 30 יאָר אַלט, לאַנג און דין, ווי אַ טעלעגראַפנער שטאַנג, גייט תמיד איינגעבויגן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף דער ערד און וואָרפט בשעת מעשה מיט די לאַנגע הענט, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך; שטאַרק קורצזיכטיק איז ער, האָט דיקע ליפּן און אַ לאַנגע נאָז, וואָס מעג צווישן לאַנגע נעזער זיין אַ יושב־ראש. קורץ — בשעת מען האָט אויפן הימל פאָרטיילט שיינקייט, איז ער געווען אַנדערשוואו...

איז דאָס אַ חסרון? — אַוודאי נישט! שטייט דאָך געשריבן: „שקר החן" — שיינקייט איז בלאָטע.

דאָך, די כלות, ווי עס שיינט,
ווייסן ניט, וואָס שטייט געשריבן,
און דעריבער איז ביז היינט
אַ בחור יעלין נאָך געבליבן.

קאַפּיטל ב

דאָס גרויסע פּראָבלעם

יעלינען האָט אָבער איצט באַשעפטיקט אַ וויכטיקע פראַגע. נערוועז

האַט ער אַרומגעשפּאַנט איבערן ניט־געהייצטן צימער און ווי אַ בייזער גייסט האָט אים פאַרפאַלגט דער אומברחמנותדיקער געדאַנק:

— גוואַלד, ווו נעמט מען 50 ליט!?

אַזאַ מיאוסן ווינטער האָט יעלין שוין לאַנג ניט געהאַט. ער וואָלט כאָטש געהאַט 2 אוראָקן פאַרן צימער צו באַצאָלן. די בעל־הביתטע מאָנט, לאָזט ניט לעבן... ער האָט צוגעזאָגט אויף היינט... וואָס טוט מען? — אפשר פּרווון אַריבערגיין צו חיים פינקעלשטיין? — דאָך אַ גוטער באַקאַנטער. ער האָט אַ מאָל חיימס יינגל אַ „שטונדע" געגעבן, אָבער ס'איז אַ שוואַכע האָפענונג. ער וועט ניט געבן, און דאַן בלייבט אין איר גאַנצער שרעק־לעכער נאַקעטקייט די שאלה:

— גוואַלד, ווו נעמט מען 50 ליט?!

פּראָפעסאָרן מיט גרויסע נעמען,
וועלכע לייזן וועלט־פּראָבלעמען,
מה למטה, מה למעלה —
האָבן אויף דער קליינער שאלה
נאָך קיין תשובה ניט דערוויילע,
קען זיין יעלין אין דער לאַגע
צו פאַרענטפערן די פראַגע?...

קאפיטל ג

חיים און ביילע

חיים פינקעלשטיין, וואָס האָט אַ געשעפט פון פאַרטיקע בגדים, איז בטבע ניט קיין שלעכטער מענטש און וואָלט געטאָן יענעם אַ טובה. האָט ער אָבער אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען אַ ווייב ביילע, וואָס טראָגט די הויזן און ער ציטערט פאַר איר אימת־מוות. אָט די ביילע, אַז זי איז מכבד אַ גאַסט מיט אַ גלאָז טיי, קוקט זי נאָך אויף די פינגער און טראַכט:

— 3 ציגעלעך צוקער אין איין גלאָז! גיט זיי טיי, די חזירים... אויס־קרענקען זאָל ער דאָס!...

זי פירט דאָס געשעפט, האַלט זיך פאַר קלוג און דעם מאַן מאַכט זי ווי די בלאָטע פאַר יעדער קלייניקייט. אַלע אירע ידיעות אין זאָאָלאָגיע באַנוצט זי פון זיינטוועגן: זי רופט אים אויס מיט די נעמען פון כל המינים בהמות און חיות, אפילו אַזוינע, וואָס זיינען אין אונזערע קאַנטן גאָרנישט בנמצא. עס איז נאָך אַ נס, וואָס זי שלאָגט אים ניט! וואָרעם גרויס און גראָב איז זי, אַט די ביילע, אַז שפּאָרנדיק וואָלט מען פון איר קענען מאַכן דריי ביילעס, און ווען זי לאָזט אים חלילה אַראָפּ אַ פּאַטש — איז אַ סוף אַן עק: אויס חיים!

נו איז עפּעס אַ חידוש, אַז חיים האָט פאַרלוירן די זעלבשטענדקייט און ציטערט פאַר איר, ווי פאַר פייער?

חיים איז נעבעך זייער שפל,
ליגט אונטער דער ווייבס פּאַנטאָפל,
אים איז געבליבן פון זיין „איך"
נאָר זיין בערדל און זיין פּליך.

קאַפּיטל ד
דאָס פּראָבלעם איז ניט געלייזט

אַז יעלין איז געזעסן ביי חיימען און פאַרטרויט אים זיין שווערן מצב — אַז זיין זייגער האָט מען שוין פאַרקויפט, זיין זומער־מאַנטל אויך, אַז ער איז אומגליקליך, אויב ער באָרגט אים ניט די 50 ליט — האָט חיימען באמת געוואָלט זיך העלפן אים. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אַן זיין ביילען און ארויסגעשטאַמלט:

— איך האָב... גאָר קיין געלט ניט ביי זיך... שלעכטע צייטן... מען לייזט ניט...

— איך וועל אוודאי די וואָך קריגן אַ „שטונדע" — האָט יעלין זיך געפּרוווט ראַטעווען — וועל איך תיכף אָפּגעבן...

— ניטאָ... ניטאָ קיין מזומנים.

— ווייסט איר וואָס? — האָט יעלין זיך אַנגערופן. אַרויסשלעפּנדיק זיין צעריסענעם בריוטאַש — אַט האָב איך דאָ אַ לאָטעריי־צעטל, אַן אַלטן,

ווען ס'זיינען נאָך געווען בעסערע צייטן, האָב איך גענומען אַ לאָטעריי פּאַר 50 ליט... אפשר וואָלט איר ביי מיר איבערגענומען ?

חיים האָט געקוקט אין צעטל : נומער 1925...

— זעט איר — האָט זיך יעלין דערפרייט — נומער 1925... אַ גוטער נומער... לייכט צו געדענקען : די זעלבע צאָל ווי פון היינטיקס יאָר...

— יאָ, ריכטיק, אַ גוטער נומער... אָבער, וואָס זאָל איך טאָן מיט אַ לאָטעריי־צעטל ?... — אַזוי האָט חיים געשטאַמלט, זיך דערמאָנענדיק אָןביילען און אים אָפּגעגעבן דעם צעטל.

גאָלד, זאָגן די כעמיקער, איז אַן איידל מעטאַל און פאַראייניקט זיך שווער מיט אַנדערע עלעמענטן, באַזונדערס שווער אָבער פאַראייניקט זיך עס מיט שרייבער־און לערער־עלעמענטן... — אָט דעם נאַטור־געזעץ האָט יעלין איצט זייער ביטער געפילט און איז אַוועק אַהיים אַ פאַרצווייפלטער.

גערעכט זיינען די פילאָזאָפן,
אַז דער מענטש איז קליין און שוואַך,
אויב ער קען די קונסט פון האָפן
פארלירן ביי דער קלענסטער זאַך.

קאַפּיטל ה
ליזע

וועגן ליזען, חיימס טאָכטער, וועל איך אייך קיין סך ניט דערציילן, כדי ניט צו קומען צו לשון־הרע, און וואָס, מ'שטייגס געזאָגט, קען זי אייך אינטערעסירן, אַז אַ גאַנצן ליבן טאָג איז אָדער זי שטייט אין שפּיגל, אָדער זי פּוצט די נעגל, אָדער זי קלערט, מיט וועלכן בחור צו גיין היינט אין קינאָ. בכלל שאַצט זי אָפּ די א י כ ו ת פון אַ יונגנמאַן לויט דער כ מ ו ת שאָקאָלאַד און פּאַרפומען, וואָס ער שענקט איר, און דערפאַר איז אונדזער יעלין ביי איר בכלל ניט פאַררעכנט געווען פאַר קיין מענטשן.

— ער גייט שוין דער דראַנג, דער בלינדער לאָקש, דער לאַבאַדראַניעץ מיט די אויסגעריבענע אַרבל — פלעגט זי זאָגן — אַנקוקן קען איך אים ניט !... — בכלל איז זי אַ מיידל, וועלכע — — נאָר ווי געזאָגט, וויל איך

ניט באַריידן, נאָר מיין באַקאַנטער פּאָעט, וועמען עס געהערן אויך די איבעריקע פערזן פון אונדזער סיפור־המעשה, האָט אויף איר אַ מאָל געשריבן: —

איר נשמה איז אויפגעקלעפּט
לויטן פאָלגענדן רעצעפּט:
פּודער, מאַניקיר און קינאָ
און שאָקאָלאַדע „טאָבלערינאָ".

קאַפּיטל ו

ר׳ ביינוש

קאָנט איר ר׳ ביינושן? ניין? — אַ סימן, אַז איר האָלט ניט ביי אַ שידוך! ר׳ ביינוש האָט ביי זיך אין בוזעם־קעשענע אַלע בחורים און מיידלעך, אַלע אַלמנות און גרושות פון שטאָט. אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט און קאָן טאָן אַ שידוך, געפינט איר אין זיין נאָטיץ־ביכל, און דערפאַר האָבן אַלע טאַטע־מאַמעס פאַר אים דרך־ארץ, מען טראָגט אים אונטער טיי מיט וואַרעניעס און מען חנפעט אים, כאָטש ער האָט אַ טבע צו זאָגן יענעם דעם אמת אין די אויגן און רעדט אָפט האַרטע דבורים.

ר׳ ביינוש האָט אַריינגעוואָרפן פיר שטיקלעך צוקער אין גלאָז, און מישנדיק געטענהט מיט חיימען:

— איך רייד דאָס אַנטקעגן אייער ליזען, רייד איך. זי זינגט גוט און טאַנצט גוט, אָבער ניט דאָס איז דער עיקר.

— וואָס איז דער עיקר? — האָט געפרעגט חיים.

— דער עיקר איז, אַז אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן. אַ מיידל, פאַרשטייט איר מיך, איז ניט קיין וויין, אַז עס ווערט עלטער, איז קיין מעלה ניט... נו, און אייער ליזע איז שוין אַ בתולה פון אַ יאָר דרייסיק...

— וואָס רעדט איר — 30 יאָר! זי איז 23 יאָר געוואָרן!...

— לאָמיר מאַכן אַ פּשרה אויף 27 — מאַכט ר׳ ביינוש — איז וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען — איך האָב פאַר אייך אַ בחור אַ צאַצקע, כפתור ופרח!

— דהיינו ?

— ראשית איז ער אַ גוואַלדיקער בעל־לשון־קודש און אַ בעל־תנ״ך, פון רוסיש און ליטוויש איז דאָך אָפּגערעדט, אָבער טייטש לייענט ער ווי אַ וואַסער! מיט היינע און געטע און די גאַנצע חברה זייערע איז ער אַן אייגענער מענטש.

— זאָגט שוין, ווער איז דאָס ?

— ווער איז דאָס ? — איר קענט אים: יעלין דער לערער.

— ווי־אַי! ? — האָט חיים זיך פאַרווּנדערט.

— וואָס איז דאָ דער „ווי־אַי״ ? אייער ליזע, זאָלט איר מיר מוחל זיין, איז ביי מיר ניט פון די פערוואַקלאַסנע סחורה, וואָרעם אַ רעכטער בחור וויל היינט אַ מיידל מיט קלאַוויר און מיט פראַנצויז. און ווייטער מוזט איר וויסן, אַז פון 3 בחורים זיינען היינט 2 ציוניסטן, און אַ ציוניסט וויל אַ מיידל מיט לשון־קודש.

— אָבער... — שטאַמלט חיים — ער איז דאָך גוואַלדיק קורצזיכטיק און... און ווייס ניט, ווי מ׳פאַרדינט אַ צענט...

— קורצזיכטיק! — איז שוין ר׳ ביינוש אַריין אין רוגזה — אויך אַ חסרון!... ער איז דאָך ניט קיין שטערן־זעער... און מכוח פאַרדינען איז נאַרישקייט: איר וועט אים געבן אַ 10—12—15—18 טויזנט ליט נדן און צוּוויזן אַ ביסל אין געשעפט, ט׳ער ווערן אַ גוטער סוחר. בקיצור, איר האָט ניט וואָס צו ספּעקולירן, אויב אייער טאָכטער וועט וועלן קריגן דוקא דעם ענגלישן פרינץ אָדער דעם פּערסישן שאַך — און וועט ניט פאָלגן, וואָס ביינוש זאָגט, וועט זי בלייבן ביי אייך זיצן אַ מיידל ביז 100 און צוואַנציק יאָר. זייט זיך מישב! האָט אייך דערווייל אַ גוטן!

גערעכט ר׳ ביינוש, וואָס ער טענהט
אַז אַ מיידל איז קיין ווין ניט.
ס׳בלייבט נאָר איבער מוסיף זיין:
אויך אַ בחור איז קיין ווין,
און ער דאַרף דערפאַר מיט זיך
ניט ספּעקולירן ביז אַ פליך.

קאפיטל ז

ניין, ניין!

אַז חיים האָט דעם שדכנס פאָרשלאָג איבערגעגעבן דער ווייב, האָט זי אים געוואָלט דורס זיין:

— דו שוטה, פּרא־אדם, אָקס, פערד, אייזל, בהמה! ביי דיר איז רעכט יעלינען נעמען פאַר אַן איידעם! יעלין דער שלימזל, דער לא־יוצלח, דער גאַרנישט: אַ ווייב וועט ביי אים שטאַרבן פון הונגער: הערסט, ליזע?

ליזע איז אַריינגעקומען און דערהערנדיק די מעשה, האָט זי אויסגעגאָסן אַ הילכיקן געלעכטער:

— האַ־האַ־האַ! אַ שיינעם חתן פאַר מיר אויסגעזוכט! איך וואָלט דעם שדכן פון אַלע טרעפּ אַראָפּגעוואָרפן... אַזאַ דראַנג, אַזאַ לאָקש, אַזאַ פּרא־אָדם! אַזאַ גולם! אַזאַ אידיאָט! ער זעט דאָך אויס, ווי אַ מאַלפּע און בלינד איז ער דאָך... און זיין נאָז...

— די נאָז איז אַ קנאָפּער אומגליק — זאָגט ביילע — אָבער אַ גראָשן ביי דער נשמה האָט ער ניט און ווייס ניט, ווי מ׳פאַרדינט אַ צענט.

— דאָס האָב איך אויך געטענהט — האָט חיים געשטאַמלט — אָבער...

— וואָס פאַר אַ „אָבער" — האָט ליזע געקוויטשעט — איך האָב געזאָגט „ניין!".

— טאָקע באַשטימט: ניין?

— ניין! ניין! ניין! — האָבן ליזע און ביילע מיט אַ מאָל געשריִען.

אַ זידל־מבול אַזאַ שטאַרקן
האָט יעלין ניט פאַרדינט צו קריגן —
אויף אַן איינגעבויגן פאַרקאַן
שפּרינגען, זאָגט מען, אַלע ציגן.

קאַפּיטל ח

דער גרויסער געווינס

אחר הדברים האלה — אין אַ פאָר וואָכן אַרום איז חיים אַריינגעלאָפן

אין שטוב, אַ פּאַרסאָפּעטער, אַ צעטראָגענער מיט אַ געדרוקטער טאַבעלע אין האַנט:

— וואָס זאָגט איר דערצו?!... ער האָט דאָך... געוואונען דעם גרויסן... דעם גרויסן געווינס!... די 60,000 ליט!

— ווער? וואָס? ווו? — האָט ביילע אים אָנגעקוקט צעמישט.

— יעלין... אונדזער באַקאַנטער יעלין האָט געוואונען די 60,000 ליט אין לאָטעריי... אָט איז די טאַבעלע...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— ער האָט מיר אָנומלטן געוויזן זיין לאָטעריי־צעטל, נומער 1925... דער נומער האָט איצט געוואונען דאָס גרויסע געווינס...

פון וואַנען געדענקסטו אַזוי גוט דעם נומער? — האָט ביילע געפּרוווט דערגיין.

— איך האָב מיר געמומען אין קאָפּ דעם נומער 1952, ווי היינטיקס יאָר.

— האָט טאַקע יעלין געוואונען?

— באַשטימט! קלאָר, ווי דער טאָג! זיין נומער! זיכער: 1925 — באַשטעטיקט חיים קוקנדיק אין טאַבעלע — וואָס זאָגט איר דערצו!... אַזאַ שלימזל...

— ער איז גאָרנישט קיין שלימזל — זאָגט ביילע — ער איז זייער אַ קלוגער בחור... און בכלל האָב איך אים ליב פאַר זיין אידעלן כאַראַקטער.

— ער איז זייער געבילדעט — רופט זיך אָפּ ליזע.

— וואָס הייסט געבילדעט! — כאַפּט אונטער ביילע — ער האָט אָנומלטן געזאָגט אַן אויסלענדיש וואָרט, האָט מיר אַזש אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן...

— פון דעסטוועגן 60,000 ליט — קען חיים ניט פאַרגעסן.

— 6,000 דאָלער אין מזומנים — זיפצט ביילע...

וואָס זשע דאַרפט איר חכמות האָבן
אויב דער מזל האָט אייך האַלט! —
ס׳טרעפט, מען ליגט אין דר׳ערד באַגראָבן,
פּלוצלונג ווערט מען רייך באַצאָלט. —

איין קווינט מזל — זאָגט מיין באָבע —
איז טייערער פאַר טונען גאָלד!

קאַפּיטל ט
דער חתן אויף טיי

— וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ ליימענער גולם? — איז ביילע אין אַ ווילדע אַרום, נאָכן באַרויִקן זיך, אָנגעפאַלן אויף חיימען — ס'איז ניטאָ קיין צייט צו גענעצן, מ'מוז אים באַלד, טאַקע שוין, איינלאַדן אויף לאַטקעס, חנוכה היינט — אַ גוטער תירוץ. און מען מוז זען, ס'זאָל גלייך ווערן דער שידוך, אַ ניט, וועט אים אַוועקכאַפּן אַן אַנדערער... איצט איז נאָך גוט, וואָס קיינער ווייס ניט. ס'קען זיין, ער אַליין ווייס נאָך אויך ניט... אַזאַ געבילדעטן בחור מיט אַזאַ פיינעם כאַראַקטער טאָר מ'ניט איינלאָזן... און דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז ער וועט ניט קענען קומען היינט, מחמת ער גייט אין צעריי־סענעם קאָסטיום, איז גאָרנישט. איך האָב אַן עצה. דו לויף שוין אין געשעפט — נאָ אָט האָסטו דעם שליסל — און קלייב אויס פאַר אים אַ שיינעם אָנצוג... ליזע! וואָס פאַר אַ פאַרב מיינסטו זאָל מען נעמען? — ער האָט אַ שיינע פיגור — זאָגט ליזע — און אַן אינטעליגענט געזיכט; אים וועט קליידן יעדער אָנצוג... — טאָ גיי גיכער! — קאָמאַנדעוועט ביילע — און שיק אים אַוועק דעם אָנצוג. און 2 קראַוואַטן פּאַק איין. איינע אַ זיידענע און איינע אַ ביליקע. און הייס די מיידל זאָגן, אַז מיר שיקן דאָס אים אַ מתנה אויף חנוכה און בעטן אים למען השם קומען היינט אויף לאַטקעס. דו פאַרשטייסט?

— טאָ ריר זיך גיכער, גולם! — ביילע האָט חיימען אַרויסגעשטויסן דורכן טיר און גענומען גרייטן דעם טיש, און ליזע איז אַוועק זיך אויספּוצן לכבוד דעם ליבן גאַסט.

געדעכט איז טאַקע ביילע, אַז יעלין האָט אַן איידעלען כאַראַקטער, וואָרעם אַז ער איז אין אַ שעה אַרום געזעסן ביים טיש, אַ צופרידענער און אויסגעפּוצטער, און מען האָט אים כסדר געבעטן: „עסט: טרינקט! פאַר וואָס געניסט איר גאָרניט”? — האָט ער ניט געהאַט קיין האַרץ אָפּצוזאָגן און

טאַקע געגאַסן אי פון די קערשלעך, אי פון די פלוימען, אי פון די לאַטקעס, אי פון ליקער.

— ווי ער עסט, קיין עין־הרע, די איינגעמאַכטס! אַ פּנים, ער ווייס נאָך פון גאָרנישט — האָט ביילע געטראַכט און זיך אָפּגערופן צו יעלינען:

— איר ווייסט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך היינט מיט די גנבים... מען מוז היינט זייער פאָרזיכטיק זיין...

— ביי מיר איז ניטאָ וואָס צו גנבענען.

— פון דעסטוועגן... אָט האָט איר אייער אַטעסטאַט, אַ מעטריקע, אַ לאָטעריי־צעטל... ווייס איך... ביי אונדז איז פאַראַן אַן אייזערנער שראַנק, וואָלט איר קענען אָוועקלייגן ביי אונדז...

— אַך, דאַנקע! צו וואָס?... ס'איז ניט נויטיק.

— וואָס אַרט אייך — שטייט צו ביילע — עס וועט זיין זיכערער...

— נו, מילא, פון מיינטוועגן... — זאָגט יעלין — אַך, איך האָב עס אָבער ניט ביי זיך... אין אַלטן... ס'הייסט אין אַן אַנדער אַנצוג געלאָזן... —

— ס'מאַכט ניט אויס! — חיים וועט צוגיין מיט אייך, וועט ער מיט־נעמען. ביי אונדז אין שראַנק, וועט איר וויסן, אַז ס'איז זיכער — — — —

— וואָס זאָגסטו צו מיין איינפאַל? — האָט ביילע זיך אָנגערופן צו ליזען, נאָך דעם ווי חיים איז אָוועק מיט יעלינען — אַז דער לאָטעריי־צעטל וועט זיין ביי אונדז, איז גאָר אַן אַנדער זאַך... און ווי ער זעט אויס, קיין עין־הרע, אויסגעפּוצטערהייט! אַ מאַגנאַט! אַ מאַנאַרך.

— ער האָט זייער אײדעלע געזיכט־שטריכן — האָט ליזע געזאָגט — און ער רעדט זייער אינטערעסאַנט... און ליזע האָט זיך פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען: אַ קלאַוויר וועט זי קויפן... פערסישע טעפּיכער... קליידער... היט... אַלע מיידלעך וועלן צעפּלאַצט ווערן!...

אין דער צייט האָבן אויך יעלינס מוח אָנגעפילט ליכטיקע געדאַנקען:

— אַ נייעם אַנצוג האָט ער... עס האָט זיך אים גאָרנישט געחלומט... אַ פיינקייט, באמת, פון די פינקלשטיינס!

אונדזער יעלין האָט אין לעבן
שוין געליטן אַן אַ גרונט,

מעגן מיר אים ווינשטן כ׳לעבן,
פון גאַנצן האַרצן : „טראַג געזונט !״.

קאַפּיטל י

דער סוף פון דער געשיכטע

אַז חיים איז אַריינגעקומען מיט די פּאַפּירן אין האַנט האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צום טיש, אַרויסגעזוכט דעם לאָטעריי־צעטל, מיט ציטערדיקע הענט אים פונאַנדערגעפּנט און אַריינגעקוקט :

— יאָ, ס׳שטימט, נומער 1925 !

— אָבער... אָבער... — האָט פּלוצלונג חיים אויסגעשריען — ס׳איז ניט דער צעטל ... ס׳איז דאָך אַ צעטל פון האַמבורגער קלאַסן־לאָטעריי !...

— וואָס רעדסטו ! ?...

— אודאי ! די געווינסן אין טאַבעלע זיינען פון „רויטן קרייץ״, און דאָס איז האַמבורגער לאָטעריי...

— ווי איז מיר! — האָט ביילע פאַרבראָכן די הענט — אַזאַ שלימזל ! אַזאַ לא־יוצלח !... קויפט ער גאָר אַ צעטל פון האַמבורגער לאָטעריי !...

— אַזאַ דראַנג ! — האָט געקוויטשעט ליזע.

— אַזאַ פּרא־אדם, אַזאַ אידיאָט ! אַזאַ בלינדער טשאָרט ! אַזאַ מאַלפּע ! אַזאַ... אַזאַ...

— ווי איז מיר — האָט ביילע געיאָמערט — פאַר 200 ליט אַ קאָסטיום !... און זעט, וואָס ער האָט דאָ אַלץ אויפגעפּרעסן !... אוי ! וואַסער !... וואַסער !... מיר איז שלעכט !...

פילאָזאָפישער עפּילאָג

אונדזער גאַנצער לעבן באַשטייט
פון אַנטוישונגען אַ קייט ; —
ס׳טרעפט, אַז איינער האָט אַ מכה
און האָט קיין פלאַסטער ניט צו איר,
און דער צווייטער האָט אַ פלאַסטער —
האָט ער אָבער קיין געשוויר...

אין סוכה

(אַ מעשה לכבוד חנוכה)

ניט פאַר אונדז געדאַכט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, וואָס עס האָט פּאַסירט היינטיקן חנוכה מיט זיידלען!

איר קענט זיידלען? — איך האָב אים אייך, דוכט זיך, שוין אַ מאָל פאַרגעשטעלט: זיידל איז אַ יונגערמאַן אַ משׂכּיל און אַ מושלם, פאַרשטייט פּאָליטיק און קען זאָגן אַ גלייכווערטל; שפּילט „שאַך" און ווייס די מאַשי־נעריע פון אַ זייגער; און טאָמער ווילט איר, וועט ער אייך דערקלערן דעם שׂכל, פאַר וואָס עס בליצט און פאַר וואָס אַ גראַמאָפאָן רעדט.

ניט אומזיסט האָט אים רב משה בער גענומען פאַר אַן איידעם, געגעבן אים זיין שיינע טעלען פאַר אַ ווייב און זיין שיינע שניט־קראָם אין נדן, אַ חוץ מזומנים. רב משה בער האָט געוווסט וואָס ער טוט: זיידל איז אַ יונגערמאַן מיט אַלע מעלות.

איין חסרון מער ניט האָט ער, אונדזער זיידל, וואָס ער איז אַ קאַרגער: דאַרף ער אָרויסנעמען אַ ליט פון קעשענע פאַר אַן אָרעמאַן, אָדער אַ קהלשע זאַך, רייסט אים אויס אַ שטיק האַרץ. און דערפאַר פילט ער אַן אינסטינקטיווע שׂנאה צו כל המינים קלייבער און זאַמלער מיט פּאַטשיילקעס אָדער מיט רשימות.

מער פאַר אַלעמען אָבער האָט ער פיינט די ציוניסטישע זאַמלער. זיי בעטן ניט, נאַר מאַנען, פּונקט ווי זיי וואָלטן ביי אים איינגעלייגט אַ חלק! פישמאַן דער לערער האָט זיך ניט געשעמט איין מאָל אים אַ זאָג טאָן, אַז ער דאַרף געבן „מעשׂר" — אַ צענט־חלק פון זיין נדן און שניט־קראָם! געפעלט אייך עפּעס אַזאַ חוצפּה?

האָב איך אייך שוין דערציילט אַ מאָל פון עטלס בריהשקייט? איר קאָכן

האָט אַ נאָמען אין גאַנצן געגנט! מאַכט זי געפּילטע פיש, דאַרף מען איר צעקושן די פינגער, איר צימעס האָט טעם גן־עדן, און אירע לאַטקעס מעג עסן דער קייסער.

זיידל האָלט שטאַרק פון דער אַכילה, און דעריבער איז ער אַרומגע־גאַנגען אין צימער און געריבן זיך די הענט מיט גרויס הנאה, הערנדיק פון קיך דאָס זיסע שיפּען פון די לאַטקעס אויף דער סקאָוואָראָדע, און פאַר־נעמענדיק דעם מחיהדיקן ריח פון גענדזענע שמאַלץ. פּעטע, הייסע, ברוינע חנוכה־לאַטקעס, וואָס לאַכן אויפן טעלער און „ווײַנען״ צווישן די ציינער — האָט איר עפּעס אַ השגה וואָס דאָס איז ?!

איין שוואַרצער וואָלקן נאָר: פּישמאַן! חנוכה איז דאָך זייער צייט צו קלייבן פאַר ארץ־ישׂראל. נו, וועט ער באַלד קומען מסתּמא, אַרויסשלעפּן אַ פּעקל רשימות, אָנהייבן זאָגן מוסר־דרשות, שרייען, קאָכן זיך, דראָען, אַז ער וועט אים אַרייַנשטעלן אין בלאַט — פּע! אָנקוקן קען ער אים ניט, אָט דעם מיאוסן נפש!

איבעריקנס, וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז זיידל איז אַן אַנטי־ציוניסט. אַדרבה: ער האָט זיך געפרייט מיטן יידישן נציב אין ארץ־ישׂראל, באַטראַכט מיט התפּעלות די יידישע אותיות אויף די פּאַלעסטינע־מאַרקעס און האָט דערציילט מיט התלהבות, אַז ער האָט אַליין אַוועקגעשיקט אַ קאַרטל צו זיין שוואָגער נפתּלי אין ירושלים מיט אַ העברעיִשן אַדרעס, און ס׳איז אָנגעקומען! דאָס איז אַלץ גוט און פיין, נאָר דאָס געלט־בעטן האָט ער פיינט.

— ניין! — האָט זיידל פעסט באַשלאָסן — היינט ביים געלט־זאַמלען בין איך אין דער היים ניטאָ! מ׳דאַרף אָנזאָגן ביילקען, אַז אויב ער וועט קומען דער שלימזל, זאָל זי זאָגן, איך בין אַוועק אין גאַס און וועל קומען ערשט — — —

הינטערן טיר האָט זיך דערהערט אַ באַקאַנט הוסטל.

— ווײַ איז מיר!.. דאָס איז ער!.. וואָס טוט מען ?... מען מוז איצט אויף אַ מינוט נעלם ווערן... טאַקע גלייך... אָבער וווּהין, אַז קיין אַנדער טיר איז ניטאָ ?..

ער האָט געהערט, ווי פּישמאַן האָט זיך גענומען אָפּטרייסלען דעם שניי

פון מאנטל, אויסטאָן פּאַוואָלינקע די קאַלאָשן און טאָפּן אויף דער וואַנט, ווּ דעם הוט אויפצוהענגען.

אַ גענייאַלער געדאַנק האָט זיידלען פּלוצלונג אויפגעבליצט:

— אין סוכה!

די ברעטערנע סוכה, וואָס שטייט ביי אים פון יאָר צו יאָר, איז צוגעבויט צום פענצטער, כדי עס זאָל זיין באַקוועמער דאָס עסן צו דערלאַנגען. די סוכה, אויף וועלכער עס איז נאָך אַפילו גאַנץ דער סכך, וועט זיין אַ טייערער מקום־מקלט.

און אומר ועושה: אַ הייב דעם פאַרהאַנג. אָן עפן דאָס פענצטער און — האָפּ! — אין סוכה אַריין. ער האָט האַסטיק ווידער פאַרהאַקט דעם פענצטער און צופרידן געשמייכלט איבער זיין שיינעם איינפאַל.

תיכף איז אַריינגעקומען פישמאַן און אין אַ רגע אַרום עטל.

— ווּ איז דאָס עפּעס אייער זיידל? — האָט פישמאַן געפרעגט, פאַר־טיפט אין ווישן די ברילן.

— ער וועט גלייך אַריינגיין, מסתמא. זיצט.

— אַ דאַנק. איך בין טאַקע פאַרמאַטערט. אַ גאַנצן טאָג גיי איך אַרום.

— איר ווילט געלט אַוודאי?

— יאָ, פון קרן־קימת.

— ווּ איז ער זיידל? — וווּנדערט זיך עטל — אַט ערשט איז ער געווען אין שטוב... איר האָט אוודאי קיין צייט ניט.

— ניין, איך האָב צייט: אומעטום געווען שוין. איר וועט דאָך מיר דערלויבן אָפּשטימען די קאָסע דערווייל?

— מיטן שענסטן כבוד! אַט וועל איך מאַכן ליכטיק, עס איז שוין טונקל.

עטל מאַכט ליכטיק. און פישמאַן צעלייגט זיך בהרחבה ביים טיש, שלעפּט אַרויס צוויי לאַנגע רשימות און עטלעכע הויפנס געלט, ציילט און רעכנט, רעכנט און ציילט — אַ מעשה אָן אָן עק!

— אַ שיינע מעשה — טראַכט זיידל אַריינקוקנדיק דורך אַ שפּאַלט פון פאַרהאַנג — שטיי אויפן פראָסט און וואַרט ביז דער שלימזל וועט פאַרטיק

ווערן מיט די חשבונות. אָבער ס'איז אַלץ כדאַי! אָפּגעטאָן אים אויף טערקיש! איבעריקנס, אָט לייגט ער שוין צוזאַמען די רשימות.

— האָט איר עפּעס היפּש געלט געמאַכט? — האָט עטל זיך אָנגערופן צו פישמאַנען, אַז יענער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן חשבון.

— נישקשה. איבער 5 הונדערט ליט. אָבער האָב איך זיך אָנגערעדט אויף דעם! מיט יענקל דעם מילנער האָב איך גערעדט זיך אַ האַלבע שעה אפשר, אָבער מיט ליידיקן בין איך פון ערגעץ ניט אַוועק.

— איר זייט טאַקע הייזעריק — זאָגט עטל — אפשר וועט איר אויס־טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס?

— אַ גלאָז טיי? — מהיכי תיתי!

זיידל שטייט און קוקט זיך איין, ווי פישמאַן זופּט די טיי פּאַוואָלינקע, לעפּעלעכווייז און איז מלא רציחה אַף עטלען: נאָך וואָס גיט זי אים טיי אין מיטן דערינען!? — זי וועט אים נאָך באלד אָנבאָטן נאָך אַ גלאָז!.. מער פעלט ניט... און וואָס דרייט ער דאָרטן מיטן האַנט אויפן טיש? מ'זעט ניט, דער בופעט פאַרשטעלט. אַוודאי וואַרעניע נאָך געגעבן אים, דעם תכשיט... אַוודאי!.. אָט שלעפּט ער אַ לעפעלע טריסקאַוועקעס צום מויל...

— וואָס טוט מען? — טראַכט זיידל, זיך טרייסלענדיק פאַר קעלט און אונטערטאַנצנדיק, כדי צו דערוואַרעמען די פיס — עס וואָלט אפשר געווען אַ פלאַן אַריינגיין אין שטוב? אָבער דער פענצטער אין דרויסן אַרויס איז פאַרשלאָגן מיט ברעטער און די טיר איז פאַרקייטלט פון דרויסן.

קוים מיט צרות דערוואַרט זיך, אַז פישמאַן האָט געענדיקט די צווייטע גלאָז טיי און געשטעלט זיך. זיידל האָט דערמאָנט זיך אָן די ברוינע שמע־קעדיקע לאַטקעס, וואָס וואַרטן אים, האָט געזען זיין עטלען, וואָס האָט, אַ צערויטלטע פון באַקן, געהאַט דעם זיבעטן חן, און אים איז געוואָרן פריילעך און וואַרעם אויפן האַרצן. ער האָט אַפילו פאַרגעסן אָן די פאַרפרוירענע פיס זיינע, זאָל ער שוין באַר צומאַכן די טיר הינטער זיך, דער לערערוק!

— וואָס איילט איר זיך? — האָט ער דערהערט עטלס קול — זיצט נאָך אַ ווילע, איר וועט פאַרזוכן מיינע לאַטקעס.

מיט אַ שייט האַלץ אין קאָפּ ווען מ'דערלאַנגט אים, זיידלען, וואָלט דאָס אים ניט אַזוי צעטומלט.

— ווי קען דאָס זיין זיידל ? — האָט עטל זיך ווידער געוווּנדערט, אָנ־לייגענדיק פישמאַנען אַ טעלער לאַטקעס פון אַ פּאַלומישאַק.

— ער שפּילט אַוודאי „שאַך” ביי גאָלדינען, — האָט פישמאַן געענט־פערט און זיך גענומען מיט גרויס כוונה צו די לאַטקעס, — פיינע לאַטקעס אייערע! טאַקע גאַר־גאַר געראָטענע לאַטקעס!...

שטיין אין אַ פאַרשנייטער, קאַלטער סוכה און צוזען, ווי יענער שלינגט הייסע לאַטקעס און שמועסט זיך דערביי גאַנץ געמיטלעך מיט אייער ווייב און שמייכלט אונטער פאַר גרויס הנאה, איז ניט קיין געשמאַקער ענין. און דערפאַר דאַרף מען זיידלען ניט דן זיין לכף חוב, אויב אים זיינען געקומען אין מח משונהדיקע, ניט קיין פיינע געדאַנקען. — גערעכט זיינען די באָלשעוויקעס — האָט ער געטראַכט — וואָס זיי רודפן די ציוניסטן. מ׳קען דאָך טאַקע באמת פון זיי ניט לעבן! זיי זוכן דאָס אַ היים פאַר יידן, דער־ווייל נעמט מען און מ׳פאַרטרייבט אַ מענטשן פון זיין היים אין אַזאַ פראָסט... מען וואָלט זיי דאַרפן אַלעמען עוקר מן השורש זיין! ווייצמאַנען, סאָקאָלאָוון און די אַנדערע דאָרטן וואָלט ער פאַרשיקט אין סיביר, און פישמאַנען... ווי גוט וואָלט דאָס זיין. ווען ער פאַרבריט זיין צונג מיט אַ הייסער לאַטקע און מוז אָוועקלויפן אין אַפּטייק. אָדער, ווען ס׳ווערט אין שטעטל אַ שריפה, און זיי לויפן ביידע אַרויס אויפן גאַס... אָדער... אפשר נעמען און אַריינקריכן פשוט דורכן פענצטער צוריק, זאָגן, אז ער האָט עס געמאַכט אַ שפּאַס ? ער האָט אָבער תיכף חרטה געקראָגן: ער האָט דער־הערט פישמאַנס קול:

— איר מיינט, עס טרעפן זיך אויך קוריאָזן. אָט קום איך אַריין היינט צו יאָסל חיהס: —

— ווו איז יאָסל ? — פרעג איך, ניטאָ אין דערהיים — ענטפערט זיין ווייב, — דערווייל דערהער איך זיין קול פון הינטערן טיר: „אַ פּשיק, געהרגעט זאָלסטו ווערן!.. די גאַנצע גריבענעס אויפגעפרעסן... קעץ האַלט זי...”.

— דאָס איז שוין מיאוס, — האָט עטל געזאָגט — מה נפשך, ווילסט ניט געבן — — —

דעם סוף פון אירע אויספירונגען האָט זיידל ניט געהערט. אויפן דאַך

פון סוכה איז פון ערגעץ אַראָפּגעשפּרונגען אַ גרויסע קאַץ און אַ מבול פון שניי האָט זיך אויף אים אַ שאָט געטאָן פון סכך. אַז ער איז צו זיך געקומען, האָט ער געהערט ווידער עטלס שטימע.

— איר שפּילט גאָרניט אין קאָרטן?

— ניין.

— אַ זעקסאונזעכציק אויך ניט?

— ניין.

— דאָס איז שוין ניט שיין פון אייך. ווי קען מען דאָס ניט שפּילן אַ פּשוטן יידישן זעקסאונזעכציק? אויב איר ווילט, וועל איך אייך אויס־לערנען. — — —

זיידל האָט געטופּעט מיט די פיס, געקריצט מיט די ציין: — ער וועט זיי ביידן... ער וועט זיי... פישמאַנען וועט ער אויספּאַטשן, און עטלען וועט ער... ער וועט איר... גאָרניט, זי וויל פּשוט פלירטעווען מיט אים...

אָבער אין אַ שעה ארום (און אפשר איז דאָס געווען נאָר אַ האַלבע אָדער אַ פערטל שעה; ווער ווייס, ווי לאַנג דאָס האָט זיך געצויגן?) בשעת פישמאַן איז אַוועק, און עטל איז אויך ארויסגעגאַנגען אין קיך, און ער, זיידל, איז, אַ פאַרפרוירענער, אַריינגעקראָכן צוריק אין שטוב, איז זיין צאָרן און נקמה־דורשט פאַרשוווּנדן. אַ דערשלאָגענער, אַ באַליידיקטער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן שטול און זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

„כתריאלישקער קוריער״

עס וועט ניט זיין קיין לשון־הרע, אויב איך וועל אייך דערציילן, אַז שמואלקע פיינהאָלץ פירט אַ ליבע מיט פעשקע דעם מילנערס. ס׳איז ניט קיין סוד. גאַנץ כתריאלישאַק וויס דאָס. און ווי אַזוי זאָל מען ניט וויסן ? — אַז האַלבע טעג און גאַנצע אָוונטן זיצט ער אָפּ ביי איר, אָדער זי ביי אים, אָדער מען „מעסט״ דאָס וועלדל פאַרן שיין פון דער לבנה.

אויף דער שיינער 19־יאָריקער פעשקען, פאַר וועלכער עס ליגט, אַגב, אָנגעגרייט אַ פיינער נדן, און זי איז אַ בת־יחידה ביים רייכן טאַטן, זיינען פאַראַן אַ סך בעלנים. אַ פולע בכבודע אינטעליגענטע בחורים זיינען פאַר איר די כפרה, אָבער שמואלקע האָט זי גענומען מיט זיין פאָעזיע. שמואלקע שרייבט לידער, טיפע לירישע לידער און געפילפולע רירנדיקע דערציי־לונגען, וועלכע ער שיקט אין די רעדאַקציעס פון פאַרשידענע יידישע צייטונגען. די רעדאַקטאָרן זיינען באַנדאַרעס, פאַרשטייען ניט וואָס גוט איז און וואַרפן זיינע שאַפונגען אין די קערב. פעשקע אָבער פאַרשטייט זיינע זאַכן ווי געהעריק אָפּצושאַצן. שוין אונטערן שטורעם פון זיין ערשטן ברוּיזנדיקן ליד איז געפאַלן די אומבאַזיגבאַרע פעסטונג, וואָס רופט זיך „פעשקע״.

דאָס דאָזיקע ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיטן באַקאַנטן פערז :

פעשקע, פעשקע!
דו האָסט פאַרברענט מיין האַרץ,
ווי אַ האָלעוועשקע ;
האָסט פאַרכישופט מיך,
אזוי ווי אַ לילית,
דו ביסט דער עמוד
פון מיינע הייסע תפילות! —

וועט אפשר מאַכן אויף די לעזער ניט אַזאַ שטאַרקן רושם, בשעת זיי לייענען דאָס אויף די טרוקענע שפּאַלטן פון דער צייטונג. ווער עס האָט אָבער געהערט אָט די שורות פאַרגעטראָגן פון מחבר אַליין, בשעת ער איז געשטאַנען צווישן די פאַרחלומטע ביימלעך פון וועלדל, און פליטערלעך לבנה־שיין האָבן געטאַנצט אויף זיין בלאַסן פּנים, ווי זילבערנע שמעטערלינגען — דאַרף זיין אַ ליימענער גולם, אַז זיין האַרץ זאָל ניט צעשמאָלצן ווערן אַזוי ווי וואַקס.

פון דעסטוועגן האָט שמואלקען שטאַרק געקרענקט די האַרטהאַרציקייט און טעמפּקייט פון די רעדאַקטאָרן. צי וועט זיך ניט אַ וואַקל טאָן פּעשקעס פאַרטרויען צו זיין טאַלאַנט, אויב איין מאָל נאָך איז זיינע אַ זאַך ניט געדרוקט געוואָרן? און בכלל איז פאַר אַ דיכטער צו ענג דער לעזערקרייז, וואָס באַשטייט פון סך־הכל איין מיידל.

דעריבער האָט שמואלקע באַשלאָסן זיך צו מאַכן אומאָפּהענגיק פון דער טיראַנישער דיקטאַטור פון דער 7טער גרויסער מלוכה און אַליין ארויסגעבן אין כתריאלישאָק אַ צייטונג לכבוד חנוכה. ער האָט איינגעלאַדן אַלס מיטאַרבעטער משה־ברוכן דעם פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק און סענדערקע חיים דעם איינבינדער —ביידע מענטשן, וואָס האָבן אַן אָרגאַנישע שייכות צו ביכער און ליטעראַטור און האָבן שוין, כאָטש זיי זיינען נאָך יונג (זיי זיינען אין איינע יאָרן אַן ערך מיטן 20־יאָריקן רעדאַקטאָר) צו עטלעכע העפטן שריפטן.

עס איז געווען דער אָוונט פון כ״ג כסלו אין יאָר ה׳ אלפים תרפ״ז, ווען דער רעדאַקטאָר האָט צוזאַמענגערופן זיינע מיטאַרבעטער און האָט דערקלערט:

— די טעכנישע זייט איז שוין אין גאַנצן גערעגלט. 100 בויגן פּאַפּיר גיט אָפּ חיים דער איינבינדער צו זעלבסטקאָסטן. קאָפּיר־טינט האָבן מיר אין דער ביבליאָטעק, און איך האָב שוין אויך גערעדט מיט גאַווריל̈אַ דעם שרייבער פון טאַריבע; פאַר אַ פלעשעלע בראַנפן גיט ער אונדז אויף אַ גאַנצן אָוונט דעם שאַפּיראָגראַף פון קאַנצעלאַריע, וועלכער וועט אונדז מעגלעך מאַכן אַן אויפלאַגע פון 100 עקזעמפּלאַרן.

וועגן נאָמען האָב איך באַשלאָסן פאָלגנדיקס:

דער „מכבייער־גייסט״ פּאַסט ניט צום הומאָריסטישן טייל פון אונדזער צייטונג. פאַרקערט, דער נאָמען: „די איבערגעזאַלצענע לאַטקע״ שטעלט אין אַ פאַלשן ליכט דעם ערנסטן טייל. דערפאַר וועלן מיר די צייטונג אָנרופן „דער כתריאלישקער קוריער״ מיט אַן אונטערקעפּל „חנוכה־נומער״. אַזוי אַרום וועלן מיר די צייטונג קענען ארויסגעבן עפטער און מיט דער צייט פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע.

איצט בנוגע דעם מאַטעריאַל:

מיין לייט־אַרטיקל „וואָס איז דער חילוק צווישן חנוכה און פּורים״ האָב איך אייך שוין פאַרגעלעזן. איצט האָבן מיר נאָך משה־ברוכס פאָלגנדיק ליד:

צו די חשמונאים!

אָ, איר װונדערבאַרע העלדן!
אָ, איר העלדן װונדערבאַרע!
װאָס איר האָט פון ציונס הימל
אָװעקגעיאָגט די שװאַרצע כמאַרע.

אָ, איר װונדערבאַרע העלדן!
איר האָט געװיזן אייער גבורה:
איר האָט פאַרטריבן אַלע גרעקן,
און צעפּראַסקעט זיי די צורה!

דער שונא אין געװאָרן שפּל,
געהאַט אַ פינצטערע מפּלה;
און מיר עסן לאַטקעס פון קאַרטאָפל
און זינגען דעם „הנרות הללו״.

די שורה: „און צעפּראַסקעט זיי די צורה״ איז אַפילו שטאַרק, זי קען אָבער אַרויסרופן אומאָנגענעמע אַסאָציאַציעס. איך האָב דעריבער אַריינגעשטעלט אַנשטאָט איר, די שורה: „און געבראַכט די גוטע בשׂורה״. — איצט איז דאָס ליד באמת אַ דיכטערישע פּערל.

משה־ברוך איז געװאָרן רויטלעך:

— איך וויל אָבער ניט, מען זאָל וויסן, ווער דאָס האָט געשריבן. איך וועל אונטערשרייבן ניט מיין פולן נאָמען: משה־ברוך עפּלבוים, נאָר אַ ראשי־תיבות, אָט אַזוי: „מ—ה ב—וך עפּ—בוים".

— גוט, — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר, — מיר נעמען דאָס צו קענטעניש. — ווייטער האָב איך אָנגעשריבן ספּעציעל אויף חנוכה אַ טראַגישע דערציילונג: „די פאַרשאָלטענע לאַטקע".

דער אינהאַלט פון דער דערציילונג, וועלכע שמואלקע האָט פאָרגעלייענט, איז בקיצור אַזאַ: אַ חתן קומט אויף חנוכה צו גאַסט צו זיין כלה. די כלה באַקט אייגנהענטיק לאַטקעס לכבוד אים. מחמת זי איז שטערבלעך פאַרליבט אין אים. פון גרויס אויפרעגונג האָט זי אַ טעות און נעמט, אַנשטאָט די פרישע גענדזענע שמאַלץ, אַ טעפּל מיט פאַראַיאָריקע רינדשמאַלץ. דער חתן, וועלכער איז פון זיין זייט נאָך שטערבלעכער פאַרליבט אין דער כלה, עסט אירע לאַטקעס און מערקט, מחמת גרויס ליבע, גאָרניט. ער מאַכט אָבער קאַליע דעם מאָגן און שטאַרבט אַוועק דערפון. מחמת גרויס האַרצווייטיק נעמט די כלה און שטאַרבט אויך אַוועק.

דער דאָזיקער סיפּור־המעשה, וואָס הויבט זיך אָן מיטן מאָטאָ: כי עזה כמות אהבה" און ענדיקט זיך מיטן פסוק: „הנאהבים והנעימים בחייהם" אאַז"ו האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף די צוהערער. און ביילקע, דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט די גאַנצע צייט צוגעהערט, זיך צוגנבהנענדיק צו אַ שפּאַרונע פון דער טיר, האָט שטאַרק געווישט די אויגן מיטן פאַרטעך.

דער רעדאַקטאָר האָט פאַרריכט די ברילן (פאַרן יאָר צייט, וואָס ער טראָגט די ברילן, האָט ער זיך שוין צו זיי אַזוי צוגעוווינט, אַז ער טוט זיי שוין מער ניט אויס, ווען ער וויל עפּעס זען) און צוגעגעבן:

— דערמיט איז אויסגעשעפּט דער ערנסטער טייל. איצט וועל איך אייך באַריכטן איבער דעם הומאָריסטישן טייל.

דאָ האָט ער פאָרגעלעזן אַ זייער רייכן מאַטעריאַל, וועלכער האָט געטראָגן אַן אָרטיקן כאַראַקטער און האָט געשטאַמט צום גרעסטן טייל פון סענדערקעס פעדער (שמואלקע האָט עס נאָר סטיליזירט).

דאָ זיינען געווען רעטענישן, ווי למשל: „דאָס האָט אַ באָרד און ליגט אין באָד אויפן פאָל. וואָס איז דאָס"? ענטפער: משה דעם בעדערס ציג).

אפאַריזמען, ווי למשל: „עס איז בעסער יונג געבאָרן צו ווערן, איידער יונג צו שטאַרבן״; אַ באַזונדערע אַפּטיילונג אונטערן קעפּל: „דער נס פון קריי־געלע בוימל״, ווו מ׳האָט געקענט לייענען:

— בערל דער גבאי איז געקליבן געוואָרן אויף איין יאָר, און ער האָט די גבאות שוין אַכט יאָר...

— צו יעקלען איז געקומען די שוויגער צו גאַסט אויף איין וואָך, זיצט זי שוין ביי אים אַכט וואָכן... אאז״וו.

דעם גלאַנצפּונקט אָבער פון דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג האָט בלי ספק געבילדעט די פּאָעמע: „און האַלבע נאַכט מיטן אַפּטייקער״, וועלכע האָט זיך געלייענט:

געזונט איז זי ליידער,
האָט ניט קיין בעלמע און קיין הויקער,
פון דעסטוועגן גייט זי כסדר
צום גויִשן אַפּטייקער!

ביי נאַכט, ווען אַלע טוען שלאָפן,
האָט מען זיי צוזאַמען געטראָפן;
דער פּראָסט האָט געפרירט, ניט געוואַרעמט,
און זיי גייען זיך געאַרעמט...

מעג זיין וואַרעם, מעג זיין קאַלט —
זי טוט פלירטעווען פלייסיק;
צוואַנציק, זאָגט זי, איז זי אַלט,
באמת איז זי דרייסיק!

דאָ זיינען געווען געשילדערט נאָך אייניקע וויכטיקע פּרטים פון די באַ־געגענישן מיטן אַפּטייקער, און געענדיקט האָט זיך עס:

איצטער וועט דער חתן קומען,
עסן גריבענעס און בענטשן „מזומן״,

און ער מיינט, ער כאַפּט אַ מציאה,
די 30־יאָריקע יפהפיה... —

ווער עס האָט נאָר געהערט אָט דאָס געדיכט, האָט גלייך געוווסט, אַז דערמיט איז געמיינט דינקע נחמה די שענקערקעס, וואָס שטעטל רעדט שוין לאַנג אויף איר ניט קיין שיינע זאַכן, און וואָס חנוכה דאַרף קומען אַ חתן זי אַנקוקן.

נחמה די שיינקערקע איז אַ יידענע אַ קאָזאַק. אַפילו די פּויערים אין שענק ציטערן פאַר איר. אין שטעטל האָבן זי אַלע פּיינט געהאַט, און דער־פאַר זיינען אונזערע דריי ליטעראַטן געוועזן זייער צופרידן מיטן שפּיצל, וואָס זיי וועלן איר דאָ אָפּטאָן, זיך פאַרשטעלנדיק, וואָס פאַר אַ רושם אַזאַ אַרטיקל אין דער „לאָקאַלער פּרעסע" וועט מאַכן אין שטעטל, און זיי האָבן זיך צעזעגנט אין אַ געהויבענער שטימונג.

אין אַ נאָך געהויבענערער שטימונג איז געוועזן שמואלקע אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווען פעשקע איז צו אים געקומען. ער האָט איר פאַרגעלייענט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון נומער און, גלעטנדיק אירע זיידענע לאָקן צוגעגעבן:

— איך זאָג דיר, מיין גאָלד, אַז קאָפּירט אויף אַ שאַפּיראָגראַף איז אַזוי גוט ווי געדרוקט. אַ סימן האָסטו: די פּאָסט שיקט עס אַלס „דרוקזאַכע". — צו איין נומער פון אונזער „קוריער" וועל איך אַריינשיקן אין אַלע יידישע רעדאַקציעס. און איך בין זיכער, אַז דאָס וועט זיין מיין גאָלדענער שליסל, וואָס וועט פאַר מיר ברייט עפענען די טויערן פון גרויסן ליטעראַרישן טעמפּל.

באַלד האָבן זיך דערהערט שווערע טריט פאַר דער טיר. נחמה די שיינ־קערקע איז אַריין, צוגעגאַנגען האַרט צו שמואלקען:

— זאָג מיר נאָר, טייערינקער! דו שרייבסט דאָס די פּאַשקווילן אויף מיין טאָכטער?

שמואלקע איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן:

— וואָס הייסט?!... איך מיין... אין אַלגעמיין...

— דו פאַרדרייַ מיר ניט דעם קאָפּ, — האָט נחמה גענומען מיט אַ טאָן

העכער, — איך ווייס אַלץ! ביילקע אייער דינסטמויד האָט דערציילט. איז בין איך דאָס דיר טאַקע געקומען זאָגן, אַז עס מעגן דיר אַזוי לאַנג דרייען די ציינער, וויפיל מיין דינקע איז יינגער פון דרייסיק יאָר. און אויב דו מיינסט מיט דיינע פּאַשקווילן מיר קאַליע צו מאַכן דעם שידוך — — —

אַ בלייכער האָט זיך שמואלקע אויפגעשטעלט און איר איבערגעשלאָגן:

— איך מוז אייך דערקלערן, אַז קיין קאָנקרעטיזירטע פּערזענלעכקייטן באַרירט אונדזער אָרגאַן ניט. אַבסטראַקטע דיכטונגען קען מען ניט פאַר־ווערן. איך באַטראַכט אייער אַרויסטרעטונג אַלס אַן אַטענטאַט אויף דער פּרעסע־פרייהייט, וועלכע איז אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער — — —

דער „רעדאַקטאָר" האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן: עס האָבן זיך דערהערט צוויי הילכיקע פּעטש, נאָך דעם אַ קלונג פון צעבראָכענע ברילן־גלעזלעך, נאָך דעם נאָך צוויי פּעטש, אויסגעמישט מיט נחמהס קללות און פּעשקעס היסטערישן קוויטש.

דער „כתריאלישקער קוריער", וועלכער וואָלט געקענט זיין אַ בכבודיקער חבר פון מאַנכע יידישע צייטשריפטן, איז געשטאָרבן אַ מינוט פאַר זיין געבאָרן ווערן.

ערע זיין אָנדענק!

דער שטרייק אין כתריאלישאַק

1

מענדל דער „פּאַדריַאַטשיק״ איז נעבעך אַ ייד אַ גרויסער שלימזל, תמיד גייט עס אים מיט דער פּוטער אַראָפּ: קויפט ער ווינטער אין דאָרף אַ זעקל עפּל, ווערט עס צעפרוירן, האַנדלט ער איין אַ קעלבל — ווערט עס טריף, און אַזוי גייט דאָס אים אין אַלע מסחרים זיינע.

ווען ער וואָלט געלעבט אין דער גרויסשטאָט ביי דער היינטיקער צייט פון רעקאָרדן, וואָלט ער מיט דער ווייב מיט די זיבן קינדער זיינע אוודאי געהאַט אַ נאָמען פאַר גרויסע הונגער־קינסטלער און עס וואָלט מיט זיי געקלונגען אַ וועלט. היות אָבער אונדזער געשיכטע קומט פאָר אין כתריאלי־שאָק אין דער צייט פון פאַר דער מלחמה — האָבן זיי זיך געפאַסט שטילער־הייט, געשטאָרבן זיבן מאָל אַ טאָג פאַר הונגער, און קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט. אַ נס נאָך, וואָס אָרצע דער שניידער, ביי וועמען אין קעלערשטוב ער האָט געוווינט, האָט ניט געדריקט מיטן דירה־געלט.

דערפון וועט איר פאַרשטיין, אַז מענדל האָט ניט געהאַט קיין אייזנבאַן־פּאַדריאַדן אָדער אַנדערע גרויסע אונטערנעמונגען. דעם טיטל „פּאַדריַאַט־שיק״ האָט ער אַ גאַנץ יאָר געטראָגן צוליב די 2 ערב־פּסחדיקע וואָכן, ווען ער האָט געעפנט אַ „מצה־פּאַדריַאַד״, דאַן האָט ער אָפּגעלעבט און געפילט זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער, וואָרעם אַחוץ וואָס אין קעשענע האָבן גענומען קלינגען אַ פּאָר גילדן און אין חמצדיקן צימער האָט זיך באַוויזן אַ לעבל ברויט, האָט ער זיך גלאַט געפילט זייער געהויבן, ווי אַן אמתער פאַבריקאַנט; ס׳איז ניט קיין קלייניקייט צו „קיניגן״ איבער עלף וועלגערקעס, אַ קנע־טערקע, אַ רעדלער און די איבעריקע יוצר־משרתים, וואָס געהערן צו אַ מצה־בעקעריי.

מענדל איז געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין "זעצן": קיין מאָל זיינען ביי אים די מצות ניט פאַרשׂרפעט געוואָרן אָדער פאַרקנייטשט זיך און המצדיק געוואָרן, און דערפאַר האָט קיין אַרבעט ניט געפעלט: אַ גאַנצן טאָג האָט פריילעך געקנאַקט דאָס פייער אין אויוון, די וואַלגערהעלצער האָבן געקלעפּלט און דאָס קוויטשן פון רעדל האָט זיך אויסגעמישט מיט די פריילעכע שטימען פון די ווייס־באַשירצטע, צערויטלטע מיידלעך.

פאַר נאַכט, בשעת די זון האָט געטובלט אירע לעצטע שטראַלן אין דער שטעטלשער בלאָטע, האָט זיך די גאַנצע „קאָמאַנדע" אַרויסגעשאָטן פון פאַדריאַד, אַרצע מיט די דריי בנים, וואָס האָבן געגייט אין דער אויבערשטער דירה, זיינען אויך אַרונטערגעקומען, און דאָס גאַנצע געסל האָט געקלונגען פון יונגן העלן געלעכטער.

2

יאָסיף, איטשע דעם אַגולניקס, וואָס איז געקומען פון ווילנע אַהיים אויף פּסח, איז 16 יאָר אַלט און גייט אין 7טן קלאַס גימנאַזיע. ער טראָגט ברילן, רירט זיך פון אָרט ניט אָן אַ בוך און מיטן אַפּטייקער רעדט ער רוסיש. קיין חידוש ניט, אַז אַלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ.

זיין טאַטע וואָלט געווען מיט אים זייער צופרידן, ווען ער וואָלט זיך ניט אַריינגענומען קיין נאַרישקייטן אין קאָפּ: אַז ער הייבט אָן צו ריידן וועגן די אַרבעטער און וועגן סאָציאַליזם, פאַלט אָן אַ חלשות און אָן אימה. אַ חלשות — ווייל ווי קען דאָס אַ מענטש אַ בר־דעת פאַרלאַנגען, אַז ראָטשילד און אַרצע דער שניידער און דער רב און דער בעדער זאָלן זיין אַלע גלייך!.. משוגע מיינע שׂונאים!.. און אָן אימה — טאָמער חלילה דערהערט דער אוריאַדניק אַזוינע דיבורים. ווייס דער רוח, ווו האָט ער זיך אָנגעשמעקט מיט אַזוינע זאַכן?

יאָסיף איז געווען ביי אַרצען אָנצומעסטן אַ קאָסטיום אויף פּסח און באַנוצט די געלעגנהייט, צו „קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אַרבעטער־מאַסע", ד"ה מיט די אָנגעשטעלטע פון מענדלס בעקעריי, וועלכע איז די איינציקע „פאַבריק" אין שטעטל.

מענדל האָט גראָד געהאַט „איבערגעוואָרפן" דעם אויוון און אָוועק־

געלאָפן אין מאַרק אַריין נאָך אַ נייער פּאַמעלע. אָט די פּויזע האָט יאָסיף באַנוצט, אויסצופרעגן די „אַרבעטערשאַפט" וועגן זייער לעבן. און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געענוי וועגן אַלץ אינפאָרמירט, האָט ער זיך צו זיי געווענ־דעט מיט אַזאַ רעדע:

— „שוועסטער און ברידער! דער קאַפּיטאַליזם שטרעקט אויס זיינע נעגל צו דערשטיקן דעם אַרבעטער־קלאַס! איר ווערט אויך עקספּלאָאַטירט פון אייער בלוטדורשטיקן אַרבעטגעבער, וועלכער צווינגט אייך צו באַקן פון 7 פרי ביז 8 אין אָוונט, און וואָס באַקומט איר? דער מעלשיטער קריגט 3 קאָפּיקעס פון פוד, און דער רעדלער — 10 קאָפּיקעס! איז דאָס ניט הימל־שרייענדיק?

שוועסטער און ברידער! די אַלוועלטלעכע אַרבעטערשאַפט איז אויף אייער זייט. איר מוזט זיך אָרגאַניזירן, וואָרעם מ אַ ר ק ס לערנט אונדז ———"

לאַנג האָט נאָך יאָסיף גערעדט וועגן מאַרקס און קלאַסן־קאַמף, ביז די מיידלעך האָבן ניט געקענט צוזען זיין צער און אַלע האָבן מסכים געווען צו דערקלערן אַ שטרייק זייער בעל־הבית דעם עקספּלאָאַטאָר.

דער „אַרבעטערשאַפט" האָט אָבער געפעלט איניציאַטיוו: קיינער האָט ניט געוואָלט אַרויסשטעלן זיך אַלס ראש המדברים: אַ טייל האָט מורא געהאַט פאַר טאַטע־מאַמע און אַנדערע האָבן פּשוט ניט געקענט מעיז זיין קעגן מענדלען.

דערפאַר האָט יאָסיף דערקלערט, אַז ער וועט מאָרגן 10 אַ זייגער פער־זענלעך דערשיינען אין „פּאַדריאַד", מען וועט וואָרפן די אַרבעט, און ער וועט, מיט דער געהעריקער מאָטיווירונג, אין נאָמען פון סאָציאַלער גערעכ־טיקייט, דערקלערן דעם שטרייק. די פאָדערונגען: אַ 8־שעהעדיקער אַרבעטס־טאָג און 50 פּראָצענט הוספה אויפן געהאַלט.

3

אין אָוונט איז בערל דער רעדלער געזעסן ביי אַרצען און דערציילט וועגן יאָסיפס רעדע און דעם געפּלאַנטן שטרייק.

אַרצע האָט אויסגעהערט די געשיכטע און זיך אָנגערופן:

— מענדל איז אַ ייד אַן אביון, די ווייב איז קראַנק, אַז גאָט זאָל זיך

מרחם זיין! די קינדער גייען אַרום הונגעריקע מיט נאַקעטע „פּופּקעס"...
אַז איך וואָלט זיי היינטיקן ווינטער ניט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר וועגלעך
האָלץ, וואָלט מען זיי געפונען פאַרפרוירענע. איז טאָמער זעט מען, אַז אַזאַ
ייִד האָלט ביים פאַרדינען אַ פּאָר רובל אויף פּסח, גייט מען אויפבורען אַ
געשיכטע מיט אַ שטרייק... שעמען מעגט איר זיך אַלע אין אייער ווייטן
האַלדז!..

— איך האַלט אויך — האָט בערל געענטפערט אַ שולדיקער — אַז ס'איז
קיין יושר ניט... 40 קאָפּיקעס פון פּוד איז גאַנץ גענוג... אָבער מ א ר ק ס
זאָגט ער, זאָגט, אַז מ'מוז בעטן פופציק פּראָצענט מער...

— ווער איז דאָס דער מאַרקס?

— אַ ווילנער יונגערמאַן, מן הסתם...

אַרצע איז געוואָרן אָנגעצונדן:

— אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ, צו זיין לייב־און־לעבן!... זאָל ער
זאָגן אַ דעה ביי זיך אין ווילנע, און ניט ביי אונדז!... אָדער זאָל ער בעסער
אַריינשיקן מענדלען אַ פּאָר רובל, ער זאָל קענען געבן די קינדער אין
חדר, אויב ער איז שוין אַזאַ בעל־טובה...

— איך האַלט אויך אַזוי, אָבער יאָסיף זאָגט...

— יאָשקע איטשעס? אָט דער יונגאַטש? און ער וועט דאָס קומען
מאָרגן מודיע זיין וועגן שטרייק?

— יאָ.

— און אַז ער וועט ניט קומען?

— וועט מסתמא גאָרניט זיין.

— נו, טאָ זייט זיכער, אַז קיין שטרייק וועט ניט זיין. פאַרלאָזט זיך
אויף מיר: אַרצע, אַז ער וויל, קען ער!

4

אַלע געדענקען נאָך די געשיכטע, ווי אַזוי אַרצע האָט אַ מאָל אָפּגעהיט
דעם גבאי, ווען יענער איז געגאַנגען אָנפּאָיען די ציג און האָט אים פאַר־
שפּאַרט אין שטעלכל אויף אַ גאַנצער נאַכט צוזאַמען מיט דער ציג, און זאָל
ער וויסן, דער גבאי, אַז אַרצען לאָזט מען ניט שמחת־תורה אָן אַן עליה! —

דאָס דערציייל איך אייך, כדי איר זאָלט וויסן, אז אַרצע, אַז ער וויל, קען ער.

אויף מאָרגן, אַ זייגער האַלב צען פרי, האָט אַרצע דערקלערט זיינע בנים זיין פּלאַן, אַנגעזאָגט יעדערן, וואָס ער האָט צו טאָן און באַפוילן:

— וועלפּקע! טו אַ שפּרונג און רוף יאָסיפן אָנמעסטן דעם אַנצוג. זאָל ער קומען, זאָג אים, אָבער שוין!

יאָסיף איז געקומען און אַרצע האָט אים „גענומען אין דער אַרבעט".

— ראובקע! ווייז אַהער די קאַמזעלקע — האָט ער געקאָמאַנדעוועט — טוט אָן פּאַני יאָסיף... אָט אַזוי... איר זעט? ס'איז דאָך אָן אתרוגל, ניט קיין קאַמזעלקע!... וועלפּקע, ווייז אַהער דעם רעקל! זייט אַזוי גוט... ניט אַזוי פּאַני יאָסיף: איר זייט פאַרקראַכן מיטן דייקסל הינטער די אונטערשלאַק... דער אַרבל איז נאָך ניט ריכטיק צוגענייט... אָט אַזוי!... נאַ, וואָס זאָגט איר, ווי עס ליגט!... וואָס טאַפּט איר דאָ? איר מיינט עס בלאָזט זיך? בלאָטע! מען וועט אויספּרעסן, וועט זיך ניט בלאָזן... איר קענט אויסטאָן, אָט אַזוי... — ראובקע, דערלאַנג די הויזן! שנעל, ריר זיך! — שטערט זיך ניט, פּאַני יאָסיף: קיין ווייבער קומען דאָ ניט אַריין... מאַירקע, העלף אַראָפּציִען די לינקע „קאַלאָסע"!..

ביים אָנמעסטן די הויזן, האָט אַרצע לאַנג געאַרבעט מיט אַ באַזונדער כונה: געטרענט, געסטריגעוועט, געצייכנט מיט קרייט און ענדלעך געמעל־דעט אַז ס'וועט אַרויסקומען אַ בגד — פאַרן קייסער צו טראָגן.

— איצטער, זייט מוחל, ציט אַראָפּ... אָט אַזוי... איר קענט זיך אָנטאָן — האָט ער געזאָגט, זיך אויסגלייכנדיק און איז אַוועק צו דער מאַשין.

יאָסיף האָט זיך אַרומגעדרייט אין די תחתונים במחילה און געבורטשעט עפּעס, זוכנדיק אין צימער מיט די קורצזיכטיקע אויגן.

— וואָס זוכט איר?

— איך זוך... מיינע... מיינע הויזן...

— וואָס הייסט, זיי זיינען דאָך דאָ אָקערשט געלעגן? מאַירקע, וועלפּקע! זוכט אויף יאָסיפס אַלטע הויזן, רירט זיך!

מען האָט איבערגעקערט די שטוב — ניטאָ קיין הויזן!

אַרצע האָט אויך „געהאָלפן" זוכן, האָט זיך כלומרשט געבייזערט, גע־שאָלטן, ביז ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַז ראובקע איז אַוועק אָפּטראָגן דעם פּריץ דעם אָנצוג, האָט ער פֿאַרביטן און מיטגענומען יאָסיפּס הויזן !... נאַ, אַוודאי !.. אָט הענגען דעם פּריצס ברייטע תחתונים... געהרגעט זאָל ער ווערן, זעט ניט וואָס ער נעמט... לויף גיכער, מאירקע, וועסט אים נאָך כאַפּן אויפֿן וועג...

שעהען זיינען פֿאַרגאַנגען, שליחים זיינען געלאָפֿן און געקומען, און ראובקע מיטן פּריצס אָנצוג איז ווי אין דער ערד אַריין. און אויך דער שליח, וואָס איז געגאַנגען צו יאָסיפֿן אַהיים ברענגען ערזאַץ, איז געקומען מיט אַ תשובה, אַז ער האָט געפֿונען פֿאַרשלאָסן די טיר...

5

די „אַרבעטערשאַפֿט” אין פֿאַדריאַד האָט אַ האַלבע שעה סאַבאָטירט, און אַז דער פֿירער איז ניט דערשינען, האָבן זיך אַלע געפֿילט אָפּגענאַרט און פֿאַרראַטן. מיט גרויס כעס האָבן זיי זיך גענומען צו די וואַלגערהעלצער און ס׳זיינען אַרויסגעקומען מצות דין, ווי פּאַפּיר, און קרוכקע, אַז עס צעגייט אין מויל !

6

מען זאָגט, אַז טראָצקי און אַנדערע גרויסע וועלט־רעוואָלוציאָנערן זיינען אַ מאָל געגאַנגען אָן הויזן. וואָס פֿון יאָסיפֿן איז שפּעטער געוואָרן, ווייס איך ניט. אין יענעם טאָג אָבער, מנחה־צייט, אַז ער האָט ענדלעך צוריק באַקומען די הויזן און האָט אָן אויסגעהונגערטער געשפּרייזט פֿון אָרצעס גאַניק אַראָפּ, איז ער געווען מלא רציחה ניט נאָר אויף אָרצען מיט זיינע בנים, נאָר אויף אַלע שניידער און שוסטער און בכלל אויף אַלע אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט.

באַטיסטיני אין כתרילישאָק

דער יצר־הרע, ימח שמו, פונקט ווי אַלע מאָדערנע פאַרברעכער, באַנוצט זיך פאַר זיין אַרבעט מיט די בייסטע דערגרייכונגען פון דער טעכניק. איך וויל אייך דאָ דערציילן אַ געשיכטע ווי אַזוי ער האָט מיט דער הילף פון ראַדיאָ געפּרוווט פאַנגען אין זיין נעץ פון זינדיקע געדאַנקען צוויי ריינע, כשרע נשמות, און ווי אַזוי דורך אַ גליקלעכן צופאַל איז זיין טריפהנער פּלאַן צו נישט געוואָרן.

✡

מענדל דער זייגערמאַכער און פעשל פיינגאָלד פאַרנעמען ביידע אַן אָנגעזעענעם אָרט אין די כתריאַלישקער יוגנט־קרייזן. ער איז דער פאַר־וואַלטער פון דער ביבליאָטעק, לייענט דייטש, האָט אַ שטאַרקע ידיעה אין טעכניק און מאַשינעריע און איז חוץ אַלעמען, אַ גוטער פאַרדינער. און זי, פעשל, האָט געענדיקט פיר קלאַסן פּראָ־גימנאַזיע, שפּילט קלאַוויר און האָט אַ מאָל אויף אַ פּורים־באַל אין כתריאַלישאָק באַקומען דעם ערשטן פּריז פאַר שיינהייט.

מענדל און פעשל, כאָטש קיין אָפּיציעלער תנאים איז ביי זיי ניט געווען, ווייסן אַלע, אַז זיי זיינען חתן־כלה און אין קורצן דאַרף זיין די חתונה. זיי לעבן זיך, ווי אַ פּאָר טייבעלעך: קיין מאָל האָט מען איינעם פון זיי ניט געזען שפּאַצירן גיין אָן דעם אַנדערן; ביי טאָג זיצט זי אָפּ שעהען לאַנג ביי אים אין געשעפט, צוקוקנדיק מיט באַגייסטערונג, ווי ער אַרבעט איבער די וווּנדערלעכע קליינע מעכאַניזמען, אין אָוונט לייענען זיי בחברותא די צייטונג, אָדער ביכלעך פון דער ביבליאָטעק.

אַט אַזוי האָבן זיי זיך געלעבט אין נחת און פרידן, ביז אַ שוואַרצע קאַץ

אין געשטאַלט פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז צווישן זיי דורכגעלאָפן און שיער ניט קאַליע געמאַכט אין גאַנצן די מערכה. —

ויהי היום — איז מענדלען איינגעפאַלן איינצואָרדנען ביי זיך אַ ראַדיאָ. די באַשטאַנדטיילן, האָט ער באַרעכנט, זיינען ניט אַזוי טייער, און איינ־מאָנטירן וועט ער אַליין. ערשטנס, וועט מען ניט זיין אַזוי אָפּגעריסן פון דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט, און אַגב, זאָלן טאָקע לייט זען, אַז ער פאַרשטייט עפּעס אין העכערע טעכנישע ענינים אויך, אַחוץ טרייבערן די געדערעם פון די זייגערלעך.

נאָך דעם, ווי פעשל האָט מיט אַנטציקונג אַקצעפּטירט זיין פּלאַן, האָט ער ביי דער נאָענטסטער נסיעה אין שטאָט איינגעקויפט די נויטיקע מכשירים. נאָך דעם האָט ער צוויי וואָכן געאַרבעט מיטן ביטערן שוויס ביים איינ־סטאַלירן, ביז עס איז אַרויסגעקומען דער אמתער פיינער לעמפּעלעך־אַפּאַראַט, וואָס אַ כאַפּ טאָן ווין אָדער פאַריז איז ביי אים בלאָטע.

אמת, לכתחילה האָט דער ראַדיאָ געמאַכט מיאוסע העויות: געפייפט, געקוויטשעט, געבלאָזן שופר. נאָך דעם ווי מענדל האָט אַרויסגעפונען די רעכטע קונץ, איז אַוועק אַ גאַנג, און גאַנץ שטעטל איז געלאָפן אויף חידושים.

איין מאָל אין אָוונט — מענדל איז גראָד געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט — איז פעשל אַליין געזעסן ביים אַפּאַראַט, אָנגעזאָטלט מיטן „קאָפּ־הערער". און דרייענדיק דאָס זוך־רעדל, אַרומגעפאָרן איבער די הויפּטשטעט פון כדור־הארץ. פּלוצלונג האָט זיך געמעלדעט אַ בת־קול:

— אַכטונג, אַכטונג! דאָ איז פראַנקפורט אָם מיין. איבערטראָגונג פון דער שטאָט־אָפּערע — אַריען־אָוונט פון באַרימטן איטאַליענישן זינגער באַטיסטיני.

„אַ מאָדנע זאַך — האָט פעשל געטראַכט — אַלע איטאַליענער וואָס ענדיקן זיך אַף ‚איני', זיינען גרויסע לייט, למשל: ראָסיני, פּוטשיני, מוסאָ־ליני... פון דעם באַטיסטיני האָט זי אַפילו קיין מאָל ניט געהערט, אָבער עס איז כדאַי אַ הער צו טאָן: מסתמא אויך ניט קיין קאַליקע"...

און תיכף האָבן זיך אַ שאָט געטאָן סאַמעטענע, זיסע טענער, וואָס האָבן גערירט ביים האַרצן, געגלעט די נשמה און צעגאַנגען זיך ווי בוימל איבער

אַלע גלידער. זי איז געזעסן ווי אין חלום און האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט דאַן ווען דער זינגער האָט אַרויסגעדונערט דעם פינאַל און אין טרייבל האָט זיך דערהערט אַ שטורעם פון אַפּלאַדיסמענטן.

„אָט דאָס הייסט געזונגען — האָט פּעשל געטראַכט — אַ גלייכעניש עפּעס צו מענדלס „השיבנו", אָדער צו סיראָטעס „ושמרו", וואָס ער זינגט".

דער שטורעם פון אָוואַציעס האָט גאָר ניט געוואָלט שטיל ווערן. „בראַוואָ! הוראַ — באַטיסטיני! בראַוואָ"! — האָט דער עולם געפּילדערט און געברילט. און דאַכט זיך, אַז פון קולות־געמיש האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגעהערט די באַגייסטערטע פרויען־שטימען, וואָס איז דער וווּנדער? — ער איז אויך געוויס אַן אויסערגעוויינלעכער קראַסאַווען, אָט דער איטאַל־יענישער יונגערמאַן.

ענדלעך זיינען די אויסרופן און פּאַטשערייען אַנטשוויגן געוואָרן — באַטיסטיני זינגט ווייטער. און פּעשלען דוכט זיך, זי זעט אים פּאָר זיך אַ לעבעדיקן: אַ הויכער, אַ שלאַנקער, זיין ברייטער אַלבאַסטער־שטערן איז איינגעראַמט אין נאַכט־שוואַרצע לאָקן, אַ פּאָר פייערדיקע אויגן ברענען דורך דעם זאַל און צאַרטע הענט מיט ווייסע לאַנגע פינגער שטרעקן זיך אויס, ווי די טויבן־פליגל אין דער לופט...

„קאָמישע פינגער — קלערט זי — האָט מענדל: קורצע אַזוינע מיט אָפּגעביסענע נעגל"... און זי דריקט צו פעסטער דעם „הערער" צו די אויערן און שלינגט דורשטיק די האָניק־זיסע און פוטער־ווייכע טענער, וואָס שטראָמען פון ערגעץ אַ וויטן פאַרצויבערטן פּאַלאַץ, ווערט אַלץ מער באַגייסטערט און פאַרשיכורט, הייבט זיך אויף אַלץ העכער, העכער איבער כתריאלישאַק, און צום סוף פון דער דריטער אַריע קען זי שוין באַטיסטיניס געשטאַלט מיט אַלע פּיטשעווקעס און — איז אין אים פאַרליבט...

זי האָט ניט באַמערקט, אַז מענדל שטייט שוין לעבן איר זייט פינף מינוט, ביז ער האָט אַ הוסט געטאָן.

— אַ, מענדל! — האָט זי אַרויסגערופן, ווי פאַרוווּנדערט, און דער נאָמען האָט איר מאָדנע געקלונגען: ווער האָט דאָס אויסגעקלערט, איך בעט אייך אַ נאָמען „מענדל"? וואָס איז אַ נאָמען? — דוכט זיך, גאָרנישט... פון דעסטוועגן, פּרוווט פאַרגלייכט: מענדל און באַטיסטיני!

— דו ווייסט — האָט זי ענדלעך געזאָגט — באַטיסטיני האָט ערשט געזונגען!

— ווער? באַטיסטיני איז שוין לאַנג געשטאָרבן...

— דו ביסט שוין גאָר עובר בטל — האָט זיך פעשל ווי דערשראָקן — ווי קען ער זיין געשטאָרבן, אַז ער האָט אָקערשט געזונגען?

— וואָרט... דו ביסט גערעכט... איך האָב אַ טעות... פּ אָ ג אָ נ י נ י איז געשטאָרבן.

דער שמועס האָט זיך שוין יענעם אָוונט ניט געקלעפּט. ענדלעך האָט פעשל קאַלט געזאָגט:

— קום, גייסט אַריבער צו אונדז? מיר האָבן היינט פּאַררוקט אַ בולבע־טייגעכץ.

ווען פּראָפעסאָר פרויד וואָלט דערביי געווען, וואָלט ער אין דעם טאָן פון „בולבע־טייגעכץ" באַלד דערקענט, „פאַרדרענגטע עראָטיק".

מענדל וואָלט זיך זיכער באַלד אַרומגעזען, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַלץ כשורה און „איר הארץ איז מיט אים, ניט ווי נעכטן און אייערנעכטן", ווען מיט אים וואָלט זיך ניט געטראָפן אַן ענלעכע געשיכטע: אין צוויי טעג אַרום האָט ער זיך פאַרליבט אין זיזי אַדעלהיים!

ווער איז זי, אָט די זיזי? לאָמיר אַזוי ניט וויסן פון קיין בייז! ווינער ראַדיאָ האָט געמעלדעט, אַז זיזי אַדעלהיים וועט זינגען דריי לידער פון איר רעפּערטואַר: „דאָס שוואַנען־ליד", „דאָס געבראָכענע הארץ" און „אין מאַנאַט מאַי" — און זי האָט גענומען ווייזן, וואָס זי קען און צעגאָסן זיך מיט אַזאַ מתיקות, אַז אַ שטיין האָט געקאָנט צעגיין.

אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם האָט מענדל מיט אַן אויג ניט געקענט צוטאָן. אין די אויערן האָט אים אַלץ געקלונגען איר האַרציקע, מעטאַלישע, בויגעוו־דיקע שטימע, און פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען איר צאַרטע עלאַסטישע פיגור און איר איידעלער, קלאַסיש־געשניצטער פנים מיט די שטראַלנדיקע בלויע אויגן.

און אויף מאָרגן, אַז פעשל איז צו אים געקומען, איז אים גלייך אויפ־געפאַלן די בראָדעווקע אויף איר נאָז.

— וואָס איז ביי דיר אויפן נאָז? — האָט ער געפרעגט אַנגעכמורעט...

— וואָס זאָל זיין ?... ווייסט ניט, אַז איך האָב אַ פּינטעלע אויפן נאָז ?

אַ פּינטעלע ? — האָט מענדל איר איבערגעקרימט אין געדאַנק — די בראָדעוווקע איז גרויס ווי אַן אַרבעס, איז דאָס ביי איר אַ פּינטעלע... נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן... זי פאַרשטייט אָפּנים וואָס שיין און גראַציעז איז ?... זי פילט אַפילו ניט, אַז דער נאָמען „פּעשל" קלינגט העסלעך און קליינשטעטלדיק. אַ גלייכעניש אַ ביסל דאָס איז : זיזי און פּעשל !

ביידע זיינען זיי געזעסן ביים אַפּאַראַט, געדרייט, געהערט אָפּגעריסענע שטיקלעך פון פאַרשיידענע סטאַנציעס און זיך נאָר איבערגעוואָרפן מיט געציילטע ווערטער.

— עס וואָלט געווען שיין — טראַכט פּעשל — ווען באַטיסטיני פּליט, למשל, פון איטאַליע קיין מאָסקווע אויף אַן עראָפּלאַן, דער עראָפּלאַן ווערט גראָד קאַליע, און ער מוז זיך אַראָפּלאָזן אין כתריאלישאָק אויף אַ לאָנקע הינטערן באָד... — ווער פאַרשטייט דאָ ביי אייך מוזיק ? — פרעגט ער, שפּאַצירנדיק אין גאַס, אין דער צייט, וואָס מען פאַרריכט דאָרטן זיין מאָטאָר, און ער דערפרעגט זיך צו איר :

— איך האָב די ערע זיך פאַרצושטעלן : באַטיסטיני ! דאַרף איך אייך בעטן מיר עפּעס פאַרשפּילן ?

זי שפּילט קלאַוויר.

ער גייט צו צו איר, פאַרבייגט זיך :

— סיניאָרינאַ פיינגאָלד ! אין אייך איז פאַרבאָרגן אַ ריזן־טאַלאַנט ! ווען איר וואָלט וועלן מיטפאָרן מיט מיר און באַגלייטן מיר ביי מיינע קאָנצערטן...

„אוי־אַי־אַי־אַי" — האָט דער אַפּאַראַט מיט אַ מאָל משונה אַ קוויטש געטאָן, פּונקט ווי מען וואָלט אים אָנגעטראָטן אויפן הינעראויג, אוןביידן אָפּגעריסן פון זייערע געדאַנקען. נאָר מענדל האָט גראָד אויך געהאַט פאַנ־טאַזירט פון זיין זיזי, ווי אַזוי ער באַקענט זיך מיט איר, בשעת זי קומט צו אים מיט איר ליבינקן גאָלדענעם זייגערל צו פאַרריכטן.

— פּרווו איינשטעלן מילאַן — זאָגט פּעשל, זיך אויסטשוכענדיק.

— וואָס עפּעס מילאַן ?

— ווייל די איטאַליענער זיינען די בעסטע זינגער.

— מאָל דיר, צו ווינער קומען זיי ניט! — און ער טוט אַ דריי דאָס רעדל.

— איז דאָס מילאַן? — פרעגט זי אומגעדולדיק.

און אַ בת־קול מעלדעט פון ערגעץ:

— פוסבאָל: „וואַקער" קעגן „ראַפּיד" — צוויי צו איינס...

מענדל דרייט ווייטער: — שאַ, דוכט זיך, מיר האָבן געכאַפּט ווין! — און עס דערהערט זיך אַ קול:

— ...זייער וויכטיק איז דער געשטאַנק: וואָס מער דאָס מיסט שטינקט, אַלץ בעסער איז דאָס פאַר די פעלדער!

זיי זיינען אַריינגעפאַלן אַקוראַט אין בערלינער „זענדער", וועלכער האָט געהאַלטן „פירטל שטונדע פיר דען לאַנדווירט"...

נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת איז געבליבן, אַז עס איז קיין פּלאַן ניט אַזוי. מען מוז אויסשרייבן פון בערלין די ראַדיאָ־צייטונג, (דאָס איז געווען מענדלס עצה), וווּ מען קען זען גענוי די פּראָגראַם, ווער וווּ עס זינגט און צו וועלכער צייט.

מיט קלאַפּענדיקע הערצער האָבן זיי געוואַרט אויפן זשורנאַל. און אַז דער זשורנאַל איז מיט מזל אָנגעקומען, איז אין ערשטן נומער און אויך אין אַ וואָך אַרום, אין צווייטן, ווי אויף צו להכעיס גאָרנישט געשטאַנען ניט פון באַטיסטיני, ניט פון זיזי. דערפאַר אָבער, אין דריטן נומער, איז געשטאַנען דווקא פון ביידן, און ניט אין דער פּראָגראַם־אָפּטיילונג, נאָר טאַקע אין רעדאַקציאָנעלן טייל, און געשטאַנען איז מיט גרויסע אותיות אָט וואָס:

— „דער מיטל־דייטשער רונד־פונק־פאַראיין גראַטולירט האַרציק דעם העלדן־טענאָר מאַטעאָ באַטיסטיני צו זיין 75־יאָריקן יובילײ און די באַ־ליבטע קאַמער־זינגערין זיזי אַדעלהיים צו איר 60סטן געבוירן־טאָג. טראָץ זייער טיפן עלטער האָבן זייערע שטימען גאָרנישט פאַרלאָרן פון זייער קלאַנג־ריינקייט און אויסדרוק־קראַפט און מיר ווינטשן זיי נאָך פיל יאָרן... אאַז"וו".

דריי מאָל האָבן מענדל און פעשל איבערגעלייענט די דאָזיקע באַגרי־סונגען און — איך לאָז איבער פאַר די פּסיכאָלאָגן צו באַשרייבן זייער

נשמה־צושטאַנד אין יענעם אָוונט. איך ווייס נאָר, אַז ווען פּעשל האָט ענדלעך זיך אויפגעהויבן צום גיין, האָט מענדל געזען בחוש, ווי רייצנדיק, חנוודיק די בראָדעווקעלע זיצט אויף איר שיינער נאָז, און ווען זי האָט געזאָגט:

— קום אַריבער צו אונדז, מיר האָבן היינט פּאַררוקט אַ „בולבע־טייגעכץ" — האָט מען פון וואָרט „בולבע־טייגעכץ" דייטלעך אַרויס־געהערט:

— אַ כּפּרה אַלע זינגער פון דער גאַנצער וועלט פאַר איין מענדל...

מיין קבלת-פנים אין כתריאלישאָק

פינף יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין דער שווייץ, ביז איך האָב מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אומגעקערט זיך מיט מזל אַהיים קיין ליטע.

נו, ווייסט איר דאָך, אַז איך בין בטבע ניט קיין בעל-גאווה. וועל איך ניט נעמען דערציילן אייך וועגן די גרויסאַרטיקע „קבלת-פּנימס", וואָס מ'האָט איינגעאָרדנט פאַר מיר אין באַזעל, פראַנקפורט, בערלין און אין אַנדערע שטעטלעך, ווו איך בין דורכגעפאָרן, אָבער איך קען זיך ניט איינהאַלטן, אייך ניט צו דערציילן וועגן דער האַרציקער, וואַרעמער אויפנאַמע, וואָס איך האָב געהאַט אין כתריאלישאָק.

אַזוי פיל אינטערעס און פריינדשאַפט, אַזוי פיל ליבע און איבערגעבנקייט, האָט מען נאָך אין קיין יידישער קהלה ניט אַרויסגעוויזן, ניט מיר, ניט קיין אַנדערן יידישן שרייבער.

איך וועל ניט לאַנג ברייען און וועל דאָס באַשרייבן בקיצור:

ביי דער ליטווישער גרענעץ, בשעת איך האָב פאָרן צאָל-באַאַמטן געעפנט מיין פּאָרטפעל, האָב איך נאָך אַ מאָל קאָנסטאַטירט, אַז ס'איז פאַראַן דערין ב"ה אַ פיינע ביסל סחורה: צוויי דראַמעס נייע, אַ פּעקל שירים, אַ פּאָר בינטלעך נאָוועלן און פעליעטאָנען, אַחוץ נאָטיצן און רוי-מאַטעריאַל, פון וועלכע מ'קען, מיט דעם אויבערשטנס הילף, אויסאַרבעטן אַ רעכט ביסל שורות. וועט מיר אויסקומען אַרויסצוטרעטן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט — האָב איך געקלערט — וועל איך קודם כל פאָרלעזן...

— שלום-עליכם! פון וואַנען אַ ייד?...

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער ברייטפּלייציקער ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ געלער באָרד, פון וועלכער די ברייטע נאָז האָט אַרויסגעקוקט ווי אַן אַאַזיס.

— שלום־עליכם! — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ טאָן העכער, מיך אויפצוטשוכען פון מיינע רעיונות — איך בין פון כתריאלישאָק, בין איך, כתריאלישקער גבאי טאַקע, זייט איר אפשר אויך פון אונדזערע מקומות?

— ניין.

— אָבער אַ ליטוואַק זייט איר דאָך?

— יאָ, איך בין פון ליטע.

— פון וואַנען פּאָרט אַ ייד?

— פון אויסלאַנד.

— פון אויסלאַנד?

— פון אויסלאַנד.

— פון ווייט?

— יאָ, פון ווייט.

דער ייד האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיינע אַמעריקאַנער ברילן און אַ שמייכל געטאָן אין זיין געלן וואָלד אַריין: „ביסטו, הייסט עס — האָט ער געטראַכט — אַן אורח פון אַמעריקע... נאָר דו רעדסט מיר עפּעס פאַר־שטעלטע דבורים, ווילסט זיך ניט אַרויסווייזן, מיר אָבער, ר׳ בערל, דעם כתריאלישקער גבאי, פאַררעדט מען ניט די ציינער. כ׳האָב דיך באַלד דערקענט״.

און ער האָט פאַרגעזעצט די חקירה ודרישה:

— זייט איר שוין לאַנג פון דער היים?

— יאָ, שוין אַ פּאָר יאָר.

— ווי איז אייך געגאַנגען אין יענע מקומות?

— נישקשה.

„נישקשה״, זאָגט ער — האָט דער גבאי געטראַכט — אַז מ׳קען זיך פאַרגינען צו מאַכן אַ נסיעה פון אַמעריקע אַהיים, גייט שוין בעסער ווי נישקשה, פירט מען שוין מסתמא ביי זיך אַ שיינע מטבע. נאָר אַלע גבירים האָבן שוין אַזאַ טבע, אַז זיי האַלטן זיך באַשיידן, האָבן מורא אויסצוזאָגן, טאָמער וועט מען ביי זיי אויסכאַפּן. מיר אָבער נאַרט מען ניט. איך בין אַ מבין אויף אַ טשאַד״... — און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— נו, איצטער, אַז איר קומט נאָך אַזוי פיל יאָרן צו גאַסט אַ היים, פאָרט איר אַודאי ניט מיט ליידיקע הענט?

— אַוודאי פאָרט מען ניט מיט ליידיקן. אָט דאָ אין פאָרטפעל — האָב איך געזאָגט מיט שטאָלץ — פיר איך די פרוכט פון מיין לאַנגיאָריקער אַרבעט. אַ רעכט ביסל פאַפירן און פאַפירלעך האָב איך דאָ, וואָס זייער ווערט וועלן ערשט אָפּשאַצן די קומענדיקע דורות...

— אַזוי!... אַזוי!!... אַזוי!!!... — ביי יעדער מאָל „אַזוי" זיינען זיינע אויגן געוואָרן גרעסער, און זיין שטערן בלאַסער, אַ שפּילכעלע דאָס איז, ווען די דאָלאַרן און טשעק־ביכלעך גייען שוין ניט אַריין אין בוזים־קעשענע און מ'פּאַקט זיי אין פאָרטפעל! און ער האָט צוגעגעבן: — וואָס רעדט איר עפּעס: „די קומענדיקע דורות"?! היינטיקע דורות פאַרשטייען אויך גוט דעם ווערט דערפון...

דאָ מוז איך באַמערקן, אַז מיין יידנס געדאַנקען און די אויסטייטשונג פון זיינע תנועות גיב איך אייך דאָ איבער לויט מיין א י צ ט י ק ע ר אויפפאַסונג. דעמאָלט האָב איך גאָרנישט חושד געווען און געמיינט, אַז ער איז אַ הייסער אָנהענגער פון ליטעראַטור און דערפאַר בין איך זייער גערירט געוואָרן פון זיינע לעצטע ווערטער און האָב אויך מיט האַרץ געזאָגט:

— אָט די גרויע, קאַלטע פאַפירלעך, וואָס איך פיר דאָ, וועלן אַריינברענגען ליכט אין יידישע הייזער און דערוואַרעמען זייערע הערצער!

— מילא, מ'רעדט שוין ניט וועגן אַלע יידישע הייזער... מען וואָלט כאָטש אַריינצינדן עלעקטרע אין בית־מדרש... און אַז מען וואָלט פאַרריכט דעם אויוון אין מרחץ, וואָלט מען אַוודאי דערוואַרעמט אַ גאַנצע עדה יידן...

איך בין געווען פאַרטאָן אין מיינע געדאַנקען און האָב ניט תופס געווען דעם זין פון זיינע רייד. און ער האָט ווייטער געזאָגט מיט אַ טיפן זיפץ:

— אַז ווייל איז צו דער שטאָט, וואָס איר פאָרט אַהין, איר מהנה צו זיין פון אייערע אוצרות, מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט אייך געהאָלפן!

משמעות — האָב איך געטראַכט — אַז ער האָט זיך שוין געכאַפּט ווער איך בין, ווי באַלד ער רעדט מיט אַזאַ באַשטימטקייט וועגן דעם ווערט פון מיינע שאַפונגען.

איך בין באַהערשט געוואָרן פון טיפער דאַנקבאַרקייט און געענטפערט:

— מיין ליבער ייד! מיינע אוצרות זיינען באַשטימט ניט פאַר מיין שטאָט אַליין, נייערט פאַרן גאַנצן כלל ישראל. וואָס ברייטערע קרייזן ס׳וועלן פון זיי געניסן, אַלץ גליקלעכער וועל איך זיין. אויב איר ווילט, בין איך אַפילו גרייט צו באַזוכן אייער כתריאלישאַק. — טרערן האָבן זיך באַוויזן ביי ר׳ בערלען אין די אויגן, און ער איז מיר שיִער ניט ארויפגעפאַלן קושן.

— וואָס רעדט איר?! מיר וועלן דאָס אייך אייביק ניט פאַרגעסן... פאַרן מיר, הייסט עס, צו אונדז! טאַקע באַלד... טאַקע שוין... אַט איז אונדזער סטאַנציע... ווייזט אַהער אייער טשעמאָדאַן! קומט!

✡

פון סטאַנציע ביזן שטעטל איז ניט ווייט, און מ׳גייט געוויינלעך צו פוס, נאָר פון מיין כבוד וועגן האָט ער אָוועקגעשיקט אַ שטאַפעט אין שטעטל אַריין, און באַלד איז געקומען מאַטקע דער פורמאַן מיט זיינע ברענענדיקע „אַדלערס".

אויפן העלפט וועג האָב איך געהאַט אַן אַנגענעמען סיורפריז: ס׳זיינען אַנגעקומען מיר אַנטקעגן ביי אַ פּאָר צענדליק דעלעגאַציעס פון „הכנסת כלה", „מלביש ערומים", „ביקור־חולים" און פיל אַנדערע מיטן רב און די חשובי העיר בראש. מ׳האָט מיר דערלאַנגט ברויט מיט זאַלץ, און אין צען מינוט אַרום זיינען מיר געווען ביי ר׳ בערלען אין שטוב, וווהין מיר האָבן זיך קוים מיט צרות דורכגעשפּאַרט, מחמת דער גרויסער „זאַל" און אַרומיקע צימערן זיינען שוין געווען געפּאַקט מיט מענטשן. אַפילו די פענצטער זיינען געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, ווי האָניק־פּאַפּיר מיט פליגן.

איך האָב אין אָנהייב שוין באַמערקט, אַז איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזען אַזאַ ברענענדיקן אינטערעס צו ליטעראַטור. ס׳איז גענוג איבערצוגעבן איין עפּיזאָד.

פון הינטער דער פאַרשפּאַרטער טיר האָט זיך דערהערט אַ תחנונימדיקער קול: „לאָזט מיר אַריין צום גאַסט!... איך בין אַן אומגליקלעכע אלמנה, נעכטן איז ביי מיר די קו געפּגרט!".

האָט איר ווען געהערט, אַז אַן אָרעמע אַלמנה זאָל זוכן טרייסט און פאַרגעסונג אין דעם דיכטערס וואָרט?

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען שרעקלעך גערירט און האָב באַפוילן די פרוי תיכף אַרייַנצולאָזן.

נאָך דעם ווי דער רב און די פאַרשטייער פון אַלע מוסדות האָבן מיר אין לענגערע רעדעס קלאָר געמאַכט דעם מצב פון דער מקווה, פון דער תלמוד־תורה אאַז״וו, וועלכע זיינען אַלע אויף גרויסע צרות, האָב איך גענומען דאָס וואָרט און באַדאַנקט פאַר די הייסע באַגריסונגען און גרויסן אינטערעס צו מיינע ווערק און פאַרן כבוד, וואָס מ׳האָט מיר אָנגעטאָן, מיך צו באַקענען מיט אַלע שטאָטישע אינערלעכע ענינים. נאָך דעם האָב איך זיך גענומען צום פאַרטפעל. אַ געשפּאַנטקייט און אַ שטילקייט איז געוואָרן אין צימער, אַז מ׳האָט געקענט הערן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט ביי די פליגן אויף דער סטעליע... איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ נאַטור־ליד:

זומער אין וואַלד

אין אַ פּורפּורנעם באַגינען,
ווען די טראָפּנס בלויקייט רינען,
און די זון הייבט אָן צו שפּינען
אירע גאָלדענע גאַרדינען... אאַז״וו, אאַז״וו.

איך האָב איבערגעלייענט אַ פיר־פינף לידער פון דעם מין און בין געווען זייער פאַרוואונדערט, וואָס קיינער אַפּלאָדירט ניט. מען האָט גאָר געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיך עפּעס משונה איבערגעקוקט.

משמעות — האָב איך באַשלאָסן — אַז כתריאלישאָק איז שוין לאַנג אַריבערגעוואַקסן די אַלטמאָדישע ליריק און זיי ווילן הערן עפּעס מאָדערנס. האָב איך אַרויסגעצויגן אַן אַנדער בינטל מאַנוסקריפּטן און דעקלאַמירט:

גרינע בויכווייטיק

יידישקייט און וועלטישקייט.
פאַרפלאַכטן אין אין־סופקייט... אאַז״וו.

וואָס ווייטער איז אין זאַל געוואָרן די שטימונג אַלץ אומרויִקער און אויפגערעגטער, ביז דער גבאי האָט מיר ענדלעך איבערגעשלאָגן:

— ליבער אורח! איר האָט ליב שירים — מהיכי־תיתי, זייער פיין... אָבער וואָס איז מכחן עיקר?

— וואָסער עיקר?

— געלט, געלט מיינען מיר...

— וואָסער געלט?... — האָב איך געזאָגט, איך פאַרלאַנג פון אייך נישט קיין געלט. איך גיב אייך די פאַרלעזונג אַ נדבה... וועט איר וועלן, וועט איר אָנשרייבן אַ באַריכט אין „איד. שטימע". איך בין אַ מיטאַרבעטער פון „איד. שטימע", טאָ זאָלן זיי טאָקע זען, וואָס פאַר אַ רושם איך האָב געמאַכט אויף דער פּראָווינץ — —

אַ פּאָר מינוט האָט נאָך געדויערט, ביז זיי האָבן תופס געווען די סיטו־אַציע. נאָך דעם האָבן זיך דערהערט קולות:

— וואַרפט אים אַרויס, דעם יונגאַטש!...

— אַ העזה דאָס איז, אויסצולאַכן אַן עדה יידן!... — אַ חוצפה!... אַ סקאַנדאַל. — צעפּאַטשן דאַרף מען אים, דעם חצוף!

מיט גרויס חכמה און סטראַטעגיע איז מיר געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון הויז, איידער זיי האָבן באַוויזן אָט דעם לעצטן פאָרשלאָג צו פאַר־ווירקלעכן.

✡

אַז איר וועט הערן אַ ייד זידלט מיך, רעדט אויס אויף מיר כל דבר אסור און מאַכט חוזק פון מיינע שירים, זאָלט איר ניט לייגן קיין אַכט דערויף: ס'איז אַוודאי אַ ייד פון כתריאלישאַק.

אומזיסטע שונאים

אַז איר וועט אין כתריאלישאַק נאָכפרעגן זיך אויף זלמן רובינען, וועט מען אייך געוויינלעך ענטפערן, אָוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט און פאַר־קרימענדיק די נאָז: „לאָזט מיר צורו, איך בעט אייך, מיט אייער זלמן רובין!...״ אָדער: „געפונען פון וועמען צו ריידן... אויך אַ מענטש!...״ — דאָס איז שוין אַ גוטע מיינונג. עס קען טרעפן, אַז מען זאָל זיך אָפּרופן וועגן אים מיט פאַרביסענער שנאה אין אַ שאַרפן זידל טאָן: — „אַ לאַ־יוצלח, אַ גאַרנישט איז ער, אַ מיאוסער נפש. אָנקוקן קען איך אים ניט!...״

וועט איר אָודאי מיינען: מסתמא איז ער אַן אומדערטרעגלעכער פאַר־שוין, אַ רכילותניק, אַ צולהכעיסניק, אַ כל־בו?... — הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס! זלמן איז אַ שטילער, רויִקער מענטש, אַ בחור, וואָס רירט אַ פליג אויף דער וואַנט ניט אָן. ער גיט „שטונדן״, האָרעוועט אַ גאַנצן טאָג מיט זיינע תלמידים און פאַרדינט אויף ברויט מיט קרופּניק און אין אָוונט לייענט ער ביכלעך, אויף וואָס ער גיט אויס די לעצטע פאַר גראָשן זיינע.

וואָס זשע האָט מען צו אים? — הערט זיך איין, וועל איך אייך אויף טשיקאַוועס ווייזן, ווי אַזוי ער האָט זיך אומזיסט־אומנישט איינגעקויפט פערציק שונאים.

*

פעשל דעם מילנערס איז אַן אשת־חיל און קען אין געשעפט בעסער פאַר איר מאַן. דעריבער איז זי געפאָרן אין שטאָט אַריין איינהאַנדלען נייע מיל־שטיינער און אַנדערע מכשירים פאַרן מילבאַטריב. אַזוי ווי די נויטיקע זאַכן זיינען גראָד ניט געווען אויפן לאַגער און געזאָלט אָנקומען ערשט אין אַ

פאַר וואָכן אַרום, האָט זיך אין פּעשלען דערוועקט דער ווייבערשער יצר־הרע, און פאַר די טויזנט ליט, וואָס זי האָט ביי זיך געהאַט, האָט זי איינגעהאַנדלט אַ קאַטיקענעם מאַנטל. דער מילנער איז געווען זייער אומאַנגענעם איבערראַשט. באַקומענדיק אַ קאַטיקענעם מאַנטל אַנשטאָט אַ פּאָר מילשטיינער. אָבער פּעשל מיט איר גלאַטן צינגל האָט אויפגעוויזן, וואָס פאַר אַ ווילדע מציאה זי האָט דאָ געהאַנדלט: צוויי־דריי טויזנט ליט איז ווערט אַזאַ בגד, היינט ווי קויפט מען ניט, אַז עס מאַכט זיך אַ חפץ בחצי הינם? דער מילנער האָט זיך באַרויִקט און געפּטרט אַן עסק.

דערווייל איז געקומען זלמן צום אוראַק ביים מילנערס יינגל.

— שאַצט אויף טשיקאַוועס מיין נייעם פּעלץ־מאַנטל — האָט פּעשל אים פאַרגעלייגט, מאַכנדיק אַ שטראַלנדיקן פּנים.

— איך ווייס ניט, איך האָב גאָר קיין מבינות ניט אין אַזאַ סחורה...

— פון דעסטוועגן — האָט פּעשל אים ניט אָפּגעלאָזט — איר זייט דאָך עפּעס אַ קלוגער מענטש, קענט איר משער זיין.

— איך ווייס?... — האָט זלמן ווי אַ פאַרשולדיקטער געבעטן זיך — איך האָב באמת קיין אַנונג ניט... אָבער מיינע אַ שוועסטערקינד האָט פאַר אַ יאָרן געקויפט אַזאַ מאַנטל — אפשר אַ ביסל אַ בעסערער געווען — האָט זי באַצאָלט פיר הונדערט ליט.

פון דאַן אָן האָט די מילנערקע פיינט זלמן רובינען ווי דעם טויט. האָט איר אייך איינס.

✡

זלמן האָט אַנטליִען בערל דעם זייגערמאַכער אַ גמילות־חסד. בערל האָט אָפּגעלייגט דאָס אומקערן דעם חוב פון וואָך צו וואָך און פון חודש צו חודש און ענדלעך באַשלאָסן — אַז אַ חוב ישן דאַרף מען אין גאַנצן ניט אַוועקגעבען. זלמן, ווען ער באַגעגנט אים, מיידט אויס בכיוון יעדן געשפּרעך, וואָס האָט אַ שייכות מיט געלט, כדי יענעם ניט נוגע צו זיין. בערל אָבער דערמאָנט זיך יעדעס מאָל אָן חוב און טראַכט: „תמיד קריכט ער מיר אין די אויגן מיט זיינע צעריסענע שיך... איך פאַרשטיי דעם אומגעלומפּערטן רמז: „ווען דו גיסט מיר אָפּ דעם חוב, וואָלט איך קויפן שיך"... — איך האָב

קיין מאָל ניט געזען, מען זאָל אַזוי עקשנותדיק מאַנען אַן אַלטן חוב !..." —
און בערל האָט פיינט געקראָגן זלמנען.

איינס מיט איינס איז צוויי.

✡

זלמן איז צופעליק געווען אין שטאָט, ווען זשאַבאָטינסקי האָט דאָרטן גערעדט. ער האָט געהאַט די זכיה אים צו הערן, און קומענדיק אַהיים, האָט ער מיט התפעלות דערציילט וועגן זשאַבאָטינסקיס זעלטענער רעדנערקונסט:

— שוין כמה יאָרן ניט געהערט אַ לעבעדיקן וואָרט, און מיט אַ מאָל, שטעלט אייך פאָר, אַזאַ פערלדיק מויל !...

דערביי זיינען געשטאַנען גרינצוויג, דער מורשה פון קרן־קימת אין כתריאלישאָק, און יואל משה־ברוכס, אַ ייִדענער יונגערמאַנטשיק, וועלכע האָבן ביידע פאַר 2 יאָרן חנוכה געהאַלטן רעדעס אין בית־מדרש וועגן ציוניזם. — „שוין כמה יאָרן, זאָגט ער, ניט געהערט אַ לעבדיקן וואָרט, ווי געפעלט ער אייך ?... אַ נייער מבין, אַ פוסק אויף „לעבעדיקע ווערטער" !...—
זיי האָבן דאָס אים קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

צוויי און צוויי איז פיר.

✡

ביי אים האָט געלערנט דעם שענקערס יינגל, אַ בחורעץ פון 14 יאָר. זעענדיק, אַז זיין תלמיד ווייס ניט, „מאי דקאמרי רביצין" און די תורה קלעפּט זיך צו אים ווי אַן אַרבעס צום וואַנט, האָט זלמן איין מאָל געזאָגט צו די עלטערן: „עס האָט קיין צוועק ניט, איך זאָל ווייטער מיט אים לערנען, ס'איז אומזיסט דאָס געלט, וואָס איך נעם ביי אייך. אפשר וואָלט איר פּרוּוון אים לערנען אַ מלאכה ?" — דער שענקער מיט דער שענקערקע זיינען געוואָרן מלא חימה:

— זאָל אייך דער קאָפּ ניט דאָרן פאַר אונדזער ברוכלען! אויב איר פאַרשטייט ניט ווי צו לערנען מיט עלטערע קינדער, האָט איר זיך ניט געדאַרפט אָננעמען!

דער שענקער, די ווייב, דערצו צוויי פעטערס און אַ מומע — האָט איר אייך פינף.

פינף און פיר איז ניין.

✡

געקומען צו רייד שבת נאָכן דאַוונען וועגן באַנקראָט. זלמן האָט אַרויס־געזאָגט זיין מיינונג: „אַ מאָדנע באַציִונג האָבן די מענטשן צו פאַר־ברעכנס: ווען מען פירט זיי אויס אין מאַסן־פאָרם, האַלט מען עס כמעט ווי פאַר דערלויבט... הרג'עט מען א י י ן מענטשן, איז מען אַ מערדער. העצט מען אָן איין פאָלק אויפן צווייטן און מען הרגעט אויס אַ מיליאָן מענטשן, הייסט מען דיפּלאָמאַט אָדער מיניסטער, און אַלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ. זאָגט איינער אַ ליגן פאַר אַ קליינעם קרייז, איז ער אַ ליגנער. פאַרשפּרייט ער אָבער באַוווּסטזיניק אַ ליגן אין אַ צייטונג און נאַרט אָפּ הונדערט טויזנט מענטשן מיט אַ מאָל — הייסט ער זשורנאַליסט, און קיינער האָט צו אים קיין טענות ניט. דאָס זעלבע איז מיט ניט באַצאָלן קיין חובות: לייט מען ביי איינעם און מען באַצאָלט ניט, האַלט עס די וועלט פאַר זייער מיאוס: „לוה רשע ולא ישלם". ווי באַלד אָבער מען מאַכט עס „אַנגראָ" און מען באַנקראָטירט — האָט עס שוין אַן אַנדער פּנים, און וואָס גרעסער דער באַנקראָט איז, אַלץ ווייניקער האָט זיך דער שולדיקער צו שעמען: ס'איז אַ „ווירטשאַפטלעכע דערשיינונג"... — אַזוי האָט זיך זלמן בתמימות אויס־געפירט. ער האָט נאַטירלעך ניט געקאָנט וויסן, אַז נפתלי לאה־ברײַנעס, וואָס האַלט בשותפות מיט ר' בעריש די שניט־קראָם, האָט גראָד באַשלאָסן די נאָענטע וואָך צו מעלדן באַנקראָט.

נפתלי, וועלכער איז בייגעווען ביים שמועס, האָט אַלץ דערציילט אין דער היים פאַר דער פאַמיליע און פאַרן שותף. — — וואָס זיי האָבן אַלע זלמנען אָנגעוווּנטשן, זאָל דאָס פאַלן אין טיפן ים אַריין! אַלזאָ: נפתלי מיט זיין ווייב, דער שותף ר' בעריש מיט זיין ווייב און דריי דערוואַקסענע קינדער זייערע — האָט איר זיבן.

זיבן מיט ניין איז זעכצן.

✡

זלמן האָט זיך פאַרליבט אין זיין תלמידה דינהלע און באַשלאָסן מיט איר התונה צו האָבן. וואָס קומט אים דערפאַר? — אלימלך דער שדכן אָבער האָט שוין לאַנג אַריינגעטראָגן אים אין זיין באַרימטן „ספר החתנים והכלות" און געהאַט באַשטימט פאַר אים אַ כלה לויט ז י י ן, אלימלכס, געשמאַק: אַ מיידל פון רייכע עלטערן, פון וועמען ער וואָלט כאַפּן אַ שיינע „פּותיקאַ" שדכנות. אין מיטן דרינען — נאַ דיר גאָר אַ ליבע... אַנדערש פּאַסט אים ניט דעם דלפונעוואַטן לערערוק...

— איך האָב דיר אָבער גלייך געזאָגט — האָט אלימלכיכע, די שדכנטע געפּרעגלט זיך, ווי אַ הערינג אַף אַ סקאָווראָדע — אַז מיט אַזאַ פּאַסקודניק קען מען קיין געשעפטן ניט פאַרפירן. „פאַרליאַפּעט" זיך, דער מנוול!...

זעכצן פלוס צוויי איז אַכצן.

✡

זלמן האָט ניט געמאַכט קיין סוד פון זיין ליבע צו דינהלען. זיין גליק איז אים אַריבערגעקוואָלן דאָס הארץ, און ער האָט געמוזט טיילן זיך מיט אַלעמען. אומעטום האָט ער דערציילט פון זיין דינהלען און פון זיינע צוקונפט־פּלענער, דאַרונטער אויך אין זעקס פאַמיליעס, ווו ס'זיינען דאָ זעקס דערוואַקסענע טעכטער, וואָס האָבן אַליין אויף אים געהאַט אַן אויג. — זעקס טאַטעס, זעקס מאַמעס, זעקס טעכטער — איז אַכצן.

אַכצן מיט אַכצן איז זעקס און דרייסיק.

✡

חול־המועד איז זלמן געווען איינגעלאַדן אויף טיי מיט וואַרעניע צו די שטיינבערגס. די בעל־הביתטע האָט מיט אַ זיס שמייכעלע אַ פרעג געטאָן:

— נאַ, ווי געפעלן אייך עפּעס די געפּרעגלטע קאַרשן?

— ניט שלעכט — האָט זלמן געענטפערט — אָבער די פלוימען זיינען גאָר פלאַי־פלאַים!... זעלטן געפּרעגלט: ווי אַקערשט פון בוים זעען זיי אויס!

— אַ פּרא אדם — האָט די בעל־הביתטע אין זיך געקאַכט — מ'רעדט מיט אים פון ק אַ ר ש ן, ענטפערט ער בוידעם...

פון וואַנען זאָל זלמן וויסן, אַז די קאַרשן האָט זי, די בעל־הביתטע אַליין, געפּרעגלט, און די פלוימען האָט געפּרעגלט די דינסט ?

זיבן און דרייסיק.

✻

זלמן איז געגאַנגען זאַמלען פאַרן קרן־קימת. אַריינגעקומען צו ר׳ שמואל־שמעלקען, וועלכער מאַכט תמיד גוואַלדן איבער די מיידלעך מיט די קורצע אַרבל, אַז זיי מאַכן חרוב די וועלט — האָט ער אים גראַד געטראָפן, ווי ער קלייבט זיך אַרומנעמען די דינסט.

אכט און דרייסיק.

✻

ביי שמעון דעם אַגולניק אויפן וואַנט הענגט אַ בילד פון אַ שיינעם פּאַטריאַרכאַלן יידן. דבורה זיין ווייב דערציילט אַלעמען : „דאָס איז מיין זיידע רבי שלמהלע זצ״ל, געווען רב אין באַברויסק״. איין מאָל, ווען ביי דבורהן זיינען געזעסן געסט און זי האָט דערציילט אַן עפּיזאָד פון איר זיידן דעם צדיק, איז אַריינגעקומען זלמן.

— אוי זעט ! — האָט זלמן געזאָגט, אַנווייזנדיק אויפן פּאָרטרעט — ווי קומט צו אייך מיין פעטער נפתליס בילד ?... אַ שיינער ייד, וואָס ? ער איז געווען שמש פון „חברה קדישא״ אין סוואַלק...

בשעתן גירוש פון סוואַלקער קאַנט, מלחמה־צייט, איז נפתלי דער שמש דורכגעפאָרן כתריאלישאַק מיט זיין ביסל בעבעכעס און געלאָזן זיין בילד ביי שמעונען אין סטאַדאָלע.

דבורה איז שיִער ניט צעשפּרונגען געוואָרן פאַר כעס.

ניין און דרייסיק.

✻

דער גבאי, אַ קרעפּטיק יידל איבער פופציק, שוין עטלעכע יאָר אַן אלמן, איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אויפן גאַניק און געקוקט מיט כוונה אויף מלכה לייזער דעם קצבס, אַ דיקע רויטע מויד, וואָס האָט זיך דערנענטערט מיט

אַ קאַשיק פלייש אויפן אָרעם. זלמן איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען. דער גבאי האָט אים אָפּגעשטעלט און פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן: — „ווי געפעלט אייך עפּעס אָט די מלכה?״

— נישקשה פון אַ מיאוסקייט!... — האָט זלמן געענטפערט לפי תומו — טאַקע, פון וואַנען זאָל ער וויסן, אַז דער גבאי האָט אַן אויג אויף מלכהן און האָט שוין שטילערהייט געשיקט צו איר אַ שדכן?

דער גבאי האָט מיטן גאַנצן כח אויסגעשפּיגן און אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר.

האָט איר אייך פּערציק!

וויפל מעלות מוז אַ מענטש פאַרמאָגן, און וויפל מי מוז ער זיך געבן, כדי איינצושאַפן זיך א י י ן גוטן־פריינד, און ווי לייכט עס איז, פאַר גאָר־נישט, אומזיסט־אומנישט, איינצוקויפן זיך פּערציק שונאים!

דער פאַרכישופטער אָקס

(אַ מעשה נפלא)

אַ שרעקלעכע און זייער ווונדערלעכע געשיכטע איז זיך פאַרלאָפן אין דער קהלה־קדושה כתריאלישאָק חנוכה צום דריטן ליכטל. די געשיכטע איז אַזוי ווונדערלעך און אומגלויבלעך, אַז איך וואָלט געמיינט, זי איז אין גאַנצן אַ ליגן, ווען איך וואָלט זי ניט געהערט פון מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ זשור־נאַליסט, וועלכער זאָגט פרינציפּיעל קיין מאָל קיין ליגן ניט, סיידן מ׳באַצאָלט אים פון שורה.

איך וועל דאָס אייך מאַכן בקיצור:

אין כתריאלישאָק האָט די יוגנט איינגעאָרדנט אַ דראַמאַטיש־ליטעראַריש־מוזיקאַליש־וואָקאַליש־קינסטלערישן אָוונט, ווי דער מנהג איז. משה־צדוק דער קצב האָט צו דעם צוועק אָפּגעגעבן זיין סטאַדאָלע, וועלכע איז באַהאַנגען געוואָרן מיט בליצלאָמפּן און אויסגעפּוצט געוואָרן מיט ווייס־בלויע פּאַפּיר.

די פּראָגראַם פון אָוונט איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַל דאָס גוטס: די דראַמאַטישע זינגערין האָט צוגעגרייט „אלי אלי למה עזבתני״, די פאָלקס־זינגערין האָט איינגעחזרט „צען ליבע ברידערלעך״, דער דעקלאַמאַטאָר (ער רופט זיך ליבער „רעציטאַטאָר״) האָט צוגעגרייט צוויי נייע זאַכן: „אַ, איר קליינע ליכטעלעך״ און „ווען איך בין ראָטשילד״ און דער רעדנער (אַ געפערלעך געבילדעטער בחור, לייענט פרויד. אַזוי זאָגט ער...) האָט געזאָלט האַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די פּראָגראַמאַטישע שטרעמונגען פון די לינקע צעירי־ציון אין אונטערבאַוווסטזיין פון מתתיהו החשמונאי״.

ס׳איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס דער נאָך קונסט און וויסנשאַפט

לעכצנדיקער כתריאַלישקער עולם האָט אָנגעפילט דעם „זאַל" פון עק ביז עק.

אָבער אין דעם מאָמענט, ווען דער פאָרזיצער האָט פייערלעך געעפנט דעם אָוונט, האָט זיך אין „זאַל" אַריינגעריסן אַ גרויסער רויטער אָקס, זיך דורכגעשטופט צווישן עולם און אַרויף גלייך אויף דער טריבונע.

וואָס איז?

משה-צדוק דער קצב האָט געפירט דעם אָקס קוילענען אויף שבת-חנוכה. און ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען די סטאַדאָלע, וועלכע איז דעם אָקס אַזוי גוט באַקאַנט און היימיש, מחמת ער איז דאָרט אַ לענגערע צייט געווען איינגעקוואַרטירט — האָט זיך אים פאַרבענקט „אַהיים", עס האָט אים אַ צי געטאָן ביי זיין אָקסענעם האַרצן און ער איז אַריינגעלאָפן.

לאָזט זיך דאָך אַלץ דערקלערן בדרך הטבע. פון דעסטוועגן איז געוואָרן אַ מהומה אין „טעאַטער" און די מיידלעך האָבן געקוויטשעט מיט אַזאַ זיסן סאָפּראַן, אַז ווען אונדזער מוזיק-קריטיקער וואָלט דאָרטן געווען, וואָלט ער געוויס אָנגעשריבן אַ שיינע אָפּהאַנדלונג דעריבער.

די אמתע בהלה און איבערשרעק איז אָבער געקומען נאָך דעם: ווען מען האָט געוואָלט דעם אָקס אַראָפּפירן פון טריבונע, האָט ער פּלוצלונג געעפנט דאָס מויל און — אָנגעהויבן ר י י ד ן!

מיט אַ מענטשלעכן קול און אַ מענטשלעכן לשון האָט ער גערעדט, און מען האָט דייטלעך געהערט, ווי ער האַלט אַ שיינע גייסטרייכע חנוכה-רעדע.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער אָוונט איז בטל געוואָרן. די ווייבער האָבן אָנגעהויבן חלשן, די מאַנסבילן האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, און אפילו די העלדישע „מכבים", וואָס האָבן מיט מסירות-נפש פאַרטיידיקט דעם אַריינגאַנג קעגן בילעטנלאָזע, זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן.

5 טעג האָט דאָס שטעטל געקאָכט, ווי אַ קעסל, מכוח דעם פאַרכשופטן אָקס.

אויפן זעקסטן טאָג איז דער אָקס — אַרומגערינגלט מיט ווייס-בלויע גירלאַנדעס און פּאַפּירענע בלומען-קרענץ, וואָס זיינען געווען אָנגעגרייט פאַר די אַרטיסטן — געשטאָרבן פון הונגער, מחמת קיינער האָט ניט גע-וואָגט אַריינצוגיין צו אים אים ברענגען עסן.

דאַן האָבן דער פעלדשער, דער אַפּטייקער און נאָך אַ פּאָר כתריאַלישקער ווינסשאַפּטלער באַשלאָסן אויסצופאָרשן די זאַך. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און אַריין אין סטאַדאָלע צו באַטראַכטן דעם איבערנאַטירלעכן אָקס. זיי האָבן באַקוקט זיין קאָפּ, זיין מויל, זיין גוף און גאָרנישט ניט געפונען: אַן אָקס ווי אַלע אָקסן.

נאָר אַז זיי האָבן אים אויפגעשניטן דעם בויך, איז די זאַך מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן.

אין מאָגן ביי אים האָט מען געפונען אַ קליינעם ר אַ ד י אָ ־ אַ פּ אַ ר אַ ט!

דעם דאָזיקן אַפּאַראַטל, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער עס אַראָפּגעשלונגען, ווען ער איז געווען אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג און האָט איין מאָל פאַרבלאָנדזשעט אין שכנותדיקן ראַדיאָ־פּאַוויליאָן.

חנוכה האָט, משמעות, אַ באַקאַנטער רעדנער ערגעץ אין אַ באַקאַנטן מקום געהאַלטן פאַרן ראַדיאָ אַ חנוכה־רעדע און עס האָט גראָד צוגעטראָפן די וועלן־לענג פון אַראָפּגעשלונגענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

*

דער מוסר השכל פון דער געשיכטע:

אויב איר וועט הערן ערגעץ אויף אַ פאַרזאַמלונג, אַן אָקס האַלט אַ רעדע — זאָלט איר זיך ניט וווּנדערן: אַן אַנדערער רעדט דאָס אַרויס פון זיין האַלדז.

פארביטן די „יוצרות״

איך בין תמיד געווען אַ שוואַכער שילער אויף היסטאָריע, האָב קיין מאָל ניט פאַרגעדענקט, וועלכער מלך מיט וועלכן עס האָט מלחמה געהאַלטן און אין וועלכן יאָר, און די זעלבע שוואַכקייט איז מיר געבליבן עד היום בנוגע היסטאָרישע געשעענישן אין אונדזער פאַמיליע. מיר האָבן, קיין עין־הרע, אַ גרויסע פאַרצווייגטע משפחה מיט אַ סך פעטערס און עלטערפעטערס און געשוועסטערקינדער, כן ירבו! ווייס איך קיין מאָל ניט אויף זיכער, וועלכע מומע האָט פאַר אַ יאָרן ווינטער געהאַט רעמאַטעס, און וועלכע האָט געהאַט אַ ייִנגל...

מילא איז ביי דער וועלט־געשיכטע נאָך אַ קנאַפּער אומגליק: נאַפּאָלעאָן וועט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, טאָמער האָב איך פאַרגעסן, מיט וועלכן גענעראַל ער האָט זיך געשלאָגן אין מצרים, אָבער דער פעטער נחמן פון כתריאלישאָק וועט מיר קיין מאָל ניט מוחל זיין, אויב איך וועל זיך ניט נאָכפרעגן, למשל, וואָס מאַכט פריידעלע נאָכן מאָזלען און וויפיל פונט האָט די מומע צוגענומען אויף דאַטשע. אַנומלט באַגעגן איך אים — ער איז אש להבה, וויל אפילו ניט ענטפערן אויף מיין שלום־עליכם.

— אַ שיינער קרוב ביסטו מיר — מאַכט ער — ניטאָ וואָס צו ריידן! אַפילו ניט אָנגעשריבן אַ בריוול צו מיין מענדקעס בר־מצווה!

— אַ געזונט אין אייך, פעטער! — פּרוּוו איך זיך פאַרענטפערן — פון וואַנען זאָל איך וויסן, אַז מענדקע איז בר־מצווה געוואָרן?

— אַ שיינע שאלה כ׳לעבן! פאַר זעקס יאָרן תשעה־באב האָבן מיר זיך געטראָפן אין יאַנישאָק, האָב איך דיר דערציילט, אַז מענדעלע ווערט אין אַ וואָך אַרום אַלט זיבן יאָר. דוכט זיך, אַ פּראָסטער חשבון: זעקס מיט זיבן איז דרייצן! אָדער אפשר ניט?!

וואָס זאָל איך זאָגן? אַוודאי איז ער גערעכט! איך ווייס אַליין מיין שוואַכקייט און בין טאַקע זייער פּאַרזיכטיק אין שמועס, זיך באַגעגנענדיק מיט אַ קרוב. איך היט זיך, איך זאָל עפּעס ניט אַ „בויטש" טאָן ניט צו דער זאַך. טאַפּ איך אַזוי פּאַוואָלינקע, רייד איך בדרך כלל, אַזוי זיך, הינטן אַרום, ביז איך דערגיי ווו עס האַלט.

— וואָס מאַכט מען עפּעס ביי אייך? — פרעג איך דיפּלאָמאַטיש, טרעפנדיק דעם פעטער ירחמיאל.

— אַ דאַנק פאַר נאָכפרעגן, געזונט.

עס וואָלט געפּאַסט, קלער איך, צו פרעגן ספּעציעל אויף דער מומען. ווי הייסט זי אָבער? איך וואָלט שווערן, אַז זי הייסט דבורה. פון דעסטוועגן אַ זאָג טאָן: „וואָס מאַכט די מומע דבורה"? איז פאַרט ריזיקאַליש. אַ קשיא אויף אַ מעשה... פרעג איך בעסער:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער אַלטע, זאָל געזונט זיין?

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן. מייןביילען גייט עס בעסער נאָך די ביר־שטאָנער וואַנעס.

פלאי פלאים! — טראַכט איך — ביילע הייסט זי גאָר! און איך דערמאָן זיך, אַז זי איז פאַראַיאָרן צי פאַר צוויי יאָרן געלעגן אין קימפעט, געדענק אָבער ניט, כאָטש פרעגט מיך, צי ס'איז געווען אַ יינגל צי אַ מיידל, אָבער איך גיב זיך אַן עצה און פרעג בדרך סתם:

— און וואָס מאַכט דאָס קליינע שרייערל?

— אַ, מיין הערשעלע איז גאָר אַ וווּיל יינגעלע, רעדט שוין ווי אַ גרויסער. און פון מיין איציקלען איז דאָך אָפּגערעדט! פון אים האָב איך באמת נחת.

איז פאַראַן הייסט עס אַ איציקל אויך, אויף לאַנגע יאָר! דאָס איז פאַר מיר גאָר אַ נייעס. נאָר ווי באַלד דער פעטער זאָגט, גיי איך ווי אויף אַן אייזערנע בריק און רוף זיך אָן:

— איציקל, אַ געזונט אין אים, איז תמיד געווען אַ ליב קינד... ער מוז שוין אַוודאי אַרומגיין...

דער פעטער מאַכט אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן פון איבעראַשונג:

— וואָסי דאָס פּאָר דיבורים: „אַרומגיין״?! אַ בחור פון אַכצן יאָר קיין עין־הרע.

— נו, יאָ... אַוודאי... איך מיין דאָס... ס׳הייסט... איך מיין: ער מוז שוין אַוודאי אַרומגיין מיט פרייליינס, אַ גאַנצער חתן־בחור, וואָס?...

אַט אַזוי „שפּיאָניר״ איך, פיר דעם געשפּרעך מיט גרויס טאַקט, פאַרקריך אַ מאָל אין אַ בלאָטע און פּלאָנטער זיך ווידער אַרויס. קיין בייז ניט!

דאָס איז אַלץ גערעדט ביי אַ פּערזענלעכן צוזאַמענטרעפן. ביי בריוו שרייבן אָבער העלפן קיין חכמות ניט, און טראָץ דער פאַרזיכטיקסטער „דיפּלאָמאַטיע״ קען מען אַזוי מיאוס אַריינפאַלן, אַז ס׳איז אַ חרפה צו דער־ציילן! הערט אויף טשיקאַוועס, וואָס עס קען זיך פאַרלויפן:

לכבוד דעם נייעם יאָר האָב איך פאַרקאָשערט די אַרבל און אָנגעשריבן אַ פּאָר טוץ לשנה־טובה־בריוו צו די נאָענטערע קרובים, ווי וועמען עס פּאַסט זיך: דעם אין אַ שיינעם לשון־קודש, צוגעפּעפּערט מיט פּסוקים פון תנ״ך און פון מחזור. און יענעם אין אַ זאַפטיקן עברי־טייטש־סטיל; — איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן: איך, אַז איך וויל, קען איך פאַרפאַסן אַ שיין בריוול. נאָר באַזונדערס צופרידן בין איך געבליבן מיטן בריוו צו מיין שוועסטער־קינד שמואל־חיים אין טשיקאַגאָ. וואָרעם מיט קרובים אין יוראָפּ איז ניטאָ זיך וואָס צו צערעמאָניען צו פיל, אַלע די זעלביקע יחסנים. אַ קרוב אין טשיקאַגאָ אָבער, וואָס האָט אַ גרויסע הויזן־פאַבריק זיין אייגנס, איז גאָר אַן אַנדער ענין. אַזאַ מין ייד האָט תמיד אַ טשעקביכל אין בוזים־קעשענע. ער דאַרף נאָר וועלן אונטערשרייבן און אַריינלייגן אין אַ בריוו...

בקיצור, דער בריוו צו שמואל־חיימען איז אַרויסגעקומען אַ צאַצקע... איך האָב דאָרטן אַריינגעפּאַקט אַזוי פיל ברכות, אַז זיי וואָלטן קלעקן פאַר דריי יידישע שטעטלעך. צום סוף האָב איך זיך דערמאָנט, אַז זיין ווייב נחמה האָט אַ מאָל צוליב דער קוואָטע געמוזט בלייבן אין ליטע און ניט געקענט צו אים אַריבערפאָרן, האָב איך זיך משער געווען, אַז ביים אַמעריקאַנישן קאָנסול דערוואַרט מען זיך ניט אַזוי לייכט אויף אַ וויזע און זי מוז נאָך אַוודאי זיין דאָ, האָב איך פאַרענדיקט מיין בריוו מיט אַ שיינעם שיר אַזוי צו זאָגן:

גאָט זאָל זיין ברכה
אויף אייך מאַכן רעגענען
און גליק און הצלחה
זאָל אייך אומעטום באַגעגענען;
איבער אַ יאָר, אם ירצה השם,
זאָלט איר זיין צוזאַמען
מיט אַייער טייערער נחמהן,
איר זאָלט מער ניט דאַרפן
זיין נעבעך אַליין,
נאָר אין איינעם מיט אייער ווייב
ונאמר אָמן!

וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַזאַ בריוול, האַ? אַז אויף אַזאַ שנה־טובה־ווונטש זאָלן ניט אָנקומען לכל הפּחות אַ 30 אַמעריקאַנער „פּייגל", איז די וועלט קיין וועלט ניט! נאָר ווי זאָגט מען: „אַ מענטש טראַכט צו קריגן אַ געלט־בריוו און קריגט אַ קאַטער"... איצט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ענטפערס אויף מיינע בריוו און — פּרעגט שוין גאָרניט, וואָס דאַרטן טוט זיך.

ס'איז גענוג אַ פּאָר ציטאַטן פון די תשובות, איר זאָלט קריגן אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ קאַשע ס'איז, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַרויסגעקומען.

דער פעטער ירחמיאל שרייבט:

„...און ווידער פאַרשטיי איך ניט, ווי קען אַריין אַ מזל־ברכה אין מיין שניטקראָם, אַז סך־הכל האַנדל איך מיט אייער? שרייב מיר, וואָס האָסטו געמיינט מיט דעם ווונטש? און אויך איז די מומע שתחיה זייער ברוגז אויף דיר, וואָס דו ווינטשט איר „אַ רפואה שלמה צו אירע גאַלשטיינער. צו וואָס, אל תפתח פה לשטן, דאַרפסטו איר נאָך דערמאָנען גאַלשטיינער? אַ דאַנק דעם אויבערשטן, זי האָט קיין מאָל דערפון ניט געוווּסט. ס'איז איר גענוג די רעמאַטעס און מיגרען..."

דער פעטער נחמן שרייבט צ"אַ:

„...איך רייד שוין ניט וועגן גאַנצן פלאָנטער אין דיין בריוו, ווו עס קלעפּט ניט אַ וואָרט, אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ שקאַצעריי צו ווינטשן,

„אַז מיין עלטערע טאָכטער זאָל אויף פּסח מאַכן אַ ברית״! ? די גאַנצע וועלט ווייס, אַז רבקה מיינע איז אַ כשרע יידישע טאָכטער, טאָ ווי קען זי מאַכן אויף פּסח אַ ברית, אַז חול-המועד סוכות וועט ערשט זיין מיט מזל דער „תנאים״ ?...

איך וואָלט דיך אויסגעזידלט, ווי דו ביסט ווערט, נאָר אַזוי ווי ס'איז היינט ערב יום־כפור, בין איך דיר מוחל, וואָס דו האָסט מיך און רבקהן מבזה געווען. גאָט זאָל געבן, זאָלסט אויפן נייעם יאָר ווערן מער מענטש...

עיקר שכחתי: דו ווייסט דאָך, אַז נחמה, וואָס איז פאָר צוויי יאָרן אַריבערגעפאָרן צו איר מאַן שמואל-חיימען אין טשיקאַגאָ איז ערב-שבועות ל"ע געשטאָרבן. שמואל חיים לאָזט זיך איצט ריידן שידוכים. און ווי באַלד דו וועסט הערן, אַז ס'איז עפּעס געוואָרן און ער האָלט ביי חתונה האָבן, זאָלסטו אים שרייבן אַ וואַרעמען מזל-טוב — וועט ער דיר אָוודאי שיקן אַ פאָר דאָלער. איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט ניבעך אַ גרויסער נצרך״ — —

איר ווילט וויסן צי שמואל-חיים האָט שוין געענטפערט אויף מיין שיינעם שיר מיטן ווונטש, ער זאָל זיין בקרוב מיט נחמהן אין איינעם ? — געענט־פערט האָט ער שוין, אָבער איך ווייס נאָך ניט וואָס; שוין דריי טעג, ווי איך טראָג אַרום זיין בריוו אין קעשענע און האָב קיין מוט ניט אים צו עפענען...

אויף קבר־אבות

(צוויי בילדלעך)

1

— ער פאָרט!

— ער קומט!

— דאָנערשטיק קומט ער... רב משה האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון בערלין. —

עס האָט זיך גערעדט וועגן מיסטער דייוויס בעל פון טשיקאַגאָ, וואָס דאַרף קומען אין שטעטל אַריין אויף קבר־אבות. פונקט ווי פאַר פינף יאָרן, האָט זיך אים פאַרבענקט נאָך זיין טאַטע־מאַמע, וואָס ליגן אויפן כתריאַליש־קער בית־עולם, און אגב וועט ער זיך שוין זען מיט די לעבעדיקע. אָט דער דייוויס בעל איז אַ היגער אַ געבאָרענער, און אַלע געדענקען נאָך, ווי ער האָט געהייסן דודקע קאָראַבעלניק און איז אַרומגעלאָפן אין צעריסענע הייז־לעך. מען האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ער האָט קרובים אין שטעטל, נאָר קיינער האָט ניט געוווּסט, ווער זיינען עס און וואָס פאַר אַ קרובים זיי זיינען זיינע. דאָס איז געווען בשעת ער איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום און ניט געהאַט ווו אָפּצועסן. שפּעטער אָבער, אַז ער איז, נאָך לאַנגע גלגולים און וואָגלענישן, אָנגעקומען אין אַמעריקע, און מ'האָט געהערט, אַז ער מאַכט דאָרטן אַ לעבן און פאַרדינט 24 דאָלאַר אַ וואָך, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַ סך קרובים זיינע; און נאָך שפּעטער, אַז די זון האָט אים אַ שיין געטאָן, און ער האָט געעפנט אַ גרויס קאָנפעקציע־געשעפט אין טשיקאַגאָ (דעמאָלט האָט ער דאָס אַראָפּגעוואָרפן דעם „קאָראַ" מיטן „ניק" און איז געוואָרן מיסטער בעל) און דערצו נאָך אַראָפּגעשיקט אויף אַ נייעם דאַך אויפן כתריאַלישקער בית־מדרש און 300 דאָלאַר אויף מעות־חטים — האָט זיך

אַרויסגעשטעלט, אַז גאַנץ שטעטל זיינען אים קרובים, און יעדערער האָט זיך באַמיט אויפצווייזן אַ וואָס ענגערע קרובהשאַפט.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ טומל, אַ יריד. דער קאַלכער האָט זיך קיין העגט ניט אַנגענומען. מען האָט געראַמט און געשייערט, ווי ערב פסח, באַפּוצט די לאָמפּן מיט נייע קאָלירטע פּאַפּיר, אַרויסגעשלעפּט פון די פאַר־פּאַקטע קופערטס די בעסטע סערוועטן און גאַרדינען — עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ גאַסט! וואָרעם גיין וועט ער דאָך צו אַלעמען, פאַר פינף יאָרן האָט ער אויך אַלעמען באַזוכט. ער איז בטבע אַ גוטער, אַ פריינדלעכער מענטש און האַלט זיך ניט גרויס.

ביי די ווייבער איז געוואָרן אַ שלום, אַ פריינדשאַפט, אַ לעבן, ווי אונ־טערן באַד. מען לייט איינע ביי דער אַנדערער אַ בעקן צום באַקן, אַ מעדניצע צום פּרעגלען, אָדער אַ סלוי צום מאַרינירן; מען איז זיך מישב וועגן די סגולות, אַז דער טאָרט זאָל אויפקוועלן, אַז די טייגלעך זאָלן ניט צוברעגען, אַז דער מאַרינאַט זאָל קריגן דעם ריכטיקן ריח וכדומה אַזוינע זאַכן, וואָס אַ קליין מענטשעלע קען אויף זיך אַליין ניט שטעלן. מען גיט זיך עצות, ווי די מאַכלים זאָלן אַרויסקומען געראָטענער און מען ווינטשט זיך אין האַרצן: „זאָל ביי איר דער שטרודל פאַרשׂרפהט ווערן אויף קויל, רבונו של עולם!"

— דעמאָלט האָט ער געזאָגט, אַז אַזאַ טייגעכץ, ווי ביי מיר, האָט ער נאָך אין זיין לעבן ניט געגעסן.

— און ביי מיר האָט ער דאָן אויפגעגעסן אַ גאַנצן טעצל טייגלעך, אָן עין־הרע! קענט איר שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ווילדע געדעטעניש עס איז אין זיי אַריין...

אָט אַזוי שמועסן צווישן זיך די ווייבער, און די מאַנסלייט ריידן פון העכערע ענינים:

— עפּעס אַ שפּילכעלע!... צו קומען אַזש פון אַמעריקע צו טאַטע־מאַמע אויפן בית־עולם! אָט דאָס הייסט כבוד־אב... ער וועט האָבן עולם־הבא דערפאַר...

די הכנות זיינען געווען אין רעכטן ברען: עס האָבן געקלונגען פלעשלעך און גלעזלעך, עס האָבן געפּלאַצט שאָקן אייער, עס האָט זיך געשאָטן מעל

און צוקער און עס זיינען געפלויגן פעדערן פון אומשולדיקע קאַטשקעס, הינער און אינדיקעס, וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט, בשעת דורכן שטעטל האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ קנאַק און מיט אַ פייף און זיך אָפּגעשטעלט ביי רב משהס גאַניק. (רב משה איז מר. בעלס אַ לייבלעכער פעטער). דער אורח האָט דערקלערט, אַז ער קען דאָ, ליידער, בלייבן נאָר אַ פּאָר טעג, און אַז ער איז איצט מיד, ער וויל אָפּרוען. אין שטוב איז געוואָרן אַ טויטע שטילקייט. אַפילו די געלע הון, די קוואָקע, האָט אָפּגעשאַצט דעם ערנסט פון דער לאַגע און האָט זיך שטילינקערהייט פאַרקליבן אין קאַטוך אַריין. קיין שאָרך, קיין פּיפּס, די גאַנצע נאַטור האָט אייַנגעהאַלטן דעם אָטעם: מר. דייוויס בעל שלאָפט!

קיין טעלעפאָן און קיין ראַדיאָ איז נאָך אין כתריאַלישאָק ניטאָ. פון דעסטוועגן האָט מען — נאָך איידער דער שאָפער איז אַראָפּגעקראָכן פון די „קאָזלעס" — געוווּסט שוין פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן, מיט וועמען דער גאַסט האָט זיך פריִער צעקושט, וויפיל טשעמאָדאַנעס ער האָט מיט זיך, אַז ער טראָגט זיידענע שקאַרפּעטקעס, און אַז ער שלאָפט ביי רב משהן אין אַלקער אויף דער פּליושענער קאַפּע פון זיין בת־יחידהס אויסשטייער.

אַז דער גאַסט האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די שטוב שוין פול געווען מיט מומעס און עלטער־פעטערס, מיט פּלימעניקעס און גלידשוועסטערקינדער און מיט סתם גוטע־פריינד און באַקאַנטע. דייוויס האָט זיך מיט איטלעכן צעקושט גאָר פריינדלעך און צוגעזאָגט צו זיין ביי יעדערן צו עטלעכע מאָל, אויב די צייט וועט נאָר דערלויבן: זונטיק מוז ער אָוועקפאָרן, נאָרישקייט... וועַר רעדט פון עטלעכע מאָל. ער זאָל יעדערן א י י ן מאָל נאָר באַזוכן, וועט אים אויך אויסקומען צו „גיין איבער די הייזער" אָן אַ הפסקה. און אַזוי איז טאַקע געווען: ער האָט געמוזט גיין מבית לבית אין באַגלייט פון אַ כאַפּטע מומעס און אומעטום געניסן, פאַרזוכן און „פּרובירן אויף טשיקאַוועס". מאַלט אייך, אַז אַרויסגייענדיק פון רב משהן איז ער שוין געווען גוט אָנ־געגעסן און אָנגעטרונקען און האָט שוין געהאַט פאַרזוכט אי פון טאָרט, אי פון די אייַנגעמאַכטס, אי פון די געפילטע קאַטשקע, אי פון די איבעריקע מעדני מלך, וואָס ציפּע (ר' משהס ווייב) האָט צוזאַמענקאָמפּאָנירט. עס האָבן אים אָבער ניט געהאָלפן קיין תירוצים און קיין בעטן זיך, אַז ער

קען שוין מער ניט. מען האָט געדאַרפט זיין ערגער פון אַ וואַלד־גזלן זיך אַנטקעגנצושטעלן די תחנונים פון יעדער בעל־הביתטע, צו פאַרזוכן פון אירע פּאַטראָוועס, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן מיט אַזוי פיל ליבע און זאָרגעוודיקייט. אַ האַלבן דאָנערשטיק, אַ גאַנצן פרייטיק און שבת און אַ האַלבן זונטיק האָט מר. דייוויס בעל געשוויצט און געמאַטערט זיך איבער די כתריאלישקער פּעטיקייטן און זיסקייטן, ביז דער שאָפער מיט זיין גרינעם אויטאָ האָט אים זונטיק נאָך מיטיק אויסגעלייזט און אַוועקגעפירט צו דער באַן. ביים לעצטן גרויסאַרטיקן אָפּשיד־עסן האָט ער שוין נעבעך קוים געקענט נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז גאַנץ כתריאלישאָק איז געוועזן ביי רב משהס גאַניק ביים אָפּפאָרן. דער עולם האָט נאָכגעקוקט דעם שטויב־וואָלקן פון פאַרשווינדנדיקן אויטאָמאָביל און אַלץ איבערדערציילט די נסים ונפלאות פון די פיר טעג, וואָס אַלע זיינען געווען, ווי אויף אַ חתונה, און גערעדט וועגן דעם געלט, וואָס ער האָט מנדב געווען אויפן בית־המדרש און צעשענקט די אָרעמע קרובים.

2

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי אברהם דער מלמד, אויך אַ געבאָרענער כתריאלישקער, האָט זיך דאָנערשטיק פאַר נאַכט, ווי פאַרשעמט, אַריינגערוקט אין שטעטל. געקומען איז ער צו פוס, מיטן פּעקל אויפן פּלייצע און אָפּגע־שטעלט זיך אין בית־מדרש.

אברהם דער מלמד איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ „רבֿ אברהם", האָט געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַ קראָם אין דער גרויסער גאַס און אַ שיינע שטאָט אין מזרח, האָט געקענט גוט לערנען און זיך גערעכנט פון די שענסטע בעלי־בתים. אָבער, אַז זיין ווייב האָט, ניט פאַר אונדז געדאַכט, פאַרקרענקט זיין גאַנץ פאַרמעגן, און ער האָט נאָך איר טויט געמוזט פאַרקויפן די שטוב אין דער גרויסער גאַס און די שטאָט אין מזרח, צו באַצאָלן די חובות, און פאַר נויט גענומען זיך צו מלמדות — איז דער „רב" פאַרשווונדן געוואָרן. אַ פּנים „רב אברהם דער מלמד" איז צו לאַנג, נישט באַקוועם אויסצוריידן...

פריִער פלעגט מען אים שטאַרק באַדויערן: „אַט נעבעך, וואָס פון אַ

מענטשן איז געוואָרן ..." שפּעטער איז אַלץ פֿאַרגעסן געוואָרן. אבֿרהם איז געוואָרן אַן אָרעמאַן, ווי אַלע אָרעמעלייט. זיין אַמאָליקער יחוס האָט אים נאָר געשטערט צו דער מלמדות. דינגען זיך מיט אים איבער אַ רובל פּאַסט ניט, ס׳איז דאָך אַ שפּיכות־דמים, האָט מען דאָס יינגל דערפֿאַר בעסער אָפּ־געגעבן אַן אַנדערן. נאָך דעם, אַז ס׳זיינען אויפֿגעקומען די שולעס מיט די געגאָלטע לערער, האָט אבֿרהם אין גאַנצן פֿאַרלאָרן זיין פּרנסה און אַוועק פֿון שטעטל, מען האָט ניט געוווּסט אַקוראַט, צי איז ער געוואָרן ערגעץ אַ שמש, צי מגידעוועט ער אין די ווייטערע שטעטלעך — ווּעמען גייט עס אָן?

נאָר איין מאָל אין יאָר, אין אלול, קומט ער פֿינקטלעך צו גאַסט אין שטעטל. ניט צו די לעבעדיקע, צו די טויטע קומט ער: ער האָט אויפֿן בית־עלמין אַ גרויסע משפּחה.

דאָס ערשטע מאָל, אַז ער איז געקומען אויף קבֿר־אָבֿות, האָט מען אים פֿון די שיינע בעלי־בתּים פֿאַרבעטן אויף שבת. וואָס אַ מאָל ווייטער — טאָמער איז אים אויסגעקומען צו האַלטן שבת — איז אַלץ שווערער געוואָרן צו קריגן „שבת" פֿאַר אים. דאָ איז אים ווידער אַ מאָל זיין אַמאָליקער יחוס געשטאַנען אין וועג: נעמען אים אויף „מאַלצייטן" פּאַסט ניט, זאָל בעסער יענער נעמען... מען האָט אַפֿילו ניט געזשאַלעוועט צו זאָגן, אַז די טויטע וועט ניט זיין אומעטיק אָן אבֿרהמס באַזוך... ס׳איז אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס אַן אָרעמאַן רייסט די שטיוול אומזיסט...

נאָר אויב יעדן יאָר האָט זיך נאָך דעם שמש איינגעגעבן צו קריגן אַ „שבת" פֿאַר אים, איז דאָס אים דאָס מאָל ניט געלונגען.

— איר זעט דאָך, אַז מ׳רעדט מיט אַ מענטשן! — האָט מען זיך אָנגע־בייזערט אויפֿן שמש, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום רעדל, וואָס האָט זיך גלייך נאָכן דאַווענען געשאַפֿן אַרום דעם אַמעריקאַנער, פֿרעגן, טאָמער וויל איינער נעמען צו זיך אבֿרהם דעם מלמד — איר זעט דאָך מיט וועמען מ׳רעדט, און איר קריכט אין די אויגן!

פֿרייטיק צו נאַכט איז אבֿרהם געבליבן ניט באַמערקט און ניט געגעסן. אויף מאָרגן האָט מען אים מכבד געווען מיט „גלילה" — קיין עליה האָט פֿאַר אים ניט געסטאַיעט — און אייניקע האָבן אים אָפּגעגעבן אַ פֿאַרעוועטן שלום־עליכם. נאָכן דאַווענען איז ער ווידער זיצן געבליבן אין קלויז. אַ פֿאַר־

קלעמטער, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין פּעקל אַן אָקראַיטשיק ברויט מיט אַ ציבעלע, געוואַשן זיך פון כיור און צוגעביסן.

זונטיק פרי האָט ער נאָך אַ מאָל באַזוכט זיינע אייגענע אויפן בית־עולם, אָפּגעזאָגט אַ יום תהלים, זיך אויסגעוויינט, איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ פון זיין מיטגענומענעם פּראָוויאַנט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אויפן גראָז ביים וועג האָט ער זיך צוגעזעצט אָפּרוען. אין מויל איז אים געווען נודנע, און עס האָט אים געדריקט אונטערן האַרצן. דאָס, וואָס ער האָט געגעסן צעקלעמטערהייט דאָס טרוקענע ברויט, האָט אים משמעות ניט „פּאָליובעט". ער איז לאַנג געזעסן אַנגעלענט אָן זיין פּעקל, ביז אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט זיך פאַרבייגעיאָגט מיט האַק און קנאַק, האָט אים אויפגעוועקט פון די געדאַנקען. אין אויטאָ האָט זיך אַ דיקער גלאַט־ראַזירטער פּאַרשוין געהאַצקעט און געבלאָזן פון זיך:

— פע!... פּאַסקודנע אין מויל... צו פיל זיסע און פעטע געגעסן...

מאַסקאַראַד

(צוויי בילדער)

אויב מ׳זאָל ניט קוקן אויף די באַזונדערע כּללים, וואָס די פילאָזאָפן האָבן אונדז געגעבן, צו דערקענען, ווער הייסט רייך און ווער אָרעם. נאָר מ׳זאָל אָננעמען פּשוט, אַז דער הייסט אַן אָרעמאַן, ווער ס׳האָט ניט וואָס צו עסן, גייט אין צעפליקטע קליידער, ווערט פאַרפראָרן ווינטער פון קעלט, און אויסגעדאַרט אַ גאַנץ יאָר פון הונגער, — אויב מ׳זאָל אַזוי אָננעמען, איז אָרע דער טרעגער זיכער געווען איינער פון די גרעסטע אָרעמעלייט אין זיין שטעטל.

„אָרע דער טרעגער" האָט מען אים גערופן דערפאַר, וואָס אַז עס פלעגט זיך מאַכן עפּעס וואָס אָוועקטראָגן, אונטערטראָגן, איבערטראָגן אאַז"וו, איז דאָס געווען זיין עובֿדה, און ער פלעגט פאַרדינען דערביי עטלעכע קאָפּיקעס.

נאָר ניט שטענדיק איז געווען וואָס צו טראָגן, און ניט קיין אָפטע געסט זיינען געווען ביי אים די דאָזיקע עטלעכע קאָפּיקעס.

אָלע האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכקייט און נאָך מער — פאַר זיין לוסטיקייט. דאָס איז שוין אַזאַ ברכה פון הימל פאַר די אָרעמעלייט: אין דער צייט, ווען גבֿירים גייען אַרום פאַרדאגהט, אָנגעבלאָזן און שטענ־דיק ניט צופרידן, — געפינט איר אָפט מאָל אביונים, וואָס גייען אויס פאַר אַ גראָשן און זיינען ביי זיך ניט געפאַלן.

„עט — שמועסן זיי זיך איין — ס׳איז נאָך, כ׳לעבן, גאָרניט שלעכט... עס קען זיין אַ פולע ערגער... און — גאָט איז אַ פאָטער! עס קען נאָך זיין אַ מאָל גוט, טאָקע גאָר גוט, אַזוי וויל, אַז עס זאָל זיין יעדן טאָג אַ שטיקל ברויט צו עסן, אַ פּאָר שייטלעך האָלץ דורכצוהייצן און נאָך כּדומה אַזעלכע תּענוגים, וואָס אַ מענטשנס פאַנטאַזיע קען זיך אויסמאָלן". —

און באַזיצנדיק אָט דעם כּח הדמיון, זיינען אָט די מענטשן שטענדיק

מוטיק, פריילעך, זיינען ניט קאַרג אויף אַ וויץ, אַ גלייכוווערטל, פונקט ווי עס וואָלט זיי גאָרניט אָפּגעגאַנגען.

צו אַט דעם מין אַרעמעלייט האָט געהערט אַרע דער טרעגער.

אַנגעלאָפן זיך אויפן גאַס, זיך אַנגעהיצט אָדער אַנגעפראָרן, און געזען, אַז עס איז אומזיסט, איז ער אַריין אין בית־מדרש אָפּרוען און צובייסן פאַר איין גאַנג אַ פאַר קאַפּיטלעך תהלים.

— האָט איר עפּעס היינט פאַרדינט, ר׳ אַרע? — פרעגט עמעצער פון די פרושים, וואָס לערנען דאָ, זיך וואָרעמענדיק ביים אויוון.

— גאָט צו דאַנקען! — ענטפערט אַרע — פאַרדינט היינט שיינע עטלעכע גילדן.

— אַזוי?! ווי קומט עס? פון וואַנען?

— היינט אין דער פרי — ענטפערט אַרע כלומרשט ערנסט — היינט פרי ביים דאַווענען: צען גילדן אַ „ברכו״, צען גילדן אַ „אָמן״, אַ „קדושה״... אַ מאַסע געלט! כ׳האָב אַליין ניט געציילט; אַז מ׳ציילט ניט, איז מזלדיקער...

— האָט איר היינט גאָרניט געטראָגן אַ גאַנצן טאָג?

— היכי תמצא? וואָס הייסט ניט געטראָגן? שיין וואָלט איך אויסגעזען! דוקא אַ גאַנצן טאָג געטראָגן!...

— וואָס, למשל? — פרעגט אַן אַלטער פרוש, גלעטנדיק די באָרד. ער איז שוין מיד, קענטיק, פון לערנען און איז צופרידן פון שמועסן.

— וואָס? — ענטפערט אַרע — מיין פעקל צרות, מיין דלות...

— נו, עפּעס שווער צו טראָגן?

— עט, בלאָטע! דוקא ניט שווער, נאָר...

— נאָר וואָס?

— אָט דאָס, וואָס קיינער באַצאָלט אַ גראָשן ניט פאַרן טראָגן...

אָט אַזוי איז ער שטענדיק אויף צו כלומרשט פריילעך און אויף אַן אמת הונגעריק.

ביז שפּעט אין אָוונט דרייט ער זיך אַרום אין גאַס; אַהיים קומט ער, אַ מאָל מיט ליידיקן, אַ מאָל מיט עפּעס. אין ערשטן פאַל קומט ער אַריין אין שטוב מיטן זעלבן וויץ און שמייכל, ווי אין בית־מדרש אַריין, נאָר דערפילנדיק אויף זיך די הונגעריקע בליקן פון ווייב און קינדער, וואָס קוקן

אַרויס אויף אים מיט אַ פּונק האָפענונג, צעברענט זיך אין זיינע שוואַכע אויגן אַ משונה־טרויעריק פייערל.

— וואָס הערט זיך מיט וועטשערע? — פרעגט די ווייב אין אַ ווײַלע אַרום.

— וועטשערע? — ענטפערט ער — אַ גאַנץ גוטע זאַך וועטשערע! הא, ווי מיינסטו? ראָטשילד, דער קייסער, זאָגט מען, עסן אַלע אָוונט וועטשערע. קלענערע גבירים — אַן אָוונט איבער אַן אָוונט...

— זאָל אויף דיר קומען, — רבונו של עולם! אַ... און דאָס האַרץ דער־לאָזט איר דאָך ניט דערענדיקן די קללה, בעת זי גיט אַ קוק אויף זיין פאַר־מוטשעט פנים. זי ווייס, אַז אויסער דעם, וואָס ער הונגערט, בשעת קיין אַרבעט איז ניטאָ, פאַלט אים שווער די עצם אַרבעט, ווען ער באַקומט זי שוין יאָ. ער איז אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט; און טראָגט ער וואָס, סאָפּעט ער שטאַרק און קוים וואָס ער שלעפּט די פיס, זיך בויגנדיק אין דרייען אונטער דער משׂא.

שטעלט ער זיך אַ מאָל אָפּ אין מיטן אַפּרויען, ווייזט ער אויס מיט זיין לאַנגער געלער באָרד, מיט זיין אָפּגעקראַכענער געלער קאַפּאָטע און געלע שטיוול, ווי אַ סטאַטוע, געקנאָטן פון ליים דורך אַ גרויסן קינסטלער, וועל־כער האָט נאָר איין פעלער געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט דעם „שלימזל" אויסגעמאָלט מיט אַ צו פריילעכער מינע און מיט אַ שמייכל אין די אויגן...

אַ שיינס קענט איר זען פּורים נאָכן דאַוונען ביי אַרען אין „גאַרדע־ראָבנע".

אויפן טיש ליגן אויסגעלייגט „בגדי־מלכות": אַ סאָלדאַטסקער שינעל מיט מעשענע קנעפּ (געגומען אויף באָרג ביי אַ שכן, אַן אויסגעדינטן סאָל־דאַט), אַ גאָלדענע קרוין (קונציק אויסגעקלעפּט פון גאָלדפּאַפּיר), אַ „שרביט־הזהב" (אַ שטעקל אַרומגעקלעפּט מיטן זעלבן פּאַפּיר), אַ פּאָר שפּאָרן און כדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס פּאַסן פאַר אַ מלך.

ער שפּילט אַ הויפּטראָלע צווישן די העלדן פון טאָג פּורים — די „פּורים־שפּילער": ער איז אַחשורוש!

ער טוט עס, ניט אַזוי צוליב פאַרדינסט, ווי צוליב דער אַרבעט אַליין; דאָס איז נאָך זיין גוסט, אַ פריילעך שטיקל אַרבעט!

ער טוט אָן דעם קייזערלעכן מאַנטל מיט די קנעפּ, די קרוין, די שפּאָרן, מיטן גאַנצן קנאַק; און אויפן פּנים טוט ער אָן אַ מאַסקע, וואָס ליגט שוין אָנגעגרייט ביי אים פון יאָר צו יאָר. די מאַסקע שטעלט פאָר אַ פּאַניע מיט דיקע רויטע באַקן, מיט אַ פעטער געגאָלטער מאָרדע און אַ רויטער נאָז. די רויטע נאָז זאָל דאָס, אַ פּנים, זיין אַ סימן אויף אחשורושעס ליב האָבן דעם טרונק...

2

אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז אַ מאָל האָט ער געהייסן יאָשקע גרשונס, און היינט — אָסיפּ געראַסימאָוויטש — וועט איר פאַרשטיין, אַז דער פאַר־שוין, וועגן וועמען עס רעדט זיך דאָ, איז אַ מאָל געווען אַ קנאַפּער קנאַקער און אַ קנאַפּער חשוב, און היינט האָט ער די גראָבע מטבע.

אָסיפּ איז פון די מענטשן, וואָס מער פון זייער אייגענעם גוף גייט זיי גאָרנישט אָן. צרות הכלל, אַ שכנס צי אַ קרובס אומגליק אַרט זיי ניט, און בכלל, יענעמס שלעק און צרות קלעפּן זיך צו זיי ניט. צוליב דעם טאַקע האָט אָסיפּ שטענדיק אַ צופרידן פּנים מיט אַ קיילעכדיק בייכל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רייכן סוחר, ווי ער.

אַז ער עסט, האָט ער מאָדנע הנאה. אַז ער לייגט זיך צו שלאָפן נאָך מיטיק, איז ער שטאַרק צופרידן מיט זיך, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן מי יודע וואָס פאַר אַ נוציקע זאַך פאַר דער וועלט און מיט יעדער ביס גאַנדז וואָלט ער געראַטעוועט רוים...

אַז מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז דער דרייסיקיעריקער אָסיפּ איז נאָך אַ בחור, די געשעפטן גייען אים גוט, און דאגות האָט ער גאַנץ ווייניק, — וועט זיין פאַרשטענדלעך, וואָס ער וואַקסט כסדר אין דער ברייט, קיין עין־הרע, און זיין פּנים גלאַנצט און רויטלט זיך, אַ מחיה צו קוקן.

אָסיפּ האָט ליב צו לעבן אַ גוטן טאָג. אַ רייך־געקליידטן, אַ פּאַרפּו־מירטן, אַ שיינענדיקן קענט איר אים אָפּט זען, זיך דורכטראָגנדיק איבערן גאַס אין אַן עלעגאַנטן אויטאָ, אויפן וועג צום טעאַטער, צום אָפּערן־הויז, צו אַ קאָנצערט אָדער אַ באַל. נאָך עפּטער זעט מען אים, שפּאַצירנדיק מיט זיין אַניוטען, — אַ רייך מיידל, צו וועלכער ער שדכנט זיך.

אָסיפֿ באַקומט אַלע מאָל פֿון די ערשטע איינלאַדונגען אויף אַ פּאַרוויי־לונג, און ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און איז שטענדיק גרייט צו געניסן אַ ביסל „עולם־הזה״.

אַ שיינס קענט איר זען היינט ביי אָסיפֿן אין „גאַרדעראָבנע״; אויפֿן טיש ליגן אָנגעגרייט: אַ לאַנגער צעפּליקטער אויבער־בגד. פֿון וועלכן עס קוקט אַרויס די וואַטע, אַ פֿאַרשמאַלצן היטל מיט אַן אָראָפּגעריסענעם דאַשעק, הויזן און שיך פֿון זעלבן מין אַן ערך, אַ גראָבער, סענקעוואַטער שטעקן, אַ טאָרבע און נאָך פֿאַרשיידענע קליינינקייטן, וואָס פֿאָדערן זיך צום רומל.

אָסיפֿ גייט היינט אויף אַ מאַסקן־באַל און ער וועט זיך פֿאַרקליידן פֿאַר אַ בעטלער.

דער געדאַנק איז שוין ניט קיין גאַנץ נייער, נאָר אים קומט ער אויס זייער אָריגינעל און שאַרפֿזיניק. מיט גרויס תענוג באַטראַכט ער די זאַכן, וואָס ער האָט געקראָגן און ער פֿאַנטאַזירט וועגן אַניוטען, וועלכע וועט געוויס אויך זיין אויפֿן באַל. ער וועט צוגיין צו איר מיט זיין טאָרבע און בעטן אַ נדבה; פּלוצלונג וועט ער אַרויסנעמען פֿון טאָרבע אַ גאָלדן זייגערל מיט אַ טייערן רינג און איר אָנטאָן... זי וועט בלייבן פֿאַרגאַפֿט...

אָט אַזוי וועבט ער זיך ווייטער זיינע ליכטיקע פֿאַנטאַזיעס, אָנטוענדיק די בעטלער־קליידער, און אויף זיין זאַטן פּנים צעגיסט זיך אַ זיסער שמייכל.

געענדיקט מיטן „טואַלעט״, באַטראַכט ער זיך אין שפּיגל און שרייט אויס: אויסגעצייכנט!

ענדלעך פֿאַרדעקט ער דאָס פּנים מיט אַ מאַסקע: געלע איינגעפֿאַלענע באַקן, שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן, אַ צעקנייטשטער שטערן און אַ שיטער גרוי בערדל אויף אַ שאַרפֿער, צעדאַרטער מאָרדע.

די שוואַרצע רינגען אונטער די אויגן זאָלן דאָס, אַ פּנים, זיין אַ סימן, אַז ער האָט שוין צוויי־דריי טעג ניט געגעסן...

שלח-מנות

(פון די קינדער־יאָרן)

1

גלייך נאָך חנוכה האָב איך אָנגעהויבן שפּאָרן געלט אויף פּורים, וויסנדיק, אַז איך וועל פּאָר צווייען דאַרפן שיקן שלח־מנות. איך בין דעמאָלט געווען אַ בחור פון כמעט 14 יאָר און האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שיקן שלח־מנות מיין רבין, ר׳ משה־לייבן (אַ ייד פון קרוב זיבעציק) און דער דאַמע פון מיין האַרצן, פּערעלען (אַ פריילין פון קרוב 13). ביי ר׳ משה־לייבן האָב איך געלערנט גמרא פון אַכט יאָר אָן, און צו בר־מצווה האָט ער מיר אויסגעלערנט אַ קונציקע דרשה, וואָס האָט בשעתה געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם — בין איך אים דאָך מחויב. און פּערעלען — איז דאָך ניט שייך... אַז איך פלעג זי, שפּאַצירנדיק אויפן שאָסיי, באַגעגענען און זאָגן „גוט שבת״, פלעגן מירביידע רויט ווערן איבער די אויערן. און אַז איך פלעג זי אַ מאָל טרעפן אַליין ביים גאַניק און פרעגן: „וואָס הערט מען נייס?״ און זי פלעגט ענטפערן: „מיר האָבן פאַרקויפט די ווייסע ציג״ — פלעגט מיר דערביי קלאַפּן דאָס האַרץ מיט סכנת נפשות...

וואָרעם מיר ביידע האָבן שוין געוווסט, וואָס ליבע איז: איך האָב שוין געהאַט געלעזן דעם „אהבת ציון״, און זי — אַ פּאָר שמרס ראָמאַנען, וועלכע זי האָט אויסגעבעטן ביי איר עלטערער שוועסטער.

2

ערב פּורים האָב איך איבערגעציילט מיין קאַסע און געפונען אַ רובל מיט 57 קאָפּיקעס. אַ סך געלט, קיין עין־הרע, האָב איך געטראַכט און זיך אַרויסגעלאָזן איינקויפן די פאַרשיידענע אַרטיקלען לויט מיין פון לכתחילה

אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אַ האַלבן טאָג בין איך אַרומגעלאָפן איבער די שטעטלשע קראָמען, געזוכט, געקליבן און מנחה־צייט זיך אומגעקערט אַהיים מיט פול־אָנגעשטאָפּטע קעשענעס, אַ צופרידענער, אַ גליקלעכער: אי גוטע סחורה געקויפט, אי במקח השווה.

איינגעקויפט האָב איך אָט וואָס:

שלח־מנות פאַרן רבין:

1) אַ פלעשל שנאַפּס 57ער, מיטן געלן בלעטל (מיין רבי, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט ליב געהאַט אַ ביסל בראָנפן).

2) אַן אַפּעלסין.

3) אַ פּעקל שמעקטאַבאַק, 1טער סאָרט.

4) אַ זייער שיין טאַבאַק־פּושקעלע מיט אַ קונציק בילד אויפן דעקל, ווי אַזוי אַ לייב באָדט זיך אין ים־המלח.

שלח־מנות פאַר פּערלען:

1) אַ גרויס האַרץ פון שאָקאָלאַד „זשאָרזש באָרמאַן".

2) אַן אַפּעלסין (אַ ביסל גרעסער, ווי דעם רבינס).

3) אַ פלעשעלע פּאַרפום מיט אַ וווּנדערבאַרער גלעזערנער פּראָפּקע.

4) אַ שיין ווייס קעמעלע (ריינע העלפאַנטביין, האָט געזאָגט דער קרעמער).

איך האָב באַהאַלטן דעם גאַנצן אוצר אין טישקעסטל און געזעצט זיך איבערשרייבן אויף ריין די צוויי שירים, וואָס איך האָב פאַרפאַסט, ביי־צולייגן צו די שלח־מנותן. דער שיר פאַרן רבין — אין העברעיִש, דורכ־געקנאָטן מיט פּסוקים און פאַרווירצט מיט זייער שיינע מליצות האָט זיך געענדיקט אַן ערך אַזוי:

המן מיט די בנים
און זיינע קרובים און מחותנים
און אַלע יידישע שונאים
האָבן „פאַרביטערט אין געוויין" —
כן יאבדו ונאמר אמן! —

דאָס ליד פאַר פּערלען איז געווען אין יידיש. און דער אינהאַלט? —

אַז דער טאַטע איז אַריין מיך רופן צו דער מגילה, בין איך געזעסן איבערן פּאַפּירל, און טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן...

3

פון הירשקע „קאַלטן", וועלכער איז אויסגעוואַקסן אָן אַ טאַטע־מאַמע, אויסגעוואַלגערט זיך אין באָד און אין הקדש, האָט שטעטל קיין גרויס נחת ניט געהאַט: ווי אַ קריג, אַ שלעגעריי, איז ער געווען אין מיטן, און אַפילו די וועש אויפן בוידים און להבדיל, די פּושקע פון ר' מאיר בע"הנ אין בית־מדרש איז אויך ניט געווען זיכער פון אים.

פּורים אָבער איז ער געווען אַ נוצלעכער מענטש: אַרומטראָגן שלח־מנות איז געווען זיין חזקה. און ער איז טאַקע אַ גאַנצן טאָג געווען פאַר־נומען איבערן קאָפּ.

איך האָב איבערגעגעבן הירשקען אין די הענט די צוויי געדעקטע טעלער:

— אָט דעם, הירשקע, מיטן ווייסן טישטעכל, זאָלסטו אָפּגעבן ר' משה־לייבן, און דעם טעלער מיטן ראָזן טישטיכל — פּערלען, ברוך דעם וויינערס.

— גוט, — האָט ער געזאָגט און אַ הויך געטאָן אויף מיר מיט אַ שאַרפן ריח פון בראָנפן.

איך האָב אים נאָך געוואָלט איינחזרן, אַז פּערלען זאָל ער איבערגעבן בשתיקה, ווען קיינער וועט ניט זען, אָבער הירשקע איז שוין געווען הינטערן טיר און אַוועקגעפּאַטשט אין דער בלאָטע מיט זיינע גרויסע הילצערנע קלומפּעס צו ברוך דעם וויינערס גאַניק.

— אַ גוט פּורים, פּערקע! דיין חתן האָט דיר געשיקט שלח־מנות!

פּערעלע איז רויט און בלאַס געוואָרן, האָט צעטומלטערהייט דערלאַנגט הירשקען אַ גאַנצן גריוויניקל און אַנטלאָפן מיטן טעלער אין אַ זייטיקן צימער.

— אַ גוט פּורים אייך, ר' משה לייב! מאירקע דעם שוחטס האָט אייך געשיקט שלח־מנות!

די רביצן האָט דערלאַנגט הירשקען אַ קופּערנעם צווייער און אים איינ־געגאָסן אַ גלעזל בראָנפן.

— וואָס גיסטו אים נאָך בראָנפן? — האָט דער רבי געזאָגט — זעסט דאָך, ער איז שוין שיכור ווי לוט!...

4

פערעלע האָט מיט ציטערדיקע הענטלעך אַראָפּגענומען דאָס ווייסע טישטעכל פון טעלער און געבליבן דערשטוינט: אַ פלעשל בראָנפן? צו וואָס בראָנפן, אַז איך טרינק ניט? און וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע פּושקעלע אַזאַ? און דאָס פּעקעלע... וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעקעלע?

זי האָט פּאַוואָלינקע אויפגעריסן דאָס פּעקל שמעקטאַבאַק, זיך איינגעבויגן טיפער, עס צו באַטראַכטן, און אָנגעהויבן ניסן מיט סכנת נפשות... נאָכער האָט זי גענומען דאָס בריוועלע:

— אַהאַ, אין לשון קודש... אָפּצולאַכן פון מיר... ער ווייס דאָך, אַז איך קען ניט לייענען. ער קען, הייסט עס, און איך ניט... אַ, איך פאַרשטיי שוין: די אַלע זאַכן האָט ער מיר געשיקט, צו רייצן זיך מיט מיר, אָפּצולאַכן...

אַ, דער מערדער, דער אומווירדיקער מענטש! ער האָט צעבראָכן מיין האַרץ, פאַרוואַלקנט די ליכטיקע שטראַלן פון מיין פרילינג... אַ, דער שאַלקהאַפטיקער מענטש, דער טיראַן!

און פערעלע האָט זיך ביטער, ביטער פאַנאַנדערגעוויינט.

5

ר׳ משה לייב האָט בהרחבהדיק אָוועקגעזעצט זיך צום טיש מיטן טעלער, פּאַוואָלינקע אַראָפּגענומען דאָס ראָזע טישטעכל און גענומען באַטראַכטן דעם שלח־מנות:

דער רבי: אַ שטיק טשעקאָלאַדע... אָן איינפאַל דאָס איז...

די רביצין: ווער זאָל דאָס עסן? מיר טוען אַזוי אויך ווי די ציינער...

דער רבי: (נעמט דעם אַפּעלסין) נו, דאָס איז אַ פיינע פּרי... און וואָס איז דאָס? — אַ קעמעלע... טע־טע־טע!... אַ ווייס קעמעלע... אַ המצאה אַ ביסל... (קעמט זיך דערמיט זיין לאַנגע באָרד) פאַרשטייסט, אַ שייגעץ... צו דער ווייסער באָרד אַ ווייס קעמעלע... פון דעסטוועגן ניט פאַרגעסן אָן רבין... (נעמט דאָס פלעשעלע פּאַרפום) און וואָס איז דאָס? (דרייט עס

אַרום אויף אַלע זייטן) פע, חלשות! אַ מויד מיט נאַקעטע הענט איז דאָ אָפּ־געמאָלט! (טראַגט צו צום נאָז) מ׳דאַרף גאָר מאַכן „בורא מיני בשמים״...
(ציט די אַקסלען).

די רביצין: אפשר איז דאָס אַן איינרייבונג פאַר מיינע „רעמאַטעס״?

דער רבי: שאַ, אַט איז אַ בריוועלע (נעמט פונאַנדער) לאָמיר אַקערשט זען וואָס שטייט דאָ (לייענט):

דיין שטערן איז ווייס, ווי דער שניי,
וואָס טוט ליגן אויפן שפּיץ לבנון;
מיין האַרץ פרייט זיך מיט גרויס פרייד,
ווען איך טו זיך אַן דיר דערמאָנען.

(גלעט זיך מיט נחת־רוח זיין הויכן שטערן) מיין שטערן — ווי דער שניי אויפן לבנון... אַ גאַנץ שיינע מליצה... אָבער וואָס עפּעס אויף זשאַרגאָן? חולה איז ער, דער יונגאַטש, צו שרייבן לשון־קודש? (לייענט ווייטער):

דיינע האָר די געלאָקטע
איז זייער שיין אוודאי,
אַזוי ווי עס נידערט אַראָפּ פון באַרג גלעד
ציגן אַ סטאַדע...

די רביצין: וואָס פאַר אַ ציגן?

דער רבי: (גלעט זיך די געקרייזלטע פאות) דאָס איז אַ מליצה אַזאַ פון שיר־השירים: שׂערך כעדר העזים... אַן איינפאַל אַ ביסל, צו שרייבן אויף מיינע פאות אַזאַ מליצה!... (לייענט ווייטער):

דו ביסט גוט, אַזוי ווי מרדכי,
און ביסט קלוג, אַזוי ווי המן,
דיינע אויגן זיינען תכלת
און די ליפּעלעך — ארגמן...

(ציט מיט די אַקסלען) דאָס איז פון מגילה... אָבער ווי שרייבט מען דאָס „תכלת״ אויף שוואַרצע אויגן?... משוגע איז ער, שׂונאי־ישׂראל... (לייענט ווייטער):

אַ, פּערעלע! מיין ליבע
איז הייסער, ווי פייער אַפילו,
ווײלע דו ביסט שענער
ווי אסתר פון מגילה...

(בלייבט זיצן מיט אַן אָפענעם מויל).

די רביצין: אוי אַ קלאָג צו מיר! דאָס איז דאָך פּערקע דעם ווײנערס!.. איך האָב שוין לאַנג געהערט ריידן ניט קיין שיינע זאַכן אויף דיין שיינעם תּלמיד... הערשקע דער שיכור האָט עס על פּי טעות געבראַכט...

דער רבי איז לאַנג געזעסן שטום, מיט אַ טרויעריקן בליק געשאָקלט מיטן קאָפּ איבערן ליד און דעם פּלעשל מיט דער נאַקעטער מויד און ענדלעך אַרויסגעזיפצט:

—דערלעבט צייטן... אַז פון מיין תּלמיד זאָל ווערן אַזאַ... אַזאַ... ווײ, ווײ!.. און דעם אַלטן רבין אין גאַנצן פאַרגעסן... פּורים ניט צו דערמאָנען זיך אַן אַלטן רבין!.. געשטאָרבן דער רבי!...

און טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן.

✡

פּערעלע און משה לייב האָבן געהאַט אַ פאַרשטערטן פּורים און איך האָב זיך דערוווּסט פון דעם אומגליק ערשט אויף מאָרגן און געהאַט אַ פאַרשטערטן שושן־פּורים.

אַ שבועות־נאַכט

(אַ בילד פון ישיבה־לעבן)

די נאַכט האָט אַנגעטאָן איר שוואַרץ־זיידענע, מיט פּערעלעך באַשטיקטע שלאַפֿהויב, האָט זיך אַנגעזאַלבט מיט די דערקוויקנדיקע ריחות פון פרישע לאַנקעס און פעלדבלומען און אײַנגעהילט די וועלט אין איר טונקעלן ווייכן סאַמעט.

ס׳איז אַ טיפע, שטילע שבועות־נאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפט שוין פרידלעך, נאָר דער גרויסער ישיבה־בנין איז העל באַלויכטן. פרײלעך פלאַקערן אינעווייניק די גרויסע בליץ־לאָמפּן, און מונטער קלינגען די שטימען פון די ישיבה־לייט, וואָס וויגן זיך מיט כונה איבער די שטענדערס מיט די גרויסע גמרות. עס איז שוין אַ מנהג אין ישיבה פון קדמונים אָן, אַז אין יום־טוב פון מתן־תורה לערנען די בחורים אַ גאַנצע נאַכט, דאַוונען מיטן נץ־החמה און ווערן דערנאָך אַלע אײַנגעלאַדן צום ראש־ישיבה ר׳ הירש אויף קאַפע.

אָט דער פרישטיק ווערט געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד. די בעסטע פּוטער־געבעקס ווערן צוגעגרייט, געהאַקטע הערינג מיט אייער־קיכלעך ווערט סערווירט, און ברוינע שמעקנדיקע בלינצעס, וואָס ווייַנען מיט פּוטער־טרערן, ווערן געבאַקן אַנגראַ. רבי הירשס ווייב און פּערעלע, זייער עלטערע 17־יאָריקע טאָכטער, מוזן אויפשטיין אַ שטיק פאַר טאָג און שווער אַרבעטן: ס׳איז ניט קיין קלייניקייט צוצוגרייטן דעם כיבוד פאַר אַזאַ עולם, אָן עין־הרע! אָבער זיי טוען עס מיט פלייס און שמחה: ניט יעדער איז זוכה אויפצונעמען ביי זיך אַזוי פיל תלמידי־חכמים נאָך אַ גאַנצע נאַכט לערנען. —

עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט, און די לערנער הייבן אָן עטוואָס מיד

צו ווערן. לאַנגזאַמער וויגן זיי זיך איבער די גמרות און טרוימעריש־מעלאַנ־כאָלישע נגונים הענגען אין דער לופט.

— אמר רבא... — זינגט איינער, ווי בעטנדיק זיך, און טרויעריקע געדאַנקען רייסן זיך אַריין, ווי אײַנברעכער, אין זיין מוח: שוין דריי יאָר אין דער היים ניט געווען... די שוועסטער איז קראַנק... ער וואָלט כאָטש קענען אַפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל פאַר איר אויף „וויגאָדע"... ווי קען ער איר שיקן, אַז ער האָט אַליין חובות איבערן קאָפּ...

— אמר רבא... — קלינגט עס פון אַן אַנדער ווינקל האַפּענונגספול: מיט חושן־משפט און יורה־דעה איז ער שוין פאַרטיק... די „סמיכה" איז שוין אַזוי גוט, ווי אין קעשענע... אַ פּאַסיקער שידוך און אַ שטעלע אויף רבנות וועלן זיך שוין מסתמא מאַכן...

— „אמר רבי שמעון... — קלינגט פון דער מזרח־וואַנט אַ העלער, זיסער אַלט. דאָס איז דעם 18־יאָריקן יואל באַברויסקערס שטימע, וואָס קוועלט אַן אין דער לופט און צעגיסט זיך איבערן גאַנצן חלל. ער האָט ערשט דורכ־גענומען אַ האַרבע סוגיא. האָט דאָ מחדש געווען אַ שאַרפע קשיא און איז שוין גאָר געווען אויף אַ דרך אַרויסצופירן אַ חריפותדיקן תירוץ, אָבער מחשבות זרות, זינדיקע געדאַנקען קריכן אים אין קאָפּ אַריין, ווי די זלידנע פליגן — ניט אָפּצוטרייבן! ער פרוווט פאַרטיפן זיך אין דעם ענין, פרוווט אַפילו זיך פאַרשטעלן דעם אַלטן הייליקן רבי שמעון מיטן סויבלנעם שטריימל און מיט די ווייסע געקרייזלטע פאות, אָבער דער פּאַטריאַרכאַלער תנא פאַרלירט פלוצלונג זיין גרויסע באָרד, באַקומט צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ און אַ געטאַקט־חנעוודיק נעזל, און קוקט אים אָן ליבלעך מיט בלויע וואַרעמע אויגן — פּערעלע דעם ראש־ישיבהס!

עס האָט אים שוין עפּטער געטראָפן, אַז נאָך דעם ווי ער האָט באַגעגנט פּערעלען, גייענדיק צום אָדער פון לערנען (רבי הירשס דירה איז אין בנין פון ישיבה) האָט ער שעהען לאַנג ניט געקאָנט זיך קאָנצענטרירן אין לערנען, אָבער אַזוי עקשנותדיק ווי היינט, האָט אים איר געשטאַלט נאָך קיין מאָל ניט פאַרפאָלגט. און גראַד אין דער הייליקער נאַכט פון שבועות, ווען דער הימל שפּאַלט זיך, און די מלאכים קוקן אַראָפּ אויף דער ערד, כדי צוצוזען, ווי יידן לערנען תורה מיט אַ ריינער כוונה! אומזיסט פרוווט

יואל פאַנאַדערצווויקלען די פאַרפּלאָנטערטע פעדעם פון דער סוגיא און אַרויסצוקריסטאַליזירן דעם תירוץ; די אותיות טאַנצן אים פאַר די אויגן. דער קאָפּ איז הייס און פאַרנעפּלט. ער פאַרמאַכט די גמרא און גייט אַרויס אויפן הויף זיך אָפּצופרישן.

די לבנה האָט זיך שוין באַהאַלטן הינטער דער וואַסער־מיל, אַ טיפע טונקלקייט האָט אים אַרומגענומען תיכף, ווי ער האָט אַריבערגעטראָטן די ברייטע ליכט־טעפּיכער, וואָס די העל־באַלויכטענע פענצטער האָבן אויס־געבעט פאַרן הויז. אַ ביסל ווייטער שטייט אַ גרופּעביימער מיט אַ באַנק דאַרונטער. יואל איז צוגעגאַנגען אַהין, זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק, האָט טיף אָפּגעאָטעמט און מיט אַ מאָל דערפילט זיך פרייער. פּונקט ווי דאָ, אונטערן שוץ פון די פרישע ביימער, וואָלט דער שטרענגער ר׳ שמעון וויניקער שליטה געהאַט...

— און אויב אפילו איך האָב ליב — האָט ער געטראַכט — איז אפשר אויך קיין בייז ניט. שטייט דאָך אין דער תורה בפירוש: „ויאהב יעקב את רחל״... אויב יעקב אבינו, דער גרויסער צדיק, האָט געמעגט... און אפשר: ווען איך זאָל נאָך אַ דריי־פיר יאָר לערנען מיט התמדה און ווערן אַ גרויסער למדן, וועט מיך ר׳ הירש נעמען פאַר אַן איידעם... וואָס איז פיר יאָר? — האָט דאָך יעקב געדינט ביי לבנען 2 מאָל זיבן יאָר פאַר רחלען „און זיי זיינען אים פאַרגעקומען ווי אייניקע טעג, מחמת זיין ליבשאַפט צו איר״... אין פיר יאָר אַרום וועל איך שוין אוודאי האָבן סמיכה און...

— יואל — האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַן איינגעהאַלטענע שטימע האַרט נעבן זיך. ער איז אויפגעציטערט געוואָרן און אַריינגעפאַלן פון אַ זיסן חלום אין אַ זיסער ווירקלעכקייט: פאַר אים איז געשטאַנען פּערעלע.

— וועגן וואָס האָט איר דאָס אַזוי פאַרטיפט געקלערט? — האָט זי געפרעגט.

— איך?... איך האָב גראַד געקלערט וועגן... וועגן אַ שווערן ענין אין גמרא... — האָט יואל געשטאַמלט, ווי פון שלאָף, און איז שטאַרק רויט געוואָרן פאַר זיין ליגן — און וואָס טוט איר דאָ איצט ביי נאַכט?

— איך גיי דאָס צו אַ שכנה לייען אַ בלעך צום באַקן — האָט פּערעלע

געזאָגט, זיך ענגער איינוויקלענדיק אין איר שאַל — איר ווייסט דאָך... הײנט צום פרישטיק...

— אַ בלעך צום באַקן ? — האָט יואל מעכאַניש איבערגעפרעגט.

— מ׳קען זיך צוזעצן נעבן אייך ? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט און געזעצט זיך, ניט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה. — ניין, איך וועל אייך בעסער דערציילן דעם אמת, ס׳איז אַזוי געווען: איך האָב ניט געקענט שלאָפן, די נאַכט איז אַזאַ דושנע און דורכן וואַנט האָבן דורכגעדרונגען די קולות פון די לערנער... איך האָב אפילו דייטלעך געהערט אייער שטימע... נו, בין איך אויפגעשטאַנען און אַרויס אויפן הויף. איך מוז דאָך באַלד סיי ווי אויפשטיין העלפן דער מוטער... איך האָב אַרומגעשפּאַצירט און געזען אייך דורכן פענצטער. נאָך דעם זייט איר אַרויס און זיך געזעצט אונטער די ביימער... בין איך אויך צוגעקומען. ס׳איז מיר אומעטיק אַליין...

יואל האָט זיך געשעמט, פאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו זיין אויפריכטיק, אַזוי ווי זי, און ער האָט צוגעגעבן:

— איך האָב געקלערט וועגן יעקב אבינו...

— וואָס עפּעס יעקב אבינו ?

ער האָט געציטערט און ניט געהאַט די קראַפט איר אַרויסצוזאָגן דעם אמת. ער האָט געפילט, אַז צוליב זיין שוואַכקייט, וועט ער באַלד פאַרפלאָנטערן זיך אין אַ נייעם ליגן, און ער האָט טרויעריק געזאָגט:

— איך מוז שוין גיין...

— וואָס איילט איר זיך אַזוי ? זיצט נאָך אַ ווײלע — האָט פערעלע געבעטן און אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

— איך מוז גיין לערנען — האָט יואל שוואַך געענטפערט, מורא האָבנדיק, טאָמער געפינט זי ניט די ריכטיקע תשובה אויף דעם און לאָזט אָפּ זיין האַנט — ביטול־תורה איז אַ גרויסע עבירה... פון יעדער וואָרט פון לערנען, זאָגן די חכמים, ווערט באַשאַפן אַ מלאך...

— פון יעדער וואָרט אַ מלאך !?... שרעקלעך פיל מלאכים מוזן דאָ אַרומשוועבן אין דער לופט... אָבער איר ווייסט, מען קען באַשאַפן מלאכים אויך אויף אַן אַנדער אופן...

— ווי אַזוי ?

— איך שעם זיך צו דערציילן...

— דערציילט, איך בעט אײַך!

— איר ווייסט דאָך, — האָט פּערעלע אָנגעהויבן, זיך צורוקנדיק נענטער צו אים — אַז אַ כלה אונטער דער חופּה איז באַזונדערס שיין און באַחנט?

— יאָ, דאָס ווייס איך.

— און פון וואַנען דאָס קומט, ווייסט איר?

— ניין — האָט יואל געזאָגט פאַרלעגן.

—דאָס קומט פון אַ מלאך, וועלכער שוועבט אַרום איבער דער כלה. דער אָפּשיין פון זיינע פליגלען גיט דאָס איר צו דעם באַזונדערן חן. און ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ מלאך?

— ניין, — האָט יואל געזאָגט שולדיק, ווי אַ חדר־ייִנגל, וואָס בלייבט שטיין ביי יעדער קלייניקייט.

— מיר האָבן דאָך ערשט גערעדט פון יעקב אבינו... נו, איז בשעת יעקב האָט געגעבן רחלען דעם ערשטן קוש — ווי אין חומש שטייט: „וישק יעקב לרחל" — איז באַשאַפן געוואָרן אַ מלאך. אָט דאָס איז ער... און שטענדיק, ווען צוויי האָבן זיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן, ווערט פון יעדן קוש זייערן באַשאַפן אַ מלאך...

עפּעס מאָדנע ניי און וווּנדערלעך זיינען יואלן אויסגעקומען אירע ווערטער. ער האָט עפּעס געזאָגט דאַקעגן, געפּרווּוט אָפּשלאָגן אירע רייד, אָבער טראָץ זיין גרויסער הריפות און בקיאות איז ז י געבליבן גערעכט און — —

צווישן די מחנות יונגע מלאכים, וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פון די פענצטער פון דער ישיבה און געשווומען צו די שטערן, האָבן געשוועבט עטלעכע צאַרטע ראָזע מלאכימלעך, וואָס זיינען נאָר וואָס באַשאַפן געוואָרן.

אין מזרח האָט שוין די זון אַרויסגעקוקט ווען יואל האָט זיך ווידער אין דער ישיבה אַריינגעגנבעט. ער איז געווען גליקלעך. פאַרשליסנדיק אין האַרצן זיין זיסן סוד, האָט ער אומגעדולדיק געוואַרט אויפן פרישטיק, ווען ער וועט ווידער קענען זען פּערעלען ביים סאַרווערן.

ביים פרישטיק איז געווען לעבעדיק־פריילעך. מ׳האָט מיט אַפּעטיט גע־געסן און געטרונקען, און אין די הפסקות צווישן איין געריכט און דעם

אַנדערן האָבן געקלונגען פריילעכע לידער פון דעם ספּעציעלן ישיבה־רעפּערטואַר.

אַז חברה איז געוואָרן בגילופין, האָט שלמה באַברויסקער אָנגעהויבן צו אימפּראָוויזירן גראַמען. איטלעכער פון די אָנוועזנדיקע האָט באַקומען זיין פּערז.

נאָכן אָפּגעבן דעם כבוד ר׳ הירשן און די עלטערע חברים, האָט ער באַמערקט ביים טיר פּערעלען אין איר יום־טובדיקן ווייסן קלייד, און באַלד האָט ער איר מכבד געווען מיט אַ פּערז, וואָס האָט זיך געענדיקט אַזוי:

זי האָט געוואַכט
אַ גאַנצע נאַכט
און ברוינע בלינצעס
פאַר אונדז געמאַכט!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט געקלונגען פון אַלע זייטן — אַזעלכע בלינצעס, ווי פּערעלעס, איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ!

„פיינע בלינצעס״, — האָט יואל געטראַכט, און אַ גליקלעכער שמייכל האָט באַלויכטן זיין פאַרחלומט געזיכט, — „ווען איר וואָלט אָבער וויסן, וואָס פאַר אַ פיינע מלאכים פּערעלע קען באַשאַפן!...״

די אושפיזין

ר׳ נאַטע דער מלמד איז אַ כשרער און פרומער ייד לכל־הדעות. גיט אויף אַ דבר שבצדקה בסבר פנים יפות, איז קובע עתים לתורה און איז אַ גרויסער זהיר במצוות. ראש־השנה מוז זיין ביי אים צום טיש דווקא אַ שעפּסענער קאָפּ, צו דערמאָנען דעם אילו של יצחק, יום־כפור שטייט ער אָפּ אַ גאַנצן מעת־לעת אויף די פיס, אַן אתרוג קלייבט ער אויס דעם טייערסטן און שענסטן, אַן דאָס מינדסטע פינטעלע און מיט אַ מהודרדיקן פּיטום, און די סוכה בויט ער מיט ליבע, איבערגעבנקייט און פאַרשטענדעניש, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ הייליקן בנין, וווהין מען לאַדט איין אַזוינע חשובע טייערע געסט, ווי אברהם, יצחק, יעקב און זייערע חברים. וואָרעם רב נאַטע איז אַ ייד אַ תמים, און וואָס ער טוט אָדער רעדט, מיינט ער מיטן גאַנצן האַרצן. און זאָגט ער סוכות:

— עולו אושפיזין, — קומט אַריין אין סוכה איר הימלישע הייליקע געסט, — זאָגט ער דאָס ניט נאָר, ווייל עס שטייט אין סידור, נאָר טאַקע מחמת ער גלויבט באמונה שלמה, אַז אויב ער וועט זיין באמת פרום, וועט ער זוכה זיין צו האָבן אין סוכה ביי זיך די אושפיזין. ער קען, פאַרשטייט זיך, ניט זוכה זיין, זיי צו זען, אָבער ס׳איז גענוג, אַז זיי וועלן קומען.

יאָ, ר׳ נאַטע מלמד איז אַ פּשוטער תמימותדיקער ייד, שוין צו פיל תמים. אין שטעטל דערציילט מען וועגן אים אַ טשיקאַווע מעשה:

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער נעבעך געווען אויף גרויסע צרות: דער יקרות איז געווען גרויס, און פון אַמעריקע האָט מען ניט געקענט שיקן קיין געלט. האָט ער זיך מישב געווען חוה״מ סוכות: היינטיקן הושענא־רבה מוז ער אויסבעטן ביי גאָט אַ גוט יאָר. און כך הוה: אַ גאַנצע נאַכט פון הו״רבא האָט ער געהזרט מיט גרויס כונה: „כל טוב! כל טוב! רבונו־של־

עולם — כל טוב". כדי בשעת דער הימל וועט זיך אַ שפּאַלט טאָן, זאָל דער־הערט ווערן זיין תפילה. אין יענער נאַכט זיינען דורכן שטעטל דורכגעפאָרן שמוגלער מיט אַ גרויסן וואָגן, אָנגעפּאַקט מיט מעל, צוקער און כל טוב. פלוצלונג דערוויסן זיי זיך — אַן אומגליק! — זשאַנדאַרמען שפּירן זיי נאָך. וואָס טוט מען? — פאַרן לבנה־שיין האָט זיך זיי באַוויזן, ווי אַ מלאך־מושיע, ר׳ נאָטעס סוכה, וואָס איז זיך רחבותדיק איינזאַם געשטאַנען אויפן הויף. און אָט האָבן זיי מבער געווען די גאַנצע טריפה סחורה אין סוכה אַריין, און אַז די זשאַנדאַרמען האָבן זיי אָנגעיאָגט, איז געווען אַ כשר טעפּל מיט אַ כשרן לעפל.

אין דער פרי, אַז ר׳ נאָטע איז געקומען אין סוכה אתרוג בענטשן און געפונען דעם אוצר, האָט ער זיך ניט שטאַרק געוווּנדערט: — ס׳איז קלאָר: די תפילה איז אָנגענומען...

ער האָט קיינעם דערפון ניט דערציילט און אַ גאַנצן טאָג איינגעטענהט מיטן ווייב, אַז אַ העלפט פון אוצר דאַרף מען אָוועקגעבן אויף צדקה. און שמיני־עצרת אין דער פרי, אַז ער האָט געפונען די סוכה ווידער גאַנץ ליידיק, אָן אַ סימן פון אוצר, (מחמת די שמוגלער האָבן אין דער צווייטער נאַכט אַלץ אָוועקגעפירט), האָט ער געזאָגט צו דער ווייב מיט אַ שטילן פאַרוווּרף:

— זעסט, נעכע, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט: האָסט ניט געוואָלט אָפּגעבן אַ העלפט צדקה, האָט דער אויבערשטער צוגענומען אין גאַנצן...

אַזוי דערציילט מען וועגן אים אין שטעטל, עס קען זיין, ס׳אַ ליגן.

✡

אַז אברהם־יצחק, דער העברעישער לערער, גייט אַרום ביז שפּעט שפּאַצירן מיטן סטאָליערס מיידל — איז ניט קיין בלבול. ניט איין מאָל האָט שוין די מאַמע זיינע געוויינט:

— שיינע נחת דערלעבט!... מיט שׂרהקע דעם סטאָליערס, אַ קלאָג צו מיין מזל... איך וואָלט מער ניט וועלן וויסן, וואָס איז דער שׂכל דערפון?...

וואָס איז דער שׂכל דערפון, ווייס איך אויך ניט, אפשר ליגט דער שׂכל אין אירע שוואַרצע אייגלעך, אפשר אין איר געטאָקטן נעזל, ווער קען

וויסן? — אברהם־יצחק אַליין, אַפּנים, האָט אין דעם ענין גאָר קיין שׂכל ניט געזוכט. זי האָט געלערנט ביי אים העברעיִש, און באַלד אויף דער צווייטער וואָך איז ער געוואָרן אַזוי פאַרבאַקן אין איר, אַז פון איין שעה איז געוואָרן דריי, און פון געלט נעמען האָט ער גאָרניט געוואָלט הערן אַפילו. זי האָט טאַקע געלערנט מיט התמדה און קען שוין איצט ניט שלעכט העברעיִש. אויב איר וועט טרעפן אין גאַס אַ זייגער צוועלף ביי נאַכט צווייען שפּאַצירן, ער דערציילט עפּעס אויף העברעיִש און זי ענטפערט מיט אַ צניעותדיק־גליקלעכן העברעיִשן געלעכטער — זאָלט איר וויסן, אַז דאָס זיינען אברהם־יצחק מיט שׂרהלען.

✡

— שׂרהלע, דיר איז ניט קאַלט?

— ניין, מיין טייערער — האָט שׂרהלע געענטפערט און זיך פעסטער צוגעטוליעט צו אברהם־יצחקן — און דיר?

— ניין, נשמה מיינע! אַ וואונדערבאַרע נאַכט היינט. גיב אַ קוק, ס׳אַראַ הימל! געדענקסט ביי ביאַליקן: „די הערלעכע הימל־געצעלטן פאַר־שפּרייטע, מיט פינטעלעך שטערן, ווי פערל פאַרזייטע"...

— יאָ, איך געדענק, ווי דען... באמת אַ וואונדערבאַרע נאַכט. ס׳איז גאָרניט קענטיק, אַז ס׳איז סוכות. מ׳קען מיינען, ס׳איז אַ פּסח־נאַכט.

— און דו ביסט מיין מלכה! אַך, ווען דו וואָלסט וויסן, ווי איך האָב דיך ליב, מיין האַרץ ווערט שיר...

— שאַ!... דאָרטן שטייט עמיצער אויפן גאַניק...

— גיי, נאַרעלע, דאָס הענגט אַ מאַנטל. ווער וועט דאָס אַזוי שפּעט שטיין אין דרויסן?

— ווי שפּעט איז דען?

אברהם־יצחק האָט אין דער טונקלקייט לאַנג געקוקט אויף זיין זייגער און פאַרזאָרגט געענטפערט:

— האַלב איינס...

— ווילסט שוין גיין אַ היים? — קום נאָך אַ האַלבע שעה. מיר איז אַזוי גוט מיט דיר צוזאַמען.

— איך קלער נאָך גאָרניט צו גיין אַ היים. אויב דיר איז נאָר ניט קאַלט.

— ניין. דערווייל ניט.

אַ היפּשע צייט האָבן זיי נאָך אַרומגעשפּאַצירט איבער די פּוסטע גאַסן, און די „פּינטעלעך שטערן, ווי פּערל פּאַרזייטע״ האָבן זיך מיט יראת־הכבוד צוגעהערט צום וואַרעמען העברעיִשן דיאַלאָג.

מיט אַ מאָל איז שׂרהלע שטיין געבליבן:

— די נייע שיך דריקן מיר... ס׳וואָלט געווען גוט זיך צוצוזעצן.

— וואָס טוט מען? ניטאָ ווּ...

—אָט דאָרטן, ביי נאָטעס שטוב איז, דוכט זיך, פאַראַן אַ באַנק.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צום דערמאָנטן הויז.

— ווּ איז אַהינגעקומען די באַנק? — האָט זיך שׂרהלע געוווּנדערט.

— ער האָט מסתמא דאָס ברעט פאַרנוצט אויף דער סוכה, — האָט אברהם יצחק באַשלאָסן — שאַ, ווייסטו גאָר וואָס? לאָמיר אַריינגיין אין סוכה. דאָרט וועט זיין וואַרעמער אויך.

אויף דער באַנק אין סוכה האָבן זיי זיך פלוצלונג דערפילט, ווי אין אַן אָפּגעזונדערטן פאַרכישופטן שלאָס ערגעץ אויף אַ לעגענדאַרישן אינזל, און אברהם־יצחק האָט אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, אַ פרעג געטאָן:

— הער, מיין גאָלד! אַז מיר וועלן האָבן אַ ייִנגעלע, ווי וועלן מיר עס אַ נאָמען געבן?

שׂרהלה האָט אַראָפּגעוואָרפן די שיך און געענטפערט:

— איך ווייס ניט. אפשר נאָך מיין זיידן יאָסל?

— יאָסל איז ניט שיין.

— טאָ ווי?

— איך רעכן: בן־עמי, אָדער: שאר־ישוב.

— פון מיינטוועגן...

— און טאָמער וועט זיין אַ מיידעלע?

— אפשר שושנה?

— שושנה איז באַנאַל.

— טאָ ווי?

— איך מיין רוחמה. אָדער ניין, וואַרט, בלפוריה!

— וואָרט — האָט זיך שׂרהלה פאַרשעמט — מיר האָבן דאָך נאָך ניט חתונה געהאַט...

— מיר קענען אָרום חנוכה מאַכן די חתונה... — — —

לאַנג האָט זיך נאָך געצויגן דער ליבער שמועס, די זיסע ווערטער האָבן זיך, ווי האָניק־טראָפּנס, איינגעזאַפּט אין סאַמעטענעם אָוונט, און צום ערשטן מאָל האָבן די סוכה־ווענט, אַנשטאָט ר׳ נאַטעס טרוקענעם זיפץ, דערהערט אַ זאַפטיקן קוש.

✲

די צייט איז, כידוע, אַ רעלאַטיווער באַגריף. ווען עמעצער וואַרט, למשל, אויפן טאָג מיט אַ צאָן־געשוויר, כדי צו לויפן צום דענטיסט, וועט זיך אים די נאַכט אויסציִען, ווער ווייס ווי לאַנג. אברהם־יצחק מיט שׂרהן אָבער האָבן זיך רעכט ניט אַרומגעזען, ווי דער הימל אין מזרח איז געוואָרן רויז, און אין סוכה — גרוילעך.

— דו ווייסט, איך בין הונגעריק — האָט זיך שׂרהלע ענדלעך אָנגערופן.

— איך אויך.

— דאָ שטייט, דוכט זיך, אַ פאַן פיש אונטערן טיש.

— ביסט גערעכט. עס שמעקט טאַקע מיט געקאָכטע פיש.

זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון פאַן אַ פּאָר שטיקלעך געזאָפרענטע העכט און — —

ר׳ נאַטע, וואָס איז געגאַנגען אין סוכה אתרוג בענטשן מיטן נץ־החמה, איז געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט פאַר דער טיר פון זיין סוכה, זעענדיק, אַז זי איז פאַרמאַכט פון אינעווייניק, און צו אים האָט זיך דערטראָגן אַ פליסטערנדיקער שמועס אין לשון־קודש:

— ווי זאָל איך עסן אָן אַ גאָפּל ?

— מיט די פינגער, מיין גאָלד. דעם לויתן וועט מען אויך עסן אָן אַ גאָפּל ?

— מיר עסן פרעמדע פיש...

— קלעם זיך ניט, שׂרה! ר׳ נאַטע וועט זיין צופרידן, אַז אַזוינע חשובע געסט האָבן טועם געווען פון זיינע פיש.

— שוין צייט צו גיין, אברהם־יצחק, עס טאָגט שוין.

— יאָ, ריכטיק. שוין באַלד צייט אתרוג בענטשן. ער'ט גלייך קומען...

— טאָ קום גיכער, אברהם־יצחק.

— קום שׂרה. נאַ, טו אָן די שיך.

די לעצטע פאָר ווערטער האָט ר' נאָטע שוין ניט געהערט. אים האָט געוואָרפן הענט און פיס פאַר גרויס אויפרעגונג און שׂמחה, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן, ניט וויסנדיק וווהין.

צוויי יידן מיט טלית־זעק אונטער די פאַכוועס האָבן אים, צעשראָקענע, אָפּגעשטעלט:

— ר' נאָטע, וואָס איז?

— זיי... זיי זיינען ביי מיר... ביי מיר אין סוכה!...

— ווער? וואָס? גזלנים?

— ניין, די אושפיזין!

— וואָס רעדט איר, ר' נאָטע, איר לאַכט!?

— באמונות! איך האָב אַליין געהערט, ווי זיי האָבן גערעדט צווישן זיך... אויף לשון־קדש האָבן זיי גערעדט... און פון אונדזערע פיש האָבן זיי פאַרזוכט... דעם לויתן האָבן זיי אפילו דערמאָנט... און די נעמען: אברהם, יצחק און שׂרה — האָב איך קלאָר געהערט...

דערווייל זיינען אונטערגעקומען נאָך אַ פאָר יידן, אַ פאָר ווייבער, ביז ס'איז געוואָרן אַ גאַנץ רעדל. אַלע האָבן געהערט, געקוועטשט מיט די פלייצעס און געלאָזט זיך גיין צו דער סוכה.

און איידער דאָס פאָרל האָט באַוויזן צו פאַרלאָזן די סוכה, זיינען זיי געווען געפאַנגען, ווי אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג.

דער עולם איז געשטאַנען אַ היפשע ווײַלע, גערעדט, געזאָגט סברות, געוויצלט זיך; אַנדערע האָבן געפרעגט, וואָס האָט די מוטער שׂרה געזאָגט פאַרן מבינות אויף נעכעס פיש... — און חברה קליינוואַרג האָט זיך שטאַרק משׂמח געווען און געגוואַלדעוועט:

— די שפּיזן! די שפּיזן!

צום סוף האָט זיך בערל דער פאַזשאַרניק געמאַכט האַרץ און געכאַפּט אַ קוק דורך אַ שפּעלטל:

— אוי, איך שטאַרב! עס איז דאָך אברהם־יצחק פעשע־דבורהס!

נאָך עטלעכע אויגן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די סוכה־שפּעלטלעך (דאָס פענצטערל איז אויסגעקומען אונטערן דאַך), און אַ מבול קולות האָט זיך אַ שאָט געטאָן:

— אברהם־יצחק!

— אברהם־יצחק דער לערער!

— שׂרהקע דעם סטאָליערס!

— אברהם־יצחק מיט שׂרהקען!

✡

אברהם־יצחק מיט שׂרהלען האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט און זיי זיינען די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער ערד; אָבער דער נאָמען „אושפּיזין" איז זיי געבליבן עד היום הזה: אים רופט מען אברהם־יצחק דער אושפּיז, און איר — שׂרה די אושפּיזיכע; און אויף איבער אַ יאָר סוכות האָט דער עולם געשמועסט:

עס זיינען שוין דאָ צוויי „אושפּיזעלעך"...

דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז שׂרהלע האָט ערב סוכות געהאַט אַ צווילינג.

ווען דער הימל שפּאַלט זיך

אַ מאָל, אַ מאָל האָבן אין לאַנד יהודה געלעבט פיר פּאַסטעכער: אמנון, יורם, עוזיה און פּנחס. געטרייע חברים זיינען זיי געווען, האָבן זיך ליב געהאַט ווי ברידער און זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט צעשיידט. ביי טאָג האָבן זיי צוזאַמען געפּיטערט די סטאַדעס פון זייער בעל־הבית אויף די בערג פון יהודה, ביי נאַכט זיינען זיי געשלאָפן אין איין געצעלט, און צו די געמיינזאַמע מאַלצייטן האָבן זיי זיך ערלעך געטיילט מיט זייער שוואַרצן ברויט און שאָפן־קעז.

אָבער יעדערער פון זיי האָט געטראָגן אין האַרצן אַן אַנדער חלום, אַן אַנדער ווונטש.

אַמנון, דער עלטערער, האָט געלעכצט נאָך חכמה. די טיפע סודות פון דער נאַטור, די געהיימענישן, וואָס קוקן אַרויס פון יעדער גרעזעלע. פון יעדער בלימעלע, די רעטעניש‍ן, וואָס שיינען אַראָפּ פון דער זון און לבנה און מיליאַרדן שטערן — דאָס אַלץ האָט באַאומרויִקט און אויפגעברויזט זיין גייסט, און זיין נשמה האָט געדורשט אַלץ צו וויסן, אַלץ צו באַגרייפן. זיין חלום איז געווען, צו ווערן אַזוי קלוג ווי שלמה המלך, וועלכער האָט געקענט לייענען אין די רעטענישן פון דער בריאה, ווי אין אַן אָפענעם בוך.

יורם, דער צווייטער פון די חברים, האָט געחלומט פון רייכטום. אַ סך גאָלד און זילבער האָט ער געוואָלט האָבן, אַ סך פּערל און טייערע שטיינער, וואָס פאַרשיכורן דאָס אויג מיט זייער צויבער־גלאַנץ. ער האָט זיך גע־ווונטשן, צו זיין אַזוי רייך און מעכטיק, אַז ער זאָל זיך קענען בויען פּאַלאַצן פון קרישטאָל און העלפאַנטביין, זיך קויפן גילדערנע קאַרעטן מיט ברענענ־דיקע פערד און זיך לאָזן געבן קאָסטבאַרע שפייזן און איידעלע ווינען צו זיינע מאָלצייטן. ער האָט געהאַט געהערט פון שלמה המלכס עשירות, און

זיין באַהאַלטענער טרוים איז געווען דאָס זעלביקע צו דערגרייכן.

דער דריטער חבר, עוזיהו, האָט געשטרעבט צו כבוד. זיין ברענענדיקער ווונטש איז געווען באַרימט צו ווערן אַזוי ווי שלמה המלך, וועמענס נאָמען עס האָט זיך געטראָגן ווי אַ שיינענדיקער מעטעאָר איבער אַלע לענדער און דערוועקט ביי אַלט און יונג דרך־ארץ און פאַרערונג.

און דער יינגסטער פון זיי, פנחס, האָט זיך געוווּנטשן פרויען־ליבע. אויך ער האָט געהערט פיל דערציילן פון שלמה המלך און פון די טויזנט פרויען, וואָס זייער הארץ שלאָגט פאַר אים מיט הייסער ליבע. ער האָט געהערט פון די וווּנדערשיינע טעכטער פון ירושלים, וואָס פלאַטערן פאַר גליק, ווען שלמה שענקט זיי אַ בליק פון זיינע אָפּגרונט־טיפע, פייערדיקע אויגן, און ער, פנחס, האָט באַגערט אויך אַזוי גליקלעך צו זיין אין דער ליבע.

איין מאָל — עס איז געווען אַ סאָמערטענער, בשמימדיקער שבועות־אָוונט — איז די חברים שווער געוואָרן צו טראָגן זייערע הייסע שטרעבונגען פאַרבאָרגן אין זייערע הערצער, און זיי האָבן איינער פאַרן אַנדערן אַנטדעקט זייערע געדאַנקען.

דאַן איז אַמנונען, דעם עלטערן, איינגעפאַלן אַ גליקלעכער רעיון, און ער האָט אַזוי געזאָגט צו זיינע חברים:

— פון מיין זיידן עליו־השלום, וואָס איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און אַ הייליקער מאַן, האָב איך אַ מאָל געהערט, אַז אין דער נאַכט פון שבועות, פונקט אום חצות, טוט זיך אויף אַ רגע אַ שפּאַלט דער הימל, און יעדע תפילה, וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אין יענעם גרויסן, הייליקן אויגנבליק, קומט אָן צום כסא־הכבוד און ווערט מקוים. לאָמיר וואַכן היינטיקע נאַכט און אָפּהיטן דאָס רגעלע, ווען דער הימל וועט זיך שפּאַלטן, און דאַן בעטן ביי גאָט, וועלן דערפילט ווערן אונדזערע ווונטשן.

אַלע חברים האָבן זיך דערפרייט מיט דער גליקלעכער עצה. זיי זיינען אַרויפגעשטיגן אויפן שפּיץ פון הר־הזיתים און געזעצט זיך וואַרטן אויפן גרויסן מאָמענט. זייערע ברייט־צעעפנטע, בענקענדיקע אויגן האָבן זיי געווענדט צו די שטערן און זייערע הערצער האָבן געשלאָגן מיט אומרו און האָפענונג.

אָבער דאָס זיסע געזאַנג פון די פייגל האָט ביסלעכווייז פאַרשלעפערט זייער אויפמערקזאַמקייט און דער שאַרפער ריח פון די אַרומיקע פּרדסים און כּרמים האָט פאַרשיכּורט זייער געהירן. זיי האָבן אַ ווײַלינקע געשלאָסן די אויגן און — אַז זיי האָבן זיך ווידער אויפגעכאַפּט, האָבן זיי נאָך דעם שטאַנד פון דער לבֿנה און שטערן דערקענט, אַז האַלבע נאַכט איז פאַרביי, און זיי האָבן דורכגעלאָזן די גינסטיקע רגע.

האָבן זיי אויפגעהויבן זייער קול און ביטער געוויינט. און אַזוי ווײַנענ־דיק, מיט געזונקענע קעפּ, זײַנען זיי געגאַנגען און אַראָפּגעגאַנגען פון הר־הזיתים צו זייער געצעלט.

פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט הינטער זיך אַ שטים:

— וואָס איז אײַך געשען, איר יונגע מענער, אַז איר טוט ווײַנען?

זיי האָבן זיך אומגעדרייט און דערזען זיצן אויף אַ שטיין אַ מאַן אין אַ מאַנטל פון פּורפּור און גאָלד. זײַנע האָר זײַנען געווען דורכגעזילבערט, זײַן שיין געזיכט איז געווען פאַרכמאַרעט פון טרויער און פון זײַנע טיף־קלוגע אויגן האָט אַרויסגעגלאַנצט אַ ביטערער שמייכל.

די יונגעלײַט האָבן געקראָגן פאַרטרויען צום אַלטן און אים דערציילט זייערע פאַרלאַנגען, און וואָס עס האָט זיי היינטיקע נאַכט געטראָפן.

און דער מאַן אין פּורפּור־מאַנטל האָט צו זיי געשפּראָכן אַזוי צו זאָגן:

— אומזיסט, איר מענער, זייט איר פאַראומערט און אומזיסט פאַרגיסט איר טרערן. הערט צו, וואָס מיר האָט היינטיקע נאַכט געטראָפן, וועט איר אײַנזען, אַז איר זייט גליקלעכער פאַר מיר. איך בין דער מיטלפּונקט פון אײַערע חלומות — דער מיט חכמה געבענטשטער, מיט רײַכטום באַשאָנ־קענער, מיט כּבֿוד באַקרוינטער און מיט ליבע איבערזעטיקטער שלמה. און — איך ווינטש קיין שׂונא מײַנעם ניט אַזאַ צער און אַזאַ שרעקלעכע אַנטוישונג, ווי די, וואָס איך האָב אַקערשט איבערגעלעבט: איך, וואָס איך ווייס דאָך גענוי דעם גאַנג פון די מזלות און דעם לויף פון די שטערן, האָב אויסגערעכנט, ווען דער הימל וועט זיך היינטיקע נאַכט שפּאַלטן, און גע־זעצט זיך דאָ אויפן שטיין, אָפּצוּוואַרטן יענע רגע און מיר עפּעס פון דעם אויבערשטן אויסצובעטן. און ריכטיק: איך האָב דערהיט דעם מאָמענט, ווען דער הימל האָט זיך געעפנט, און האָב גענומען בליץ־שנעל איבערלייגן וואָס

צו פאַרלאַנגען. איך האָב זיך פאַרלאָזן אויף מיין שאַרפן שׂכל, אַז ער וועט מיך אין נייטיקן אויגנבליק אַרויסהעלפן און האָב לכתחילה מיר ניט קלאָר געמאַכט, וואָס אייגנטלעך איך זאָל זיך ווינטשן. אָבער מיט טיפן ווייטיק האָב איך געמוזט איינזען, אַז איך האָב ניט וואָס צו ווינטשן...

איך קען דעם לשון פון קליינעם ווערעמל און פון ריזיקן ווילטיר, איך פאַרשטיי דאָס שעפטשען פון בלייכן גרעזעלע און פון דער שטאָלצער פּאַלמע, איך ווייס די וועגן פון די שטערן און פאַרנעם זייער שטומע שפּראַך און געזאַנג, קיין זאַך פון די יצירה־סודות איז מיר ניט פאַרהוילן.

דעם גרעסטן רייכטום פון דער וועלט האָב איך אָנגעזאַמלט אין מיינע אוצרות, די גאָלד פון פּרוים און די גינגאָלד פון אופיר, די טייערסטע געווירצן פון די מזרח־לענדער און די איידלסטע שטיינער פון די ווייטע אינדזלען וואַלגערן זיך ביי מיר, ווי מיסט.

מיין רום איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און אַלע ליפּן דערמאָנען מיין נאָמען מיט פאַרערונג און פאַרהייליקונג.

די איידלסטע טעכטער פון ירושלים האָבן זיך געבוקט פאַר מיין טראָן, און די שענסטע פרויען פון עמון און מואב, פון צור און צידון, פון חת און מצרים האָבן מיר געשענקט זייערע הערצער און קערפּערס; קיין גענוס און קיין ערדישער פאַרגעניגן גייט מיר ניט אָפּ, וואָס פעלט מיר נאָך ? פיבער־האָפט־שנעל האָט מיין מוח געאַרבעט, אָבער דער הימל האָט זיך ווידער געשלאָסן, און איך האָב אויף דער שרעקלעכער פראַגע קיין תשובה ניט געפונען. און אויך איבער אַ יאָר שבועות, ווען דער הימל וועט זיך אויפמאַכן, וועל איך, ווייל איז מיר, ניט וויסן וואָס צו בעטן. איך האָב אַלץ און האָב גאָרנישט, ווייל דאָס וואָס מען האָט שוין, איז הבל־הבלים, איז גאָרנישט ווערט.

וויל איז צו אייך, וואָס איר טראָגט אין האַרצן בענקעניש און שטרעבונגען, וואָס איר האָט באַגערן און פאַרלאַנגען. און ווי איז צו יענעם, וואָס זיינע חלומות זיינען פאַרוועלקט, ווייל זיי זיינען אַ ל ע פאַרווירקלעכט; וואָס זיינע גלוסטונגען און שטרעבונגען זיינען טויט, ווייל זיי זיינען אַ ל ע דערפילט געוואָרן; ווי צו יענעם, וואָס דער הימל עפנט זיך פאַר אים, און ער האָט ניט מער קיין ווונטש!...

און די פיר חברים האָבן איינגעזען, אַז זיי זיינען גליקלעכער פּאָר שלמהן. זיי זיינען אַוועק אין זייער געצעלט און זיס און רויִק געשלאָפן יענע נאַכט.

אַ דין-תורה מיט גאָט

(אַ פאָלקס-מעשׂהלע)

צדיק באמונתו יחיה (חבקוק ב׳, ד׳)

די מעשׂה האָט פּאַסירט מיט אַ סך, אַ סך צענדליקער יאָרן צוריק אין דער גרויסער יידישער קהילה בערדיטשעוו, ווו דער גרויסער ר׳ לוי-יצחק איז געווען רב.

כאָטש ס׳איז יענעם טאָג ניט געווען ניט ראש-חודש און ניט ל״ג בעומר און ניט אַן אַנדער „יומא דפגרא״, האָט רב זיסל דער מלמד פרייגעלאָזן די תּלמידים זיינע אַהיים פריִער, ווי געוויינלעך, האָט אָנגעטון זיין שבתדיקע קאַפּאָטע און דאָס סאַמעטענע היטל, צו רעכט געמאַכט די באָרד, גענומען זיין שטעקן און אַוועק צו ר׳ לוי-יצחק בערדיטשעווער.

שוין לאַנג האָט זיך ביי אים אין מוח געוועבט אַט דער פּלאַן, אָבער ער האָט אַלץ ניט געהאַט גענוג מוט אים אויסצופירן.

סוף-כל-סוף אָבער, אַז דאָס ווייב האָט אים זייער ענג געמאַכט מיט אירע טענות און טרערן, האָט ער זיך דערצו אָנטשלאָסן. ער איז געגאַנגען און געטראַכט:

— ער האָרעוועט מיט זיינע תּלמידים פון פרי ביז שפּעט און פאַרדינט קוים אויף ברויט מיט גרויפּן, אויף שבת קויפט מען אַ קאַרג שטיקל פלייש. פיש — זייער זעלטן.

קידוש מוז מען מאַכן אויף חלה: ווײַן קויפן קען ער ניט. אַ בגד פאַרן ווייב אָדער פאַרן קינד מאַכט מען אין מאָל אין אַ „שמיטה״, ווען מ׳קען שוין בשום אופן מער ניט איבערניצעווען און פאַרלאַטן. די דירה איז קליין און פינצטער, און ס׳איז גאָר קיין האָפענונג ניטאָ צו דינגען אַ בעסערע...

פון דעסטוועגן האָט זיך זיין דבורה קיין מאָל דאַרויף ניט באַקלאָגט, אים קיין מאָל ניט דערקוטשעט.

זיין דבורה איז אַ אשה כשרה, וואָס ווייס, אַז מען מוז ערלעך האַלטן דעם מאַן. און זי האָט זיך טאַקע תמיד געהיט, אים ניט אָפּצועסן דאָס האַרץ; וואָרעם די וועלט איז דאָך נאָר אַ פּרוזדור, אַ פאַרהויז צו יענער וועלט. און ס׳איז קיין חילוק ניט, צי מען עסט בעסער, צי ערגער, צי מען שלאָפט ווייכער, צי האַרטער, אַבי מ׳קען זיין אַן ערלעכער ייד און דינען דעם אויבערשטן.

דאָס מאָל אָבער איז זי גערעכט. זי איז אַ מאַמע, און עס טוט איר ווי דאָס האַרץ... נחמהקע איז שוין 22 יאָר געוואָרן און האָט נאָך ניט איר זיווג. אַלע חברטעס אירע האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט און זיינען מאַמעס געוואָרן, און זי זיצט נאָך אַ מיידל און וועלקט, ווי אַ בלום אין דער פינצ־טער. ניטאָ אויף קליידער און נדן. עס פליט אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר... וואָס וועט זיין דער תכלית?...

מען האַרעוועט אָפּ אַ גאַנץ לעבן און מען קען ניט פאַרזאָרגן איין קינד, איין און איינציק קינד!...

— ער איז גאָר קיין טאַטע ניט, — טענהט זיין דבורה — ער האָט גאָר קיין האַרץ ניט, עס אַרט אים גאַרניט, וואָס דאָס קינד וויינט גאַנצע נעכט...״

אַוודאי ווערט אים אויך צעשפּרונגען דאָס האַרץ, אָבער ער איז דאָך ניט קיין יידענע, טראָגט ער דעם ווייטיק אין זיך און ווייזט עס ניט אַרויס.

— ער וואָלט זיין ווי לייטישע טאַטעס — זאָגט זי — וואָלט ער זיך אַרויסכאַפּן אין שכנישע שטעטלעך און צוזאַמענמאַכן אַ ביסל געלט. אַן ערלעכן יידן, אַ למדן, וועלן יידן אַוודאי אַרויסהעלפן, בפרט אַזאַ מצווה פון „הכנסת־כלה״.

דאַרויף האָט ער אָבער בשום אופן ניט געקאָנט באַשליסן זיך; שוואַרצן דאָס פּנים, אַנקומען צו אַ מענטשנס גאַב... צי האָט ער דאָס ביי גאָט פאַר־דינט?...

מיט אָט די געדאַנקען איז ער אָנגעקומען צו דער טיר פון „קדושת־לוי״. דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט און אַ גרויסע אימה איז אים

באַפּאַלן: איז דאָס חלילה ניט כּפירה, אַפּיקורסות? צי איז ער אפשר גאָרניט ביי די קלאָרע געדאַנקען?... —

אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט זיך צו איבערלייגן, איז ער שוין געשטאַנען אין צימער, און ר' לוי־יצחק האָט זיך צו אים געווענדעט, אויפּ־הויבנדיק די ליכטיקע אויגן פון ספר און געבנדיק אים „שלום":

— וואָס גוטס ועסטו זאָגן, מיין זון?

— איך האָב אַ דין־תורה — האָט ר' זיסל געענטפערט.

— אַ דין־תורה? מיט וועמען?

— מיט גאָט... — האָט ר' זיסל געענטפערט צעשראָקן, אָבער אַנטשלאָסן.

ר' לוי־יצחק האָט אים דורכגענומען מיט זיין קלוגן, מילדן בליק און גע־קלערט: „אַ ייד האָט טענות צום רבונו של עולם, אים דוכט זיך, אַז ער איז באַעוולט פון דער השגחה עליונה, מוז מען אים אויסהערן און דער־קלערן דעם אויבערשטנס דרכים, כדי אַ ייד זאָל חלילה ניט קומען צו כפירה" — און ער האָט זיך אָנגערופן צו רב זיסלען:

— דו האָסט אַ דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם; דו ביסט דער תובע, טענה! דיין בעל־דין איז דאָ פאַראַן, וואָרום דער אויבערשטער איז דאָך „מלא כל הארץ כבודו". טענה!

און ר' זיסל האָט גענומען אויסלייגן זיינע טענות. ער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי ער לעבט בדחקות, ווי אַזוי ער קנעלט און טוט זיין אַרבעט באמונה; און וועגן זיין טאָכטער נחמהקע, וואָס ער מוז חתונה מאַכן און האָט ניט מיט וואָס; און ער האָט געענדיקט:

— פאַר מיר אַליין און פאַר מיין ווייב מאָן איך ביי גאָט גאָרניט; מסתמא האָב איך ביי אים מער ניט פאַרדינט; אָבער אויף חתונה מאַכן מיין טאָכטער, אויף חתונה מאַכן אונדזער טאָכטער, מוז ער מיר געבן, ער איז מחויב מיר צו געבן! וואָרום די חז"ל זאָגן דאָך, ווי מיר ווייסן, אַז „שלשה שותפים יש באדם", דריי שותפים זיינען פאַראַן אויפן מענטשן: דער פאָטער, די מוטער און הקב"ה. נו, איז מיר, די ערשטע צוויי שותפים, האָבן געטאָן פון אירטוועגן וואָס מיר האָבן געקענט: געגעבן עסן און הלבשה לויט אונדזערע כוחות. איצטער אויף נדן האָבן מיר ניט. ער אָבער, דער דריטער

שותף, האָט געגוג; ביי אים, כביכול, שטייט דאָך: „לי הכסף ולי הזהב״, טאָ פאַר וואָס זאָל ער ניט געבן אַ ביסל געלט אויף חתונה מאַכן אונדזער שותפותע טאָכטער?

ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אים ערנסט אויסגעהערט און זיך אָנגערופן:

— האָסטו שוין אַ חתן פאַר דיין טאָכטער, און ס׳איז דער עכוב נאָר אין געלט?

— אַוודאי — האָט ר׳ זיסל געענטפערט — אין אַלטן קלויז זיצט און לערנט אַ פיינער בחור, יעקב־משה רופט מען אים; וואָלט ער מרוצה געווען צו ווערן אַ חתן פאַר מיין טאָכטער, אָבער איך מוז האָבן 300 רובל אויף נדן און הוצאות החתונה.

— לויט דייַנע טענות, — האָט זיך ר׳ לוי־יצחק אָנגערופן — ביסטו גערעכט. אָבער ס׳קען דאָך זיין, אַז דער שותף, כביכול, פון וועמען דו מאָנסט דאָס געלט, איז ניט צופרידן מיטן שידוך? אפשר געפעלט אים ניט דער חתן? — גיי אַהיים און קום אין דריי טעג אַרום; איך וועל דערווייל אַ קוק טאָן דעם בחור.

אויף מאָרגן צו מנחה האָט ר׳ לוי־יצחק געדאַוונט אין אַלטן קלויז און פאַרהערט דעם בחור. און ער האָט געפונען, אַז ער איז מלא וגדוש מיט ש״ס ופוסקים און איז אַ ירא־שמים און אַ בעל־מידות.

אויפן דריטן טאָג, אַז ר׳ זיסל איז צו אים ווידער געקומען, האָט אים דער רב געזאָגט:

— איך האָב דעם בחור פאַרהערט, און ער געפעלט מיר זייער, און כאָטש מיר קענען ניט פאַרשטיין דעם אייבערשטנס דרכים, אָבער: „אין לו לדין, אלא מה שעיניו רואות״ — מיר מוזן משפטן, לויט ווי עס קומט אויס נאָכן מענטשלעכן שׂכל; און נאָכן שׂכל קומט אויס, אַז אָט דער בחור איז זייער אַ פיינער חתן פאַר דיין טאָכטער; און דעריבער האָסטו די דין־תורה געוווּנען: דער רבש״ע איז דיר שולדיק 300 רובל...

— אויב אַזוי — האָט ר׳ זיסל אויסגעשריִען, אויפשפּרינגענדיק פאַר שׂמחה, — וויל איך אַ געשריבענעם פסק־דין!

— גוט — האָט ר׳ לוי־יצחק געזאָגט נאָך אַ קורצן איבערלייגן זיך — איך גיב דיר דעם פּסק־דין בכתב.

און ער האָט אָנגעשריבן, אַז, אויסהערנדיק די טענות פון ר׳ זיסל ב״ר שׂמחה זעליג דעם מלמד קעגן רבש״ע, געפינט איין דער ב״ד פון ק״ק בערדיטשעוו, אַז ר׳ זיסל איז גערעכט, און גאָט כביכול, איז אים שולדיק 300 רובל אויף נדן און בגדי החתונה פאַר זיין טאָכטער נחמה.

ער האָט דעם פּסק ב״ד אונטערגעשריבן און דערלאַנגט ר׳ זיסלען, און יענער האָט אים מיט לויכטנדיקע אויגן באַהאַלטן טיף, טיף אין קעשענע.

*

אַז ר׳ זיסל איז געקומען אַהיים, האָט ער גלייך געלאָזט רופן צו זיך דעם בחור און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— איך ווייס, אַז מיין טאָכטער געפעלט דיר, און וואָס ס׳איז שייך נדן, איז קיין מזומנים האָב איך ניט, אָבער איך האָב אַ וועקסל אויף 300 רובל אויף איינעם, וואָס איז דער גרעסטער עושר און דער גרעסטער בטוח אין דער וועלט. ביסטו מסכים ?

און ער האָט אים דערציילט די מעשה און געוויזן דעם פּסק ב״ד.

דער בחור האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ביי אים בעסער, ווי מזומנים. אויך רב יואל דער שניטקרעמער, וועמען רב זיסל האָט געוויזן דעם „וועקסל״, האָט אים אויף דעם סמך געגעבן שטאָף אויף חתונה־קליידער אויף באָרג. אַפילו דער שניידער האָט זיך אָנגענומען צו נייען די בגדים אויף באָרג.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין גאַנץ בערדיטשעוו געקאָכט מיט דער געשיכטע. אַנדערע האָבן אַפילו אין דער שטיל מערער געוועזן אויפן רב: ס׳טייטש, ווי נעמט מען זיך דאָס אַזאַ ברייטקייט ? מייסטן אָבער האָבן געזאָגט, אַז אויב ער, זאָל געזונט זיין, טוט עפּעס, מסתמא ווייס ער, וואָס ער טוט, כאָטש געוווּנדערט האָבן זיי זיך אויך אויף דער מעשׂה.

און אין אַ וואָך אַרום איז שוין געווען „תנאים״ צווישן נחמה, ר׳ זיסלס

טאַכטער, מיט יעקב־משהן. און אויף אַ חודש שפּעטער, אויף שבת „נחמו״, איז באַשטימט געוואָרן די חתונה.

*

אַזאַ חתונה געדענקט שוין בערדיטשעוו לאַנג ניט. גבירים האָבן צו־געשיקט ווײַנען און פלייש און פון כל טוב. די „פּני״ פון שטאָט זײַנען געקומען אַלס געסט; און צו דער חופּה איז דער שולהויף און אַלע גאַסן אַרום געווען שוואַרץ פון מענטשן; קינד און קייט זײַנען געקומען אָנקוקן די חתונה, וואָס קומט פאַר אויף גאָטס חשבון.

מסדר קדושין געווען האָט ר׳ לוי־יצחק אַליין. אַ הייליקע שטילקייט האָט געהערשט, בעת ער האָט גענומען דעם כוס אין האַנט און אָנגעהויבן די ברכות. ער האָט די ברכות אָפּגעזאָגט, פאַרגעזאָגט דעם חתן דעם „הרי את״ און דער עולם האָט אומגעדולדיק געוואַרט, ביז דער שמש וועט צעברעכן דאָס גלעזל — אַ זכר לחורבן — כדי אויסצושרײַען „מזל־טוב״.

דער שמש האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס גלעזל, אַ טראָט געטאָן דערויף מיט זײַן שווערן שטיוול, אָבער דאָס גלעזל האָט זיך אַ ביסל אַרײַנגעדריקט אין דר׳ערד און האָט זיך ניט צעבראָכן. דער שמש האָט דערלאַנגט אַ פעסטערן טראָט, אָבער דאָס גלעזל האָט זיך אַלץ ניט געוואָלט צעברעכן, נאָר איז אײַנגעזונקען טיפער אין דער ערד. דער שמש איז געווען שטאַרק פאַר־וווּנדערט. אַזוינס האָט אים נאָך ניט פּאַסירט.

— צעברעך דאָס גלעזל! — האָט רבי לוי־יצחק באַפוילן. און דער שמש האָט מיטן גאַנצן כח צום דריטן מאָל אַ טראָט געטאָן אויפן גלעזל.

דאָס גלעזל האָט זיך אַרײַנגעשניטן טיפער אין דער ערד, און עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, ווי פון אַ בלעכענעם חפץ.

— גראָבט! — האָט דער „קדושת־לוי״ געהייסן.

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען, ווי פאַרשטיינערט. מען האָט גע־בראַכט רידלען און אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַרויסגענומען פון דער ערד אַ זייער אַלט פאַרזשאַווערט בלעכן קעסטל, פול מיט גאָלדענע רענדלעך.

ר׳ לוי־יצחק האָט גענומען דעם אוצר, עס איבערגעגעבן רב זיסלען און געזאָגט:

— נעם, דאָס געהערט דיר! דאָס האָט דיר דער אויבערשטער באַצאָלט כפל־כפלים פאַר זיין חוב, דערפאַר וואָס דו האָסט אמונה אין אים.

✵

רב זיסל און זיין איידעם זיינען באַקאַנט געווען דערנאָך פאַר גרויסע חסידים און בעלי־צדקה.

און אויף יענעם אָרט, וווּ די חופּה איז געווען, האָבן זיי אויסגעבויט אַ בית־מדרש, וווּ מ׳האָט יומם ולילה געלערנט.

צי איז חרוסת געפּערלעך?

דאָס שטעטל נ. אויפן רעכטן ברעג פון ניעמאַן האָט אין יענעם ערב־פּסח איבערגעלעבט אַ שווערע, אומרויִקע צייט. דאָס איז געווען אין ערשטן מלחמה־יאָר, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט געהאַלטן אין אָנגרייפן און זיך אַלץ טיפער אַריינגעשניטן אין דער רוסישער טעריטאָריע, און די רוסישע מושלים האָבן געזוכט אַרויפצוואַרפן די שולד פאַר זייערע מפּלות אויף די יידן. זיי זיינען דערגאַנגען צו אַזוינע בלבולים ווי אויסצוטראַכטן, אַז די יידן באַהאַלטן האַרמאַטן אין אָרון־קדש און פאַרשטעקן טעלעפאָנען אין די בערד. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון לינקן ברעג ניעמאַן איז שוין געווען אַרויסגעטריבן און די פאַרבליבענע אויפן רעכטן ברעג האָט דערוואַרט דער זעלבער גורל. דאָס שטעטל איז געווען פול מיט סאַלדאַטן און אין אַלע ווינקעלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט געהיים־אַגענטן אויפצופּאַסן אויף די יידישע „געפערלעכע״ בירגער.

פון דעסטוועגן — איינס צו דאָס אַנדערע געהערט ניט: יידן זיינען יידן, און פּסח איז פּסח, און ניט קוקנדיק אויף דער שווערער, ביטערער צייט, האָט דער עולם אָנגעגרייט מצות און וויין און שמאַלץ און „שאַר־ירקות״, וואָס עס איז נויטיק לכבוד דעם גרויסן ליבן יום־טוב.

און וואָס איז מכּוח חרוסת?

— זאָרגט זיך ניט, רבותי! — פאַר חרוסת זאָרגט שוין חיים־יאָסל דער שמש פון „חברה תהלים״. ער האָט שוין אַ חזקה פון כּמה יאָרן צו באַזאָרגן דאָס שטעטל מיט חרוסת. זיין טאַטע נאָך און זיין זיידע עליו־השלום, וואָס זיינען אויך געווען שמשים פון „חברה תהלים״, האָבן תמיד דערפילט אָט די ערן־אויפגאַבע, און פון זיי האָט דאָס טאַקע חיים־יאָסל איבערגענומען בירושה די קונסט פון מאַכן חרוסת. עס איז ניט סתם אַזוי חרוסת ווי

אַנדערע מאַכן: אַ ביסל דאָס, אַ ביסל יענץ, אויפגעמישט און פּאַרטיק, ניין. חיים־יאָסל מאַכט עס מיט זאַכפאַרשטענדעניש, מיט פּינקטלעכקייט, מיט ליבע צו דער זאַך, לויט אַ שריפטלעכן „רעצעפּט" (אויך בירושה פון זיין זיידן), יעדער מין געגוי אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן, ווי עס געהערט זיך. און דערפאַר טאַקע האָט זיין „סחורה" אַ שם אין דער גאַנצן אומגעגנט.

אויך אין יענעם ערב־פּסח, גלייך נאָך „בדיקת־המץ" האָט חיים־יאָסל זיך גענומען מיט גרויס כוונה צו זיין הייליקער אַרבעט. ער האָט אָפּגעראָמט דעם טיש, פאַרשפּרייט אַ נייעם טישטעך, געבראַכט די נויטיקע מינים: צימערינג, אינגבער, וועלישע ניס און מצה־מעל. האָט צעמאָלן זייער זאָרגפעלטיק יעדן מין באַזונדער און אַרויפגעטאָן אויף אַ באַזונדערן טעלער. נאָך דעם האָט ער אויסגעשפּרייט אויפן טיש פאַר זיך זיין רעצעפּט און אָנגעהויבן לייענען פאַרטיפטערהייט, פונקט ווי ער וואָלט דאָס שטודירן צום ערשטן מאָל.

„מען נעמט פיר חלקים צימערינג".

ער האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די אויף פּסח געכשרטע וואָג, פאַרשפּרייט אויף די שאָלן ריין פּאַפּיר און אָפּגעוווֹיגן.

„מען נעמט איין חלק אינגבער".

ער האָט אָפּגעוווֹיגן.

—„און מען נעמט זעקס חלקים דין מצה־מעל".

אָפּגעוווֹיגן.

„און דאַן טוט מען אַריין נאָך דריי חלקים געשטויסענע ניס".

געמאַכט.

„נאָך דעם מישט מען דאָס אַלץ גוט דורך און מען לייגט צו נאָך אַ ביסל געריבענע עפּל און מען גיסט אַרויף אַ ביסל וויין".

דערמיט ענדיקט זיך דער „רעצעפּט".

חיים־יאָסל האָט זיך גענומען אָקערשט גוט אויסמישן די פיר מינים אין אַ ספּעציעלער כלי, וואָס שטייט ביי אים צו דעם צוועק, פון יאָר צו יאָר (די כלי האָט די מעלה, וואָס זי פאַרשרויפט זיך פעסט מיט אַ דעקל, כדי עס זאָל זיך ניט אויסוועפּן).

אין דער זעלבער צייט כאַפּט אַ געהיים־אַגענט אַ קוק פון דרויסן דורך

אַ שפּאַלט פון פענצטער־פאַרהאַנג אין חיים־יאַסלס „לאַבאַראַטאָריע" אַריין. מיטן ערשטן קוק איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָ ווערט געטאָן עפּעס אַ געפערלעכע געהיימע אַרבעט, און ער איז שוין געבליבן צוגעקלעפּט מיטן אויג צום שויב.

לכתחילה איז אים נאָך ניט גאַנץ פאַרשטענדלעך געווען, וואָס אייגנטלעך פאַר אַ פאַרברעכן דאָ קומט פאָר.

אַ ווײַלע שפּעטער אָבער, בעת איציקל, חיים־יאַסלס מוזיניקל, איז אַרײַנגעלאָפן אין „לאַבאַראַטאָריע" מיט אַ שטיקל ברויט אין הענטל, און דער טאַטע האָט אַ צעשראָקענער אויף טויט זיך געוואָרפן צו אים:

— גזלן, אַרויס! ווו קריכסטו? זעסט דאָך, איך מאַך ח־רו־סת —

איז דעם געהיים־אַגענט מער קיין ספק ניט געבליבן, אַז דאָ ווערט אויסגעאַרבעט אַ מין דינאַמיט אויף באָמבעס, און חיים־יאַסלס הויז איז דאָס דער צענטער, פון וואַנען עס ווערט געאַרבעט, אונטערצוגראָבן די רוסישע מלוכה.

ער האָט אַ פײַף געטאָן. עס זײַנען באַלד צוגעקומען צוויי פּאָליציאַנטן, ער האָט זיי שטיל עפּעס דערקלערט, זיי האָבן אויך געכאַפּט אַ קוק דורכן אָפענעם שפּאַלט פון פענצטער און דאַן אַלע דריי זיך אַרײַנגעריסן אין צימער.

דער געהיים־אַגענט האָט באַפוילן:

— צום קאָמענדאַנט!

זייער פאַרזיכטיק האָבן זיי אײַנגעוויקלט די כלי מיט חרוסת אין טישטעך, מיטגענומען די וואָג, דעם געהיימענישפולן רעצעפּט און די איבעריקע „זאַכלעכע באַווײַזן" און אָוועק מיט דעם טויטבלאַסן חיים־יאַסלען צום קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט האָט גראָד געהאַלטן ביים אויסליידיקן די דריטע „מאַנאָפּאָלקע". אויסהערנדיק דעם באַריכט פון געהיים־אַגענט, האָט ער קודם כל אַ דונער געטאָן אויף זײַן סעקרעטאַר:

— „באַלוואַן! פאַרלעש דעם פּאַפּיראָס! הערסט דאָך וואָס דאָ איז..." —

נאָך דעם האָט ער געמאַכט אַ כפול־שמונהדיקן „מי שברך", אָפּגעזאָגט אַ

לאַנגע דרשה וועגן די זשידעס, וואָס פאַרקויפן דאָס פאַטערלאַנד און זיך גענומען צו דער אויספאָרשונג.

— ווי הייסט איר ?

— חיים־יאָסל.

— אייער באַשעפטיקונג ?

— איך בין אַ שמש פון חברה תהלים.

— פאַרשרייבט — האָט ער זיך געווענדט צום סעקרעטאַר — ער גע־הערט צו דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „כעווראַטילים".

— און צו וועלכן צוועק — האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו חיים־יאָסלען — פאַבריצירט איר דעם דינאַמיט ?

— דאָס איז ניט קיין דינאַמיט — האָט געשטאַמלט חיים־יאָסל — דאָס איז חרוסת.

— אַהאַ ! — האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעשריִען — כאַרייסעס !... אַ נייער שפּרענג־שטאָף... אַ נייע זשידאָווסקע דערפינדונג... סעקרעטאַר, נאָטירט : „כאַרייסעס". — און וואָס טוט איר דערמיט, מיט אָט דעם כאַ־רייסעס ?

חיים־יאָסל, אַז ער זאָגט תהלים איז אַ מחיה צו הערן, אָבער אויף רוסיש ריידן איז ער ניט קיין גרויסער ספּעציאַליסט. צעשראָקענערהייט, האָט ער אויף זיין צעהרגעטן רוסיש געפּרוּווט דערקלערן דעם ענין פון חרוסת : היות, יידן זיינען געווען אונטער אַ זייער שלעכטן קייסער, וואָס האָט זיי זייער געדריקט, האָט אָט דער מלך געקראָגן צען מכות, און יידן זיינען אַרויס ביד רמה, אַוועק אין ארץ־ישראל און געמאַכט אַן אייגענע מלוכה ; און איצט איז פּסח — זמן חרותנו, די צייט פון אונדזער באַפרייונג, הייסט עס, מאַכט מען אַ „סדר", מען זאָגט די „הגדה", מען טרינקט ווין און מען מאַכט פון מצה־מעל „באָמבעס" אַזוינע, קניידלעך הייסט עס, און צו אָט דער גאַנצער געשיכטע מוז מען האָבן אויך חרוסת...

חיים־יאָסלס דערקלערונג, אַז די יידן ווילן מאַכן אַן אייגענע מלוכה און מאַכן צוליב דעם „באָמבעס", האָבן צעזייט די לעצטע ספקות ביים קאָמענ־דאַנט.

דער גאַרניזאָן האָט דעם זעלבן טאָג נאָך געמוזט אַרויסגיין אויפן פראָנט, האָט ער קיין לאַנגע שהיות ניט געמאַכט, האָסטיק געשטעלט נאָך אַ פּאָר פראַגן וועגן געהיימענישפולן, פאַרנעפּלטן „רעצעפּט”, וועגן דעם ווו און ווען ער פאַרטיילט זיין חרוסת און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אַז:

„ביי דעם ייד חיים־יאָסל פון שטעטל נ. איז אַנטדעקט געוואָרן אַ געהיים פאַבריקל פון אַ נייעם מין אויפרייס־שטאָף, וועלכן ער רופט „כאַ־רייסעס”. דער דאָזיקער שטאָף איז דערפונדן געוואָרן דורך זיין זיידן משה זעליק און איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך אַ שריפטלעכן רעצעפּט. דער באַשולדיקטער טעדאָריסט חיים־יאָסל האָט דערקלערט, אַז יידן ווערן זייער געדריקט פון קייסער, זיי ווילן זיך באַפרייען און מאַכן אַן אייגענע מלוכה. צו דעם צוועק פאַבריצירט ער באָמבעס, פילט זיי מיט „כאַרייסעס” און פאַרטיילט זיי צווישן די מיטגלידער פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „כעווראַטילים”, פון וועלכער ער איז דער אָנפירער.

מיר לייגן ביי צום פּראָטאָקאָל...” אאַז״וו.

חיים־יאָסלען האָט מען אונטער אַ שטאַרקער שמירה, צוזאַמען מיטן פּראָטאָקאָל און אַלע זאַכלעכע באַווייזן, אַפּגעשיקט אין דער גובערניע־שטאָט צום גענעראַל־שטאַב. ווען מען אויפצוקלערן די זאַך איז ניט געווען, ווייל דער גאַרניזאָן האָט באַלד פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

✡

מען דערציילט, אַז זיי האָבן דאָרטן אין גענעראַל־שטאַב דורכגעמאַכט איבער דעם חרוסת פאַרשיידענע עקספּערימענטן. מען האָט אַפילו אָנגעפילט אַ באָמבע מיט דעם נייעם שטאָף און געפּרוווט אויפרייסן פון ווייטן דורך עלעקטרישע דראָטן. נאָר אַזוי ווי חרוסת איז, כידוע, ניט זייער עמפּינדלעך פאַר עלעקטרישן שטראָם, האָט די באָמבע ניט אויפגעריסן.

אַזש אַרום שבועות־צייט האָט די אַרטיקע מאַכט באַקומען פון גענעראַל־שטאַב פאָלגנדיקע מעלדונג:

„נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג פון באַשולדיקטן חיים־יאָסלען, נאָכן דעשיפרירן דעם געהיימען רעצעפּט און נאָכן אויסהערן די מיינונג פון אַ

ריי עקספּערטן אויפן כעמישן און רעליגיעזן געביט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שטאָף „חרוסת" שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין שום געפאַר פאַר דער מלוכה און דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. דער קאָנפיסקירטער מאַטעריאַל איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן רב פאַר זייערע רעליגיעזע צוועקן".

דעם ערשטן טאָג שבועות האָט חיים־יאָסל אין שול געבענטש „גומל".

זוי אַזוי איז אָפּגעשאַפּט געוואָרן די אַמעריקאַנער „קוואָטע"

(פאַנטאַזיע)

שפּעט אין אָוונט איז פּרעזידענט קולידזש צוריקגעקומען פון אַ סענאַט־זיצונג, אויף וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן אַ נייער געזעץ קעגן די אימיגראַנטן.

ער האָט אָפּגעגעסן אַ קרעפטיקן אָוונטברויט, אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלאָז גוטן „מאַדיירא" (צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן! לויטן „פּראָהי־בישאָן־געזעץ" איז עס פאַרבאָטן) און זיך צוגעשפּאַרט אָפּרוען. באַלד איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דער ווייכער, לעדערנער זאָפע.

— — — — — — — — — — —

ער גייט איבער אַ גלאַטן ברייטן וועג, וואָס ציט זיך צווישן גרינע, מיט בלומען באַזייטע פעלדער. וואָס איז דאָס פאַר אַ וועג? — שאַט, אָט דאָרטן שטייט אַ סלופּ מיט אַן אויפשריפט.

ער גייט צו נענטער. מיט גאָלדענע אותיות איז אויפגעשריבן:

—„דער וועג צום גן־עדן".

„צום גן־עדן? — טראַכט ער פאַרוווּנדערט — משמעות, אַז איך בין געשטאָרבן... איך הייב ניט אָן צו געדענקען, ווען און ווי אַזוי דאָס איז געשען. מילא, אויך אַ דאגה! אין „ווייסן הויז" דאָרטן אונטן, אין וואַשינג־טאָן, האָט זיך אַפילו געלעבט גאַנץ באַקוועם. פון דעסטוועגן האָט מען עפּנטלעך ניט געטאָרט נעמען אַ ביסל משקה. און דאָ וועט זיין יין־המשומר, וויפל דו ווילסט. און אַ גוטער גאָלפפּלאַץ מוז אויך אָוודאי זיין אין גן־עדן. דאַרף מען, הייסט עס, גיין פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ".

ביים טויער פון גן־עדן האָט אים באַגעגנט אַן אַלטער וועכטער מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. יענער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס,

באטראכט זיינע הארן־ברילן, די ליולקע אין מויל, די מאסיווע גאלדענע פילפעדער אין וועסטלטאש, די געקעסטלטע הויזן, און אים אפגעשטעקט א שלום־עליכם:

— פון וואנען אן אורח? פון אמעריקע משמעות?...

— יעס, פון אמעריקע. איך בין פרעזידענט קולידזש. זייט אזוי גוט מיר אנווייזן מיין פלאץ. איך בין מיד.

דערביי האט ער געשארט אין הויזן־קעשענע און געטראכט: וועט זיין גענוג 10 דאלאר טרינקגעלט?...

— אייער פלאץ? — האט געזאגט דער אלטער — מיט א פלאץ פאר אייך איז גארניט אזוי איינפאך...

— וואס הייסט?... מיך וועט מען ניט ארייינלאזן אין גן־עדן?!

— יא, פאר וואס ניט? מיר האבן צו אייך גארניט, אבער...

— אבער — וואס?

— אייער קוואטע איז איבערפולט.

— ווי?... וואס מיינט איר דערמיט?

— פון יעדן לאנד קענען יערלעך אויפגענומען ווערן אין גן־עדן נאר א קליינער פראצענט פון דער צאל פון אירע בירגער, וואס זיינען פאראן ביי אונדז, נעמענדיק אלס באזע די פאלקס־ציילונג פון יאר 1890.

— דאס פארשטיי איך שוין ניט! — איז קולידזש געווארן אויפגערעגט — ערשטנס, קוקט מען ניט א מענטשן אויפן נאז, פון וועלכער געגנט ער איז, און צי זיינען שוין פאראן מענטשן מיט ענלעכע נעזער. און ווידער איז סתם א קאזאצקער יושר צו רעכענען זיך מיט דער ציילונג פון 40 יאר צוריק.

— איך קען אייך ניט העלפן, אזוי איז דאס.

— איז וואס בלייבט?

— גארניט, איר מוזטווארטן. לויט יענער ציילונג האט זיך ארויסגעוויזן, אז ביי אונדז זיינען בכלל פאראן ניט זייער פיל צדיקים פון אייער געגנט, איז במילא אייער „קוואטע" זייער א קליינע, און אנמעלדונגען האבן מיר שוין אויף עטלעכע יאר פארויס.

— איר דארפט אבער ניט פארגעסן — האט קולידזש ענערגיש אויסגערופן — אז איך בין דא ניט קיין פרעמדער. מיינע עלטערן זיינען אין

גן־עדן, און מיינע אורעלטערן, איר פאַרשטייט? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מען זאָל אַ קינד ניט אַריינלאָזן צו זיינע טאַטע־מאַמע?

דער וועכטער האָט מיט איין האַנט געשפּילט זיך מיטן גאָלדענעם שליסל, מיט דער אַנדערער האָט ער געקעמט זיין זיידענע באָרד און געענטפערט:

— ערשטנס, זייט איר שוין עלטער פון 18 יאָר און איר האָט ניט צו טאָן מיט די עלטערן. צווייטנס, זיינען זיי ערשט דעקלאַראַנטן, זיי האָבן ביי אונדז ניט קיין בירגערשאַפט.

פּרעזידענט קולידזש איז אַרויס פון געדולד. ער האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריִען:

— דאָס איז אַ רציחה! אַן אומדערהערטער פאַרברעכן! איר האָט מיך דאָך אַליין אַרויסגעפאָדערט פון מיין היים. אייער פאַרטרעטער ביי אונדז, אייער קאָנסול, דער מלאך המוות, האָט מיר דאָך געהייסן פאָרן, האָט מיר געגעבן אַ וויזע אַהער, און איצט מאַכט איר זיך ניט ווּיסנדיק! צו וואָס האָט איר מיך אַרויסגעפאָדערט, האַ?

— שאַ, רעגט זיך ניט אויף, געערטער מיסטער. עס האָבן שוין געטראָפן אַזוינע זאַכן, אַז קאָנסולן האָבן געגעבן וויזעס און מענטשן האָבן זיך רוּיִנירט און געפאָרן, פון דעסטוועגן האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזן: געזעץ איז געזעץ.

— אַ שיינער געזעץ! און אַ חוץ דין מוז דאָך זיין עפּעס יושר אויך. ווייניק וואַסער איז פאַראַן אין פרת צו טרינקען? אָדער ווייניק פּירות איז פאַראַן אויפן עץ־החיים צו עסן? איך האָב געהערט, אַז מען באָדט זיך ביי אייך אין אַ שפע פון אַל דאָס גוטס, איר האָט זיך ניט ווו אַהינצוטאָן מיט די פּירות, איר וואַרפט זיי אַרויס, זיי ווערן צעפוילט ביי אייך...

— נו, פּוסטע דיבורים... — האָט דער וועכטער געענטפערט — צייט צו דאַווענען מנחה! — דערביי איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן אין גאָרטן אַריין און צוגעקלאַפּט פאַר אים דעם טויער אונטער דער נאָז.

אַ באַליידיקטער, אַ מידער און פאַרביטערטער האָט ער זיך געלאָזט גיין זוכן ווו איבערצונעכטיקן. דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט און עס איז געוואָרן רעכט קאַלט, און בלאָנדזשענדיק אַזוי, פאַרטיפט אין די געדאַנקען איבער דער אומגערעכטער אָרדענונג אויף יענער וועלט, האָט ער זיך

אַנגעשטויסן אויף אַ גרויסן פֿאַרוויכערטן בנין, צוזאַמענגעשלאָגן פֿון ברעטער. פֿון צווישן די שפּאַלטן האָט אַדורכגעשלאָגן אַ שוואַכע שיין; אַ גערויש פֿון קולות און אַ געוויין פֿון קינדער האָט זיך געטראָגן פֿון אינע־וויניק.

ער האָט אויפֿגעזוכט די טיר און אַריינגעגאַנגען. אַ פֿאַרפּעסטעטע לופֿט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין נאָז און אַ גרופּע שאָטנס אין דער געשטאַלט פֿון אָפּגעריסענע מענער, פֿרויען און קינדער האָט זיך טיילוויז באַוועגט אויף צעבראָכענע, סקריפּנדיקע בענקלעך, טיילוויז אויפֿן דיל. ער האָט פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט אַן אויסגעמאַגערטן גרוילעכן מאַן, וואָס איז געזעסן און געזופּט מוטנעם טיי פֿון אַ בלעכענער קאָנסערוון־פּושקע.

— ווער זיינען דאָס אָט די אַלע?

— דאָס זיינען אַלץ אָנגעקומענע פֿון יענער וועלט.

— וואָס טוען זיי דאָ?

— זיי וואַרטן, ביז עס וועט קומען זייער „ריי” אַריינצוקומען אין גן־עדן. די קוואָטע איז איבערפֿולט.

— ווי לאַנג וואַרטן זיי שוין דאָ?

— ווער אַ יאָר, ווער צוויי יאָר און ווער פֿינף יאָר...

— וואָס רעדט איר? און דאָ לעבט איר, אין אָט דעם, אָט דעם...

— הערט איר, מען וואָלט כאָטש לאָזן רויִק זיין דאָ; מען טרייבט און מען יאָגט, ווי די הינט...

— ווער טרייבט?

— די שומרים. די שומרים פֿון גיהנום. אָט דער באַראַק געהערט צום גיהנום. איידער זיי האָבן איינגעפֿירט די מאָדערנע עלעקטריזאַציע־אַפּאַראַטן פֿאַר די רשעים איז דאָ געווען זייער האָלץ־שפּייכלער. נו, האָבן מיר זיך איינגעבעטן, מען זאָל אונדז לאָזן זיין דערווייל אויף אַ פּאָר חדשים. געמיינט אָט־אָט באַלד לאָזט מען אַריין אין גן־עדן. דערווייל פֿאַרגייען יאָרן, און די וועכטער צאַפּן די דמים, דראָען יעדן טאָג אַרויסצווואַרפֿן.

— נו, און צוריק אַריבערפֿאָרן אויף יענער וועלט?

— הערט איר! צוריק לאָזט מען ניט אַריין. מיט יענער וועלט זיינען שוין אָפּגעענדיקט אַלע חשבונות...

— און דאָ לעבן מענטשן? אין אַזאַ שמוץ און ענגשאַפט? אַ ציווילי־זירטער מענטש קען דאָך קיין צוויי טעג ניט אויסהאַלטן!

— איר וועט אַ ביסל עלטער ווערן, וועט איר אַנדערש ריידן — האָט געענטפערט דער גרויער פינצטערער מאַן און איז אַוועק צו זיין מיט שמאַטעס באַדעקטן בעטל.

— — — — — — — — — — — — — —

פיל חדשים זיינען אַוועק, יעדן טאָג איז ער געלאָפן צום שומר ביים טויער, געמאָנט, געבעטן, געטענהט, געוויינט: וואָס וועט זיין דער סוף, מען גייט דאָך אויס פון די כוחות! — און געקראָגן איין תשובה:

— וואַרט!

ער פאַרשטייט אַליין ניט, ווי האָט ער געקענט אַזאַ לאַנגע צייט אויס־האַלטן אין אַזאַ גיהנום. אָבער די לאַגע איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערגער. דאָס ביסל געלט האָט ער שוין לאַנג געפּטרט. זיין גאָלדענע פעדער, דעם זילבערנעם פּאַרטסיגאַר און וואָס עס האָט זיך נאָך געלאָזט, האָט ער שוין פאַרקויפט, און איצט איז ניטאָ אַפילו פאַר וואָס אַ צעפוילטן עפּל צו קויפן.

ביסלעכווייז זיינען זיינע בגדים געוואָרן אָפּגעריסן, צעטראַנטעוועט: אַ חרפּה פאַר מענטשן! אַ נס נאָך, וואָס עס האָט זיך געפונען אין באַראַק עפּעס אַ מינסקער ווייבל, וואָס האָט אים געלייגט אַ פּאָר לאַטעס אויף די עלנבויגנס.

מיט גרויס מאַטערניש האָט זיך אים אַפילו איינגעגעבן צו קריגן אַ פּאָר „שטונדן" אויף ענגליש אין אַ דערבייַיקער תלמוד־תורה. אָבער די הימל־פּאָליציי האָט זיך באַלד דערוווסט דערפון און אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז אויב ער וועט זיך ווייטער דערלויבן דאָ אָנצונעמען אַרבעט און אונטער־גראָבן דורך דעם עקאָנאָמישן מצב פון הימל, וועט מען אים אַרויס־וואַרפן אויף צוויי שפּענדלעך.

דערווייל האָט אין באַראַק זיך אַריינגעכאַפּט די גריפּע און אויס־געלייגט פון קליין ביז גרויס. ער אַליין איז אויך ניט פאַרשוינט געבליבן, ער איז געלעגן און געפיבערט מיט אַלע אברים, אַלע ווילע געטונקט אַן אַלטן זאַק אין קאַלטע וואַסער און געלייגט זיך צום הייסן שטערן.

אַז ער האָט זיך אַ ביסל דערהוילט און נאָר געקענט האַלטן זיך אויף די פּיס, האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט צום אַלטן וועכטער ביים טויער פון גן־עדן, אים כאַטש איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן דעם גאַנצן אמת:

— טוט אַ קוק אויף מיר — האָט ער געשפּריצט מיט פייער אויפן אַלטן — טוט אַ קוק אויף מיין פּנים, אויף מיין הילוך, אויף מיין הלבשה! טוט אַ קוק, וואָס איר האָט פון מיר געמאַכט פאַר דער צייט! איר געדענקט דאָך נאָך, ווי איך האָב אויסגעזען, קומענדיק אַהער! און גייט אַריבער אין גיהנום־באַראַק. טוט אַ קוק, ווי מענטשן וווינען דאָרט, וואָס זיי עסן, ווי זיי שלאָפן! טוט אַ קוק, וואָס דאָרטן טוט זיך!

דער אַלטער האָט מיט איין האַנט געשפּילט זיך מיטן גאָלדענעם שליסל, מיט דער אַנדערער געקעמט זיין זיידענע באָרד און רויִק געענטפערט:

— רעגט זיך ניט אויף, מיסטער קולידזש! אין אַנטווערפּען און אין ברעמען און אין דאַנציג און אין אַנדערע האַפן־שטעט, ווו עמיגראַנטן וואַלגערן זיך, איז אויך אַזוי... אַט אַזוי פּירט זיך היינט... ניטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערן...

דערביי איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטערן טויער.

— — — — — — — — — — — — —

איידער אַזאַ לעבן — האָט קולידזש באַשלאָסן —(ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין אייגנטלעך געשטאָרבן) איז שוין בעסער דער טויט. — מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ הויכן דערבייזיקן פעלדז און מיט אַ ווילסטער קללה אויף די ליפּן זיך אַראָפּגעוואָרפן אין אַפּגרונט...

פאַרשטייט זיך, אַז פון קלאַפּ האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן פון סאָפע אויפן דיל אַראָפּ.

ער איז געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס, און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט.

✸

גלייך אין דער פרי האָט ער צונויפגערופן אַ זיצונג פון פאַרלאַמענט און סענאַט און זיי דערציילט וועגן שרעקלעכן חלום.

פּה־אחד איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושאַפן די אימיגראַציע־גזירות.

דאָס לעצטע בוך

(פריי פון דייטש נאָך ז. וועגעזאַק)

דאָס איז געווען אין יאָר 1936.

דער ניו־יאָרקער באַנקקעניג און מולטימיליאַרדער העגרי פינקערטאָן האָט באַשלאָסן זיך איינצושאַפן אַן אייגנאַרטיקע זאַמלונג, וואָס זאָל מאַכן אַ רעש אויף דער וועלט און אַרויסרופן קנאה ביי זיינע חברים מיליאַרדערן. עס מוז זיין אַזוי גראַנדיעז, האָט ער באַשלאָסן, אַז עס זאָל שטעלן אין שאָטן די באַרימטע פליי־זאַמלונג פון פיליפ מאַריסאָן און ענלעכע זעענס־ווירדיקייטן. לאַנג האָט מיסטער פינקערטאָן זיך מישב געווען מכוח זיין פּלאַן און האָט ענדלעך באַשלאָסן אויפצוקויפן אַלע ביכער פון דער וועלט.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ ריזיקע אונטערנעמונג, אָבער ניט קיין אוממעגלעכקייט, דען מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז שוין אין יאָר 1927 האָבן ביכער געהאַט אַ קנאַפּע חשיבות, און די ענגלישע רעגירונג האָט זיי אויפגעקויפט אין די טויזנטער טאָנען, צו באַהייצן די פאַבריקן, בשעת דער באַרימטער קוילנשטרייק האָט זיך פאַרצויגן.

און איצט, ווען קיין רעכטער מענטש האָט קיין בוך אין האַנט ניט גענומען, ווען אַלע ביבליאָטעקן און לייענזאַלן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טאַנצזאַלן, ספּאָרטקלובן אָדער קינאָס, און די ביכער האָבן זיך געוואַל־גערט ערגעץ אין אַ קעלער, אויף אַ חרובן בוידעם, אָדער ביי אַ צעדרייטן אַנטיקוואַר — האָט מיסטער פינקערטאָן זיי געקענט אויפקויפן בחצי־חנם.

אַנדערע האָבן נאָך אַפילו צוגעצאָלט זיינע אַגענטן, אַבי מען זאָל זיי באַפרייען פון פאַרשטויבטן קאָדער.

אַ געוואַלדיקער שטאָב פון אַגענטן און סוב־אַגענטן האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון ערדקוגל, און אין אַ משך פון עטלעכע

חדשים איז געווען די אויפגאַבע דערליידיקט: 1200 טיטאַנישע דאַמפּערס זיינען אַפּגעשווומען פון פאַרשיידענע האַפנס נאָך אַמעריקע. דערפון האָבן 1198 אנטהאַלטן אַלע ביכער פון דער וועלט, איין שיף איז געווען פאַרלאָדן מיט אַפּהאַנדלונגען איבערן קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור, און אויף איין דאַמפּער זיינען געווען אויפגעלאָדן עטלעכע טויזנט ביבליאָטעקאַרן, אַרכיוואַרן און שריפטשטעלער, אַט די אַלע אומנוציקע ברואים, וואָס פּלאָנ־טערן זיך אונטער די פיס, און זיינען בשמחה רבה גרייט געווען צו שטעלן זיך אין דינסט פון מיסטער פינקערטאָן פאַר אַ גראָשענעם געהאַלט, אַבי גאָר די נשמה צו דערהאַלטן.

פון ניו־יאָרקער האַפן איז די גאַנצע טויטע און לעבעדיקע „סחורה", מיט דער הילף פון 600,000 לאַסט־אויטאָמאָבילן, אַפּגעפירט געוואָרן אין טעק־סאַס, אויף די אומענדלעכע לאַנקעס, די אַזוי גערופענע „פּרעריעס", ווו עס איז שוין געווען צו דעם צוועק אויסגעבויט אַ ריזיקער בנין פון אייזן־בעטאָן אף אַ שטח פון 7 קוואַדראַט־קילאָמעטער.

אייניקע יאָר האָבן די ביבליאָטעקאַרן, אַרכיוואַרן און שריפטשטעלער מיט אַ מחנה באַהעלפער געאַרבעט, ביז אַלע ביכער זיינען סאָרטירט און אויפגעשטעלט געוואָרן און עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער „אוני־ווערסאַל־קאַטאַלאָג". דער דאָזיקער קאַטאַלאָג איז געוואָרן אַ גוואַלטיקער בוך פון 3 קוביקמעטער אַרומנעם, טראָץ דעם וואָס די ביכער זיינען דערין אַריינגעטראָגן געוואָרן מיט מיקראָסקאָפּישע אותיותלעך.

כדי צו פאַרהיטן אַט דעם בוך פון די „ציינער פון דער צייט" האָט מען אים איינגעשלאָסן אין אַ גלעזערנעם, לופטליידיקן קאַסטן און אַוועק־געשטעלט אין מיטן זאַל אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל, אין דער פאָרעם פון אַ מענטשלעכן קאָפּ מיט אַ הויכן שטערן.

אַט די מערקווירדיקע געביידע וועלכע האָט אַנטהאַלטן אַלע פאַריתומטע גייסטיקע קינדער פון דער מענטשהייט, איז לכתחילה געווען די סענסאַציע פון אַמעריקע. טויזנטער מענטשן האָבן געשטראָמט אַהין, און מחנות רע־פּאָרטערן, פאָטאָגראַפן און קינאָאָפּעראַטאָרן האָבן דאָרט געאַרבעט. ביס־לעכווייז איז דער ענין געוואָרן וואָכעדיק, און נאָר טוריסטן האָבן פון צייט צו צייט דאָס הויז באַזוכט. שפּעטער אָבער, בשעת די ענגלישע מאַרקיזע

בימבורי האָט נאָכן באַזוכן דאָס הויז, געקראָגן אַ כראָנישן קאַטער און די דאָקטוירים האָבן דערקלערט אַז דאָס איז איר געקומען פון ביכער־שטויב — האָט די סאַניטאַרע קאָמיסיע ביים קאָנגרעס פאַראָרדנט דאָס הויז אין גאַנצן צו שליסן, אַלס שעדלעכע פאַר דער עפנטלעכער געזונטהייט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז מיסטער פינקערטאָן געשטאָרבן, אויך די מחנה ביבליאָטעקאַרן און אויפזועער זיינען אויסגעשטאָרבן, ווער פון אַלט־קייט, ווער פון הונגער, און דאָס ביכערהויז אין טעקסאָס איז לגמרי פאַר־געסן געוואָרן.

✲

יאָרהונדערטער זיינען פאַרבייגעגאַנגען, און די ביכער־מאַסן זיינען דורך דער ווירקונג פון דער צייט און פון רעגן, וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורכן רויִנירטן דאַך, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בערגלעך אַש. גאַנץ געבליבן איז נאָר איין איינציקער בוך — דער אוניווערסאַל־קאַטאַלאָג, וואָס איז געווען געשיצט דורכן גלעזערנעם לופטליידיקן קאַסטן.

צו יענער צייט האָט די „ספּאָרט־קאָמיסיע״ פון פעלקערבונד באַשטימט דורכצופירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן מעטש איבער דער וועלט־מייסטער־שאַפט אין פוסבאָל אויף די רחבותדיקע פּרעריעס פון טעקסאָס, אין שכנות מיטן פאַרלאָזענעם אוראַלטן ביכער־מוזיי. עס איז איבעריק צו באַטאָנען, אַז דער דאָזיקער מעטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט־יום־טוב, וואָרעם די בעסטע פּ י ס פון דער מענטשהייט האָבן זיך אין אים באַטייליקט. 400,000 זיצפּלעצער זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף אַן אָרט, און אין אַלע איבעריקע ווינקעלעך פון כדור־הארץ האָט מען געקענט זען און הערן, וואָס עס טוט זיך אויפן פּלאַץ דורך די „ראַדיאָ־פאָנאָ־טעלע־פאָטאָ־קינאָ־סקאָפּן״.

דאַרף זיך מאַכן, בעתן שפּיל, אַז דער באַרימטער פּ י י ב (וואָס די היסטאָריקער ווילן האָבן, אַז ער שטאַמט אָפּ פון גרויסן ווינער פּאַביאָן) האָט דערלאַנגט אַ צו שטאַרקן שטויס די פּילקע, אַזוי, אַז זי איז מיט אַ פייף אַריבערגעפלויגן דעם שפּילפּלאַץ און אויסברעכנדיק אַ שויב פון אַלטן מוזיי, אַריינגעריסן זיך אין בנין אַריין, אַ פּאָר מנינים העלדישע יונגען

האָבן זיך געלאָזט נאָך דער פּילקע און דורכן פענצטער זיך אַריינבאַקומען אין הויז.

זיי האָבן געפונען דעם באַל און שטויסנדיק מיט די פיס געוואָלט אים צוריק אַרויסיאָגן דורכן פענצטער. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ הילכי־קער קנאַל: די פּילקע האָט אַ זעץ געטאָן אין גלעזערנעם קאַסטן און אים צעשמעטערט. די פאַרוווּנדערטע יונגעלייט זיינען צוגעלאָפן און געוואָלט באַטראַכטן דעם משונהדיקן חפץ, וואָס איז געלעגן אויפן פּיעדעסטאַל, אָבער אונטער זייערע הענט איז דאָס בוך צוזאַמענגעפאַלן און צעברעקלט זיך, ווי איבערגעברענט פּאַפּיר.

'דאָס לעצטע בוך פון דער וועלט איז צעשאָטן געוואָרן אויף שטויב דורך דעם מעכטיקן שטויס פון דעם פוסבאָל.

אַריבערגעכאַפּט די מאָס...

אַ מאָל איז געווען אַ דיכטער, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ יידישער צייטונג, און האָט זיך געלעבט אין צער און אין כבוד.

אין צער האָט ער געלעבט דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געקענט גלייכ־גילטיק צוקוקן, ווי דאָס ווייב מיט די קינדער הונגערן און ווייל דאָס שרייבן איז אים אָפּט שווער געווען.

שווער געווען איז אים דאָס שרייבן, ווייל גייסטרייכע, אָריגינעלע גע־דאַנקען שווימען אויף אין מוח זעלטן, און שרייבן נאַרישקייטן, אָדער גנבענען יענעמס, האָט ער ניט געקענט.

און אַזוי ווי דיכטערישע זעונגען אַנטפּלעקן זיך ערב יום־טוב, ווען מ׳דאַרף זיי האָבן, נאָך זעלטענער, ווי אַלע מאָל, איז דער דיכטער ערב סוכות געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט.

אַזוי ווי אַ יונג מיידל, וואָס דערוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּעניש יום־טוב אין דער פרי איר ליבסטן, ציטערנדיק, טאָמער וועט דערווייל אָנקומען דער טאַטע פון דאַוונען, האָט דער דיכטער דערוואַרט זיין סוכותדיקע מוזע, פול מיט פחד, טאָמער קומט זי, ווען ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט.

און כדי זיך צו שאַפן די נויטיקע שטימונג איז ער אַראָפּ אין הויף — אויף מאָרגן נאָך יום־כפור איז דאָס געווען — און גענומען זיך העלפן די שכנים בויען די סוכה. ער האָט געאַרבעט מיט פלייס און באַגייסטערונג. און די סוכה איז אַרויסגעקומען שיין און באַקוועם.

די שכנים האָבן אים דערפאַר דערלויבט צו שרייבן אין סוכה.

ער איז אַוועק אין פעלד, האָט אָנגעקליבן פאַרשפּעטיקטע, צניעותדיקע האַרבסט־בלומען, אויסגעפלאָכטן פון זיי קרענץ און גירלאַנדן און מיט זיי

באַפּוצט די סוכה. נאָך דעם האָט ער געלייִען ביי אַ שכן אַן אתרוג אין אַ יחסנדיקער זילבערנער אתרוג־פּושקע, אַוועקגעשטעלט אים פּאַר זיך אויפן סוכה־טיש און געזעצט זיך וואַרטן ביז די מוזע וועט קומען.

און אַז ער האָט געוואַרט אַ היפּשע צייט און די מוזע איז ניט געקומען, איז ער אַוועק און אַראָפּגעבראַכט פון זיין דאַך־שטיבל אַ גרויסן פּאַק אַלטע ערב־סוכותדיקע נומערן פון פאַרשידענע צייטונגען פון די לעצטע צוואַנציק יאָר און זיך גענומען לייענען די אַרטיקלען, אפשר וועט דאָס אויך אים אָנהויכן די נויטיקע באַגייסטערונג.

אָבער באַלד האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן, און אַ ניט־גוטקייט האָט אים אָנגעכאַפּט. וואָרעם כמעט אַלע אַרטיקלען זיינען געווען איבערגעניצעוועט איינער פון אַנדערן, איבערדרייענדיק אַ ביסל דעם נוסח, אַזוי ווי ביי: „מכשפה, לא תחיה" — „תחיה מכשפה לא", אָדער זיי האָבן סתם געהאַט דעם טעם פון פאַרצווייוואַכעדיקן טשאָלנט און האָבן געקלעפּט צו סוכות, ווי אַן אַרבעס צום וואַנט.

ענדלעך האָט ער מיט אַ טרויעריקן געמיט אַרויסגעלאָזט פון האַנט די פאַרגעלבטע בלעטער און אָנגעלענט דעם מידן קאָפּ אויף די דאַרע עלנבויגנס.

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן אומבאַוועגלעך און האָט גאַרניט באַמערקט, ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן. פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ ווייכן גערויש פון פליגל, די טיר פון סוכה האָט זיך געעפנט, און אַרום איז געוואָרן ליכטיק: פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונגער שטראַלנדיקער מלאך.

— ווער ביסטו? — האָט דער דיכטער געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— איך בין דער סוכותדיקער קוואַרטיר־מייסטער — האָט דער מלאך געענטפערט, באַטראַכטנדיק מיט צופרידנקייט די אויסגעפּוצטע סוכה.

— וואָס הייסט?

— זייער איינפאַך: דו ווייסט דאָך, אַז יידן לאַדן איין אין סוכה אַריין די „אושפּיזין". די הייליקע געסט: אברהם, יצחק, יעקב, משה אאַז"וו — ניט אומעטום אָבער באַווייליקן די הויכע געסט צו קומען. ווען אַ גביר לאָזט בויען אַ סוכה נאָר פון יוצא וועגן, און אַליין קוקט ער זיך אויף איר אַפילו

ניט אום, און דערביי נעמט ער דוקא גויִישע אַרבעטער, ווייל זיי קאָסטן ביליקער — נעמען זיי, פאַרשטייט זיך, די איינלאַדונג ניט אָן. אין אַ סוכה אָבער, וואָס אַ ייד בויט מיט ליבע און איבערגעבנקייט, קומען זיי גערן. נו, בין איך דאָס דער „קוואַרטיר־מייסטער״, וואָס דאַרף זיי ברענגען אַ באַריכט, וועלכע „קוואַרטירן״ זיינען ווערט פון זיי באַזוכט צו ווערן. און אַזוי ווי יידישע סוכות געפינען זיך אין אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון כדור־הארץ, האָב איך אַ סך צו טאָן און הייב אָן מיין אַרבעט גלייך נאָך יום־כפור.

דער מלאך האָט נאָך אַ מאָל באַטראַכט די בלומענקרענץ אויף די ווענט און האָט געזאָגט.

— דערפאַר וואָס דו האָסט מיט אַזוי פיל ליבע און געשמאַק געמאַכט די סוכה, וועל איך דערפילן דיינעם אַ ווונטש. זאָג, וואָס ווילסטו?

און דער דיכטער האָט זיך דערמאָנט אָן די גוטע אומעטיקע אויגן פון זיין ליבער פרוי און אָן די בלאַסע געזיכטער פון זיינע קינדער, און האָט געענטפערט:

— געלט!

— וויפיל? — האָט געפרעגט דער מלאך.

אַ מינוט האָט זיך דער דיכטער פאַרשעמט פאַר זיין ערדישער בקשה. ער האָט אָבער זיך אַליין געזאָגט: ווען שלמה המלכס טויזנט ווייבער וואָלטן ניט געהאַט אויף וועטשערע, און ווען ער וואָלט ניט געהאַט ווינטער קיין האָלץ אויף צו באַהייצן זיין פּאַלאַץ, וואָלט ער אויך געבעטן עפּעס אַנדערש, ווי חכמה, בשעת גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן אין חלום. — און נאָך דייטלעכער איז פאַר אים אַרויסגעשוווּמען זיין אָרעם, פינצטער לעבן, און ווי אַ פאַרהלשטער פון דורשט, ווּעמען עס דוכט זיך, אַז ער וועט דעם גאַנצן ים אויסטרינקען, האָט ער אויסגערופן:

— געלט! אַ פולע געלט!

— וויפל?

דעם דיכטערס בליק איז געפאַלן אויפן פּאַק צייטונגען און ער האָט געענטפערט:

—וויפיל ליגנס די צייטונגען האָבן היינטיקס יאָר אָפּגעדרוקט און וויפיל געשמאַקלאָזע יום־טוב־אַרטיקלען זיי האָבן געגעבן, צייט זיי עקזיסטירן!

דער מלאך האָט אַ רגע אַ טראַכט געטאָן און שטרענג געענטפערט:

— דו האָסט איבערגעכאַפּט די מאָס: אזוי פיל פאַרמאָגן אונדזערע אוצרות ניט.

ער האָט מיט רוגזה אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגל און איז פאַרשוווּנדן.

סדר־לייכטער

צוויי מאָל, הערט איר, שטייט אין דער תורה: „לא תגנוב״, איין מאָל איז אַ פּנים, געמיינט אַ געוויינלעכע גנבה, און איין מאָל — אַ ליטעראַרישע גנבה, וואָס מען רופט אויפן אײדעלן לשון פּלאַגיאַט. און ווי באַלד, אַז די תורה האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל עס ניט טאָן, איז זי אַוודאי גערעכט! וואָרעם גנבענען איז טאַקע אַ בכבודיקע און אַן ערלעכע פּרנסה, אָבער זייער אַ ריזיקאַלישע. און ביי פּלאַגיאַט, הערט איר, מעגט איר אפילו זיין מיט צען קעפּ און זיך באַוואָרענען מיט טויזנט באַוואָרענישן — זייט איר ניט זיכער, אַז מען וועט אייך ניט כאַפּן, און איר וועט האָבן בזיונות. און אָט וויל איך אייך דערציילן אַ מעשה, ווי אַזוי איך האָב איין מאָל אין אַ שעת־הדחק געלאָזט זיך איבעררײדן פון יצר־הרע און „געבאָרגט״ אַ פרעמד שטיקל אַרבעט און בין, נעבעך, מיאוס אַריינגעפאַלן.

*

יענעם ערב־פּסח איז אין רעדאַקציע פון „די טרייסט״, וווּ איך האָב דעמאָלט געאַרבעט, ווי געוויינלעך געוואָרן אַ „האָסע״ אויף פּסח־טעמעס. און אַזוי ווי איך בין בטבע אַ שטילער, לעגטנער מענטשל, האָבן מיינע חברים אַלץ פאַרכאַפּט, און איך בין געבליבן ביי גאָרניט. אַ באַטראַכטונג איבער יציאת־מצרים מיט אַ מוסר־השכל אַקעגן איצטיקער צייט, שרייבט שוין איינער; קינדער־זכרונות וועגן פּסח, שרייבט שוין איינער; וועגן אַ ישובניק, וואָס ווייס ניט ווי צו פּראַוועןן דעם סדר (זייער אַ נייע טעמע!) שרייבט שוין איינער; אַפילו די טעמע: „די באַדייטונג פון חרוסת פאַרן פאָלקס־געזונט לויט די נייע וויטאַמין־פאָרשונגען״ האָט שוין אויך אַ חבר פאַרכאַפּט. וואָס טוט מען? — פאַר האַרצווייטיק בין איך אַוועק אין דער־

בייִקן קרעמל, געקויפט זיך אַ געוויאַנדזלטן הערינג מיט אַ בולקע, אַוועק אַהיים און פֿאַרפֿאַרעט אַ טשייניק טיי און געזעצט זיך עסן וועטשערע מיט אַ שווער געמיט, און דאָך, ניט פֿאַרלירנדיק די האָפֿענונג, אַז מסתמא וועט דער אויבערשטער עפּעס צושיקן.

און ער האָט טאַקע צוגעשיקט!

מײַן בליק איז געפֿאַלן אויף דעם דורכגעפּעטיקטן באַדרוקטן פּאַפּיר, אין וועלכן דער הערינג איז געווען אײַנגעוויקלט — דאָס איז געווען אַ דײַטשע צײַטונג — און איך האָב באַמערקט אונטערן שטריך אַ דערציילונג „די לייכטער". מעכאַניש האָב איך דורכגעקוקט די ערשטע שורות — און דער אָנהייב איז מיר אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז איך האָב מיט אינטערעס דורכגעלייענט ביז צום סוף. עס איז געווען אַ גאַנץ שאַרפֿזיניקע, מיט געשמאַק געשריבענע הומאָרעסקע. דער אינהאַלט איז בקיצור אַזאַ:

דער אָרעמער קונסט־הענדלער ב., וועמען אַ גוטהאַרציקער דאָקטאָר האָט אומזיסט אויסגעקורירט, האָט געוואָלט זײַן רעטער מיט עפּעס אָפּדאַנקען. ער האָט אויסגעזוכט צווישן זײַנע אַנטיקן אַ קונסטפֿולן בראָנדזענעם לייכטער און געבראַכט עס דעם דאָקטאָר אַ מתּנה. ער האָט נאָר זייער באַדויערט, וואָס ער האָט ניט דעם צווייטן צום פּאָר, ווײַל צום גאַרניטור געהערן צוויי אַזעלכע לייכטער. דער דאָקטאָר האָט גענומען דאָס געשענק פֿון העפֿלעכקייט וועגן, כאָטש ער האָט גלייך געזען, אַז ער וועט ניט האָבן דעם לייכטער ווו אַהינצוטאָן, מחמת פֿון ביידע זײַטן זײַנע זײַנען אויסגעגאָסן צוויי פֿאַרשייטע נאַקעטע פֿיגורן פֿון אַ מאַן מיט אַ פֿרוי. „צו מיר קומען — האָט ער געטראַכט — מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן און עלטער. ווי קען איך אַוועקשטעלן אַזאַ אומאַנשטענדיקע פֿיגור"? — ער האָט לאַנג געטראַכט, ווי פּטור צו ווערן פֿון דער מתּנה, ביז ער האָט באַשלאָסן עס אַוועקצושענקען זײַנעם אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט, וואָס האָט, פֿון טובה וועגן, דורכגעפֿירט פֿאַר אים אַ פּראָצעס. יענער האָט עס לכתּחילה מיט דאַנק אָנגענומען, אָבער אויך באַלד זיך אַרומגעזען, אַז אַזוי ווי ער האָט ניט־דערוואַקסענע קינדער, האָט ער ניט קיין אָרט פֿאַר אַזאַ „פּאָרנאָגראַפֿישן" לייכטער. האָט ער לאַנג געטראַכט, ווי פּטור צו ווערן פֿונעם

הויקער און ענדלעך דאָס אָוועקגעשענקט זיינעם אַ באַקאַנטן אַרטיסט, וואָס האָט יענעם אָוונט גראָד געהאַט זיין בענעפיס.

דער אַקטיאָר האָט באַטראַכט דעם חפץ און געזאָגט:

— מער פעלט מיר ניט, אַז די פרומע בעל־הביתטע פון מיין צימער זאָל דערזען אַזאַ פאַרשייט פאַרל!... זי וועט מיך אַרויסוואַרפן מיט האַק און פאַק.

— ווייסטו וואָס? — האָבן די חברים זיינע גערעדט — אַט דאָרטן אין עק שטאָט וווינט דער קונסטהענדלער ב., גיי אָוועק צו אים, וועט ער ביי דיר אָפּקויפן די „מציאה״.

ער האָט אַזוי געטאָן. און בשעת דער דאָקטאָר זיצט זיך אַזוי צופרידן מיט זיין איינפאַל, וואָס ער האָט אַריינגעשטופּט דעם „פגר״ דעם אַדוואָקאַט, לאָזט זיך אַריין דער קונסטהענדלער אַ גליקלעכער, אַ שטראַלנדיקער מיטן זעלבן לייכטער אין האַנט. — נאָט אייך — זאָגט ער — ליבער דאָקטאָר, דעם צווייטן לייכטער צום פּאָר, מיר האָט זיך געמאַכט צו קריגן פּונקט אַזאַ איינעם, ווי יענער!...

קען זיין אפשר, אַז לויטן קורצן אינהאַלט, וואָס איך האָב איבערגעגעבן, וועט איר געפינען די דערציילונג ניט אַזוי איי־איי־איי, אין אָריגינאַל, אָבער, קען איך אייך פאַרזיכערן, האָט זי געקלונגען זייער פיין, און איך האָב גלייך איינגעזען, אַז מיט אַ צוויי־דריי „שטעך״ קען מען די געשיכטע איבערניציוועון אויף פסחדיק. איר קענט זיך פאַרלאָזן אף מיר, איך בין אַ מבין אויף אַזוינע זאַכן... איך האָב פון דעם לייכטער געמאַכט אַ סדר־לייכטער און געגעבן די פאַרשוינען יידישע נעמען; איי, וואָס, אויף סדר־לייכטער זיינען ניטאָ קיין נאַקעטע מענטשעלעך? — נאַרישקייט! צוליב אַזאַ קלייניקייט וואַרפט מען ניט אַרויס קיין הומאָרעסקע. איך האָב צוגעשריבן, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. ווען זיי האָבן רעקווירירט אַלע מעטאַלענע כלים און עס איז בכן געווען פאַרבאָטן צו האַלטן בראָנדזענע לייכטער. אַלזאָ, דער דאָקטאָר האָט מורא צו האַלטן די מתנה און שענקט דאָס דעם אַדוואָקאַט אאַז״וו, אאַז״וו, ביז דער אַנטיקוואַר דער חכם ברענגט עס ווידער צו אים, ווייל סדר־לייכטער דאַרף מען דאָך אויך האָבן צוויי.

אַט אַזוי, פֿאַרשטייט איר מיך, נעמט מען אַ גוייִשע, חמצדיקע געשיכטע, און אין פֿינף מינוט איז מען זי מגייר און מען „שייערט און כשרט" זי אויף פּסח.

לכתחילה האָט מיך אַפֿילו באַאומרויִקט די פֿראַגע: צי איז די געשיכטע ניט עמעצן באַקאַנט? אפֿשר האָט זי ווער שוין אַ מאָל געלעזן אָדער גע־הערט? — אָבער, באַטראַכטנדיק גענויער מיין הערינג־צייטונג, האָב איך געזען, אַז זי הייסט: „אונטערהאַלטונגס־ביילאַגע פֿון „מינצענהויזענער וואַכנבלאַט", און דער מחבר הייסט אַרטור שולצע־קנאַפּלשטיין. האָט איר אַ מאָל געהערט פֿון אַ מקום מינצענהויזן, אָדער פֿון אַ שרייבער קנאַפּעל־שטיין? —' איז דאָך קלאָר, אַז אַפֿילו געאַרג בראַנדעס האָט פֿון אַזאַ מחבר ניט געוווּסט.

אַ כשר טעפּל מיט אַ כשרן לעפֿל! האָב איך אַלזאָ אָפּגעדרוקט „מיין" דערציילונג אין פּסחדיקן נומער פֿון „די טריבּיסט" און פּטור אַן עסק.

אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „פּטור אַן עסק". דאָ האָט זיך דאָס עסק ערשט אָנגעהויבן. וואָרעם עס איז פֿאַראַן אין שטאָט נאָך אַ יידישע צייטונג „די האָפֿענונג", קאָנקורירט זי מיט „די טריבּיסט", און ביידע זיינען אויף מעסערס. איז גלייך חול־המועד אַרויס „די האָפֿענונג" מיט אַן אַרטיקל: „די לאַנגפֿינגערדיקע", אין וועלכן זי האָט געשריבן, אַז די מיטאַרבעטער פֿון דער אומווירדיקער „טריבּיסט" זיינען פֿעיִק צו גנבענען בייגל אַפֿילו, און עס וווּנדערט זי דעריבער גאָרניט, אויב זיי האָבן געגנבעט „לייכטער"... וואָרעם די דערציילונג „סדר־לייכטער" איז אַ געגנבעטע פֿון אָנהויב ביזן סוף...

איבערגעלייענט אַזאַ „ברוך־הבא", בין איך געבליבן געפּלעפֿט: ווער האָט זיי דאָרטן די „האָפֿענונג"־שרייבער געקענט מגלה זיין דעם סוד? סיידן, איז מיר איינגעפֿאַלן, אַז עמעצער פֿון זיי האָט אויך גראָד געקויפֿט הערינג אין יענער קרעמל און באַקומען דאָס זעלבע פּאַקפּאַפּיר?... כאַפּ איך דעם „מינצענהויזענער וואַכענבלאַט" און לויף אָוועק צו דער קרעמערקע.

— זאָגט מיר, זאָג איך, מומינקע, האָט איר נאָך אַ פּולע פֿון די זעלביקע בלעטער? אפֿשר קענט איר מיר ווייזן אייערע פּאַקפּאַפּיר?

די יידענע איז, נעבעך, געוואָרן רויט און טויט און אָנגעהויבן שווערן,

אַז ניט זי, ניט אירע קינדער האָבן קיין שייכות ניט צו קאָמוניזם און זיי ווייסן ניט פון קיין קאָמוניסטישע בלעטער... געפּעלט אייך אַ מעשה? זי האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ געהיים־אַגענט... — קוים דערקלערט איר, ווער איך בין, און אַז איך דאַרף די צייטונגען אויף זשורנאַליסטישע צוועקן, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט עפּעס אַ ווייטן קרוב אין דייטשלאַנד, האָט איר יענער געשיקט אַ פּעקל טיי אַזעלכענע צו רעמאַטעס, איז עס געווען איינגעפּאַקט אין אַט דער צייטונג. מער האָט זי לײדער ניט פון די זעלביקע, זי וואָלט מיר אַוודאי געגעבן...

איך בין אַוועק אַ באַרויִקטער און געזעצט זיך אָנשרייבן אַן ענטפער „די חוצפּהדיקע ליגנער" פון „די האָפענונג". וואָרעם איך בין דאָך זיכער, אַז ווייסן פון וואַנען דער אַרטיקל שטאַמט קענען זיי ניט. זיי האָבן, משמעות, גלאַט געפּרווט זיך טרעפן מיט אַ פינגער אין הימל, ווייל זיי האָבן אפשר משער געווען, אַז די דערציילונג איז צו גוט פאַר מיר. דערווייל איז אונטער־געקומען דער רעדאַקטאָר און געפרעגט: וואָס פאַר אַ געשיכטע איז דאָס מיט אייערע „סדר־לייכטער"?

— וואָס זאָל זיין? זאָג איך, איר קענט ניט די נידערטרעכטיקע שקרנים פון „די האָפענונג"? — ערשטנס, איז דער אַרטיקל מיינער אַן אייגענער, אַן אָריגינעלער, ושנית, זאָג איך, האָב איך אים גענומען פון אַ בלעטל, וואָס גייט אַרויס אין עפּעס אַן עיר־הנדחת מינצענהויזן — אַ שטעטל, וואָס ליגט ערגעץ אין דר'ערד אויפן דעק, און דער מחבר איז איינער אַ שולצע־קנאַפּעלשטיק, וואָס קיינער קען אים ניט. זיי, זאָג איך, די פאַטענטירטע עם־הארצים, וואָס האָבן אַפילו מענדעלע און שלום־עליכם ניט געלייענט — זיי לייענען בכלל קיין זאַך ניט, אַחוץ זייערע אייגענע אַרטיקלען — ווייסן אַוודאי ניט פון דער דערציילונג.

— אויב אַזוי — האָט זיך דער רעדאַקטאָר באַרויִקט — מעגט איר זיי טאַקע גוט אויסזידלען.

מילא, עס איז אַוועק אַ רייסעריי און אַ זידלעריי — הימל עפן זיך!

אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער בין איך געוואָרן אַלץ אומזיכערער און אומ־רויִקער, וואָרום די „האָפענונג"־לייט האָבן זיך געזידלט אַלץ מיט מער ברען און צוגעזאָגט בקרוב צו אַנטדעקן פון וואַנען די „לייכטער" זענען געגנבעט...

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַן אַ קאָפּ — פון וואַנען קענען זיי וויסן פון אַזאַ פאַרוואָרפן בלעטל? מען קען דאָך משוגע ווערן!

ביז אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט געפּלאַצט די מכה און „די האָפענונג" איז אַרויס מיט קלאָרע דיבורים און געמעלדעט — נאָך אַ הקדמה מיט אַ היפּשער־צאָל „קאָמפּלימענטן" אויף מיין אַדרעס — אַז די געשיכטע „די לייכטער" איז פון אַ נ ט אָ ן ט ש ע כ אָ וו. מען קען זי געפינען אין טשעכאָווס געזאַמלטע ווערק, פאַרלאַג „סלאָוואָ", מאָסקווע, באַנד 3, זייטל 23.

די דערציילונג האָב איך טאַקע געפונען וואָרט ביי וואָרט ביי טשעכאָוון לויטן דערמאָנטן אַדרעס. איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן: יענער קנאָ־פּעלשטיין, ימח שמו, האָט פּשוט גענומען טשעכאָווס אַ הומאָרעסקע און מיך אַריינגעפירט אין אַ בלאָטע.

ווען איך כאַפּ אים אָט דעם שרייבערוק פון מינצעגהויזענער הערינג־בלעטל, וואָלט איך אים צעפּאַטשט זיין טרייפענע צורה: וואָס אַ מנוול קען! נעמט אַ פרעמדע הומאָרעסקע און דרוקט עס אָפּ אונטערן אייגענעם נאָמען!

ווי אַזוי יעקב דער דיכטער האָט חתונה געהאַט

(אַ בינטל בריוו)

די קלענסטע סיבות פירן אָפּט צו די וויכטיקסטע
רעזולטאַטן. (שפּינאָזאַ, קאַנט און איך)

ג׳ ניסן תרפ״ד

ליבער חיים!

ניט גוט, ברודער! איך מוז אָנשרייבן אויף פּסח אַן אַרטיקל און איך האָב ניט קיין טעמע. קיין חידוש ניט: שוין צענדליקער יאָרן ווי צענדליקער יידישע בלעטער — קיין עין־הרע — דרוקן פּסחדיקע אַרטיקלען, און מ׳האָט שוין אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ פּערדס־פוס־פּאַדקעווע־שייכות צו פּסח, אויס־געצוצט אויף אַלע זייטן, שוין אָפּגערעדט פון מצה, מרור און חרוסת, צו וועלכע עס איז זיך גאָרנישט צוצושטעקן, ווייל זיי זיינען שוין טויזנט מאָל פאַרוועבדט געוואָרן. און וועלן וואָלט זיך מיר אָנשרייבן דווקא עפּעס אַ שיינס, אַן אָריגינעלע זאַך, ניט מאָלן געמאָלענע. מיין רעדאַקטאָר, פאַר־שט׳ייסטו, האַלט פון מיר, און עס ווילט זיך ניט צעפּאַטשקען דעם נאָמען. און ניט נאָר איך וויל עפּעס אָנשרייבן, ווייל איך האָב אים צוגעזאָגט, נאָר איך מ ו ז. עס האַנדלט זיך ניט וועגן אָנשרייבן אַ ליד, אַ דערציילונג, אָדער אַ פעליעטאָן, עס האַנדלט זיך וועגן אָנשרייבן אַ פּאָר שיך! דו פאַרשטייסט?

און די שטימונג איז ביי מיר גאָרניט קיין יום־טובדיקע; אין מוח איז פּוסט, ווי אין דאָס רוב קהלשע קאַסעס, און די מוזע באַווייזט זיך ניט, כאָטש גיב איר אַ קרענק.

לכן, ליבער חיים, אַזוי ווי דו ביסט אַ קלוגער מענטש און אויסער דעם אַ מענטש מיט איבערלעבענישן, האָף איך, אַז דו וועסט מיר קענען העלפן

מיט אַן עצה, אָדער מיט אַ טעמע. אפשר האָסטו עפּעס אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע אָדער איבערלעבונג, וואָס מען זאָל קענען ווי־עס־איז צוטשעפּען צו פּסח? — שרייב תיכף, די צייט איז קורץ.

גריס דיין לאהן פון מיינטוועגן.

דיין יעקב.

ד׳ ניסן, תרפ״ד.

ליבער יעקב!

צום באַדויערן קען איך דיר מיט קיין טעמע ניט דינען. איך האָב דורכגעלופטערט דעם גאַנצן אַרסענאַל פון מיינע זכרונות און קיין פּאַסנדיקס פאַר דיר ניט געפונען. אָבער אַן עצה קען איך דיר געבן, ווי זיך צו שאַפן אַ פּסחדיקע שטימונג: דו מוזט מאַכן אַ „סדר״. גלייך ווי דו וועסט באַקומען מיין בריוו, זאָלסטו זען קריגן ערגעץ אַ פּאָר מצות, מרור, חרוסת, וויין און שאר ירקות, וואָס זיינען נויטיק; וועסט מאַכן אַ היסב־בעט, זיך אויסצינען ווי אַ מלך און טאַקע זאָגן די הגדה אויך; קורץ, עס זאָל אויסקומען אַן אמתער פּסחדיקער „סדר״. דערביי וועט זיך ביי דיר שאַפן, האָף איך, די נויטיקע שטימונג צו שרייבן אַ פּסח־אַרטיקל, ווען מען האָט די נויטיקע שטימונג און באַגייסטערונג, קען מען איבער אַ הויזן־קנעפּל אָנשרייבן די שענסטע פּאָעמע אָדער אידיליע. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אין די יונגע יאָרן אויך געשריבן לידער און האָב אַ שטיקל דערפאַרונג אין דעם. זיי געזונט. שרייב.

מיין לאה לאָזט דיך געריסן.

דיין חיים.

נ. ב. עס איז פאַראַן אייגענטלעך נאָך אַ מיטל צו פאַרשאַפן זיך באַגייסטערונג, דהיינו — זיך פאַרליבן. אַז מען איז פאַרליבט, איז די פאַנטאַזיע זייער פּרוכטבאַר און די מוזע טרעט ניט אָפּ, כאָטש טרייב זי מיט שטעקנס (דאָס דערצייל איך דיר פון דערפאַרונג: אין די ערשטע חדשים נאָך מיין פאַרליבן זיך האָב איך געשריבן אַזוי פיל שיינע לידער, אַז מיר האָבן ניט געדאַרפט קיין האָלץ צו הייצן דעם אויוון). ווען עס זאָל דיר געלינגען אין משך פון די נאָענטסטע צוויי טעג צו פאַרליבן זיך, וואָלסטו נאָך געקאָנט

באַווייזן מיט דיין אַרטיקל אויף פסח. נאָר איך האַלט די ערשטע עצה מיינע פאַר ריכטיקער; די צווייטע איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער ריזיקע.

הנ״ל.

ז׳ ניסן, תרפ״ד.

טייערער חיים!

ווען דו ביסט איצט ביי מיר, וואָלט איך דיך אַרומגעכאַפּט קושן! דו האָסט מיך געראַטעוועט מיט דיין עצה. איך האָב היינט פּרי אָפּגעשיקט אין רעדאַקציע אַ דערציילונג: „אַ מלך מיט אַ מלכה״, איז דאָס, זאָג איך דיר, „כפתור ופרח״, פאַרבנרייך און גייסטפול. איך בין זיכער, עס וועט אַלעמען געפעלן. און אַלץ דורך דיין גליקלעכער אידעע. הער, ווי דאָס איז געשען. נעכטן אָוונט האָב איך מיט צרות צוזאַמענגעשלעפּט אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך צום „סדר״: דריי מצות האָב איך אויסגעבעטן ביי מיין בעל־הביתטע, אַ האַלבע פלעשל יין־צמוקים האָב איך גענומען אויף באָרג, איינגעהאַנדלט פאַר מיינע לעצטע פאַר צענט מרור, אַ ביצה און שאר ירקות; אויסגעבעטלט ביים דינסטמיידל אַ ווייסן טישטעך, זיך צעלייגט אויפן היסב־בעט און אָנ־געהויבן זאָגן מיט אַ ניגון: „הא לחמא עניא״. איך בין שוין אַריינגעפאַרן אַ היפשע שטיק אין דער הגדה, און קיין שטימונג איז ניטאָ. וואָס טוט מען?

איך האָב באַטראַכט נאָך אַ מאָל דעם טיש, דוכט זיך, אַלץ פּסחדיק, און דאָך... אַהאַ! איך האָב שוין געפונען דעם חסרון: די מלכה! עס פעלט מיר אַ פּסחדיקע מלכה צום „סדר״. מיר איז תיכף איינגעפאַלן:ביילקע!

ב׳יילקע, דאָס איז מיין בעל־הביתטעס טאָכטער, אַ בלאָנד מיידל מיט אַ פאַרריסן נעזל. איך קען זי בלויז פון „גוט־מאָרגן״ זאָגן, אָדער פון דעם, וואָס זי ברענגט מיר אַ מאָל אַריין אַ גלאָז טיי.

אָוודאי איז זי פאַר מיר קיין פּאָר, אָבער בשעת הדחק, ווי אַ דעקאָראַ־טיוו הילפסמיטל צום „סדר״, וועט זי זיין גוט.

איך האָב געפונען ביילקען אין קיך ביים וואַשן זאַקן.

— אַנטשולדיקט, פריילין, אפשר האָט איר צייט אַ ווײַלינקע?...

— יאָ, וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט זי זיך פאַררויטלט.

— אפשר קענט איר זיין ביי מיר היינט אַ מלכה אויף אַ האַלבער שעה?

זי האָט ניט פאַרשטאַנען.

— איך מאַך היינט אַ „סדר", פאַרשטייט איר, מוז איך האָבן דערצו אַ מלכה... איר וועט מיר טאָן אַ גרויסע טובה.

— איך ווייס ניט, ווי מ'מאַכט דאָס...

— קומט אַריין צו מיר אין צימער, איך וועל אייך שוין זאָגן.

איך האָב זי אָוועקגעזעצט נעבן מיר אויפן היסב־בעט און מיר האָבן אָנגעהויבן זאָגן די „הגדה" פון אָנהויב, ביידע פון איין סידור. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער זי האָט געטאָן, וואָס איך האָב זי געהייסן. מיט דער מלכה איז דער סדר אָוועק גאָר מיט אַן אַנדער געשמאַק. מיט יעדער כוס איז ביילקע געוואָרן אַלץ שענער, רייצנדיקער און מלכה־דיקער. די בעקלעך האָבן איר געפלאַמט און די אויגן האָבן איר געגלאַנצט מיטן אמתן יידישן חן. זי איז געזעסן האַרט נעבן מיר, צניעותדיק געזאָגט די הגדה און אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף מיר בגנבה. נאָכן פערטן כוס האָב איך דערפילט, אַז איך בין אַן אַנדערער מענטש. אין קאָפּ איז מיר געוואָרן ליכטיק און אין האַרצן איז מיר אָנגעקוואָלן אַ משונהדיקע פרייד. איך געדענק ניט גענוי, וואָס איך האָב דעמאָלט געטאָן, וואָס איך האָב גע־פילט, נאָר איך האָב זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ זיסן חלום, און פאַר מיר איז געלעגן אַ פאַרטיקע דערציילונג „דער מלך מיט דער מלכה". איך האָב עס שנעל דורכגעקוקט און בין געווען אַנטציקט פון איר שיינקייט און באַפּליגלטקייט. דאָן ערשט האָב איך באַמערקט, אַז ביילקע זיצט נאָך כמעט אומבאַוועגלעך, איינגעגעסן אין מיר די אויגן. דער זייגער איז שוין געווען נאָך צוועלף. איך האָב באַדאַנקט, און זי איז אַרויס פון צימער שטום, אַזוי ווי פאַרחלומט. מיין בלייפעדער, וועלכן איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטן אין האַנט, איז געווען אָפּגעשריבן ביזן סאַמע האָלץ. די לעצטע ווערטער זיינען געווען כמעט מיטן האָלץ אַריינגעקריצט. דאָס ערשטע מאָל טרעפט זיך מיר צו זיין פאַרכאַפּט פון באַגייסטערונג ביז צו אמתער התפשטות הגשמיות, ווי דאָס מאָל. איך צווייפל ניט אין דערפאָלג פון דער דערציילונג. איך פיל זיך איצט אַן אַנדערער מענטש. איך האָב אָנגעהויבן גלויבן אין מיינע כוחות, און דערפאַר פאַרבלייב איך דיין תמיד דאַנקבאַרער

יעקב.

י״א ניסן, תרפ״ד.

ליבער קאַלעגע יעקב!

איך גראַטוליר אייך צו אייער לעצטער פּסח־דערציילונג. זי איז גלענצנדיק. עס מערקט זיך אין איר אַ גוואַלדיקער אויפשוווּנג פון אייער טאַלענט. איך דערוואַרט מיט אומגעדולד אייערע ווייטערדיקע זאַכן. מיר האָבן אייך אַרויסגעשיקט געלט.

מיט הארציקן גרוס און אַכטונג. אייער

י. ל., רעדאַקטאָר פון „יוגנט־טרוימען״.

י״א ניסן, תרפ״ד.

זייער געשעצטער הער יעקב פ—ן!

איך האָב שוין עטלעכע מאָל געהאַט באַשלאָסן צו ריידן מיט אייך, אָבער איך האָב ניט געהאַט גענוג מוט דערצו, און דערפאַר שרייב איך אייך, כאָטש איך ווייס, אַז ס׳איז אַ נאַרישקייט פון מיר. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך באַאומרויִק אייך, נאָר איך פיל, אַז איך מוז עס טאָן, איך מ ו ז אייך אַרויסזאָגן וואָס איך פיל, ווי איך לייד — אַניט וועל איך דאָס ניט איבער־טראָגן. צייט יענעם אָוונט, ווען איך בין געווען ביי אייך צום „סדר״, גיי איך אַרום, ווי צעמישט. איך עס ניט, שלאָף ניט, ווייס ניט, וואָס איך טו, ווייס ניט, ווו איך בין. ווי אַ שאָטן פאַרפאָלגט מיר אייער בלאַס געזיכט און ברייט־אָפענע אויגן, וועלכע איר האָט געהאַט בשעתן שרייבן. איך בין גליקלעך, ווען איך זע אייך פאַרבייגייענדיק. איך בין גליקלעך און אומ־גליקלעך צוגלייך. איך ווייס ניט וואָס דער סוף וועט זיין. אַ גאַנצע נאַכט קלער איך, עס וואָלט געווען גוט, ווען איך זאָל פלוצלונג שטאַרבן. איך באַשולדיק אייך ניט און פאַרלאַנג פון אייך גאָרניט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז נאָכן אָפּשיקן אייך דאָס בריוועלע וועט מיר ווערן לייכטער.

אייער אומגליקלעכע, ביילע פּ.

פּ.ס. צופעליק האָב איך געפונען מיין טאָכטערס בריוול און שרייב צו אַ פּאָר שורות, איידער איך שיק אייך אים אָפּ.

וואָס האָט איר געהאַט צו מיין ביילקען? וואָס האָט איר געוואָלט פון

איר? איר האָט מיר אַוועקגעהרגעט מיין קינד, מיין אויג אין קאָפּ. זי גייט נעבעך אויס, ווי אַ ליכט. אַז איר האָט ניט געקלערט וועגן אַ תכלית, וואָס האָט איר זי אַוועקגעזעצט ביי זיך ביז 12 ביי נאַכט? וואָס האָט איר איר פאַרדרייט דעם קאָפּ? ווי האָט איר געהאַט די העזה איר אַ קוש צו טאָן? איר זייט אַ גזלן, אַ רוצח. אַ קינד אַ יתומה נעבעך... איר האָט ניט קיין גאָט אין האַרצן!

חנה-לאה פּ.

ערב פסח, תרפ"ד.

ליבער חיים!

עס איז אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! מיין „מלכה" פון פאַרפּסחדיקן סדר האָט זיך אין מיר פאַרליבט. אָבער ווי פאַרליבט! — מיט סכנת-נפשות. איר מאַמע טענהט, איך האָב איר געקוילעט איר קינד. דאָס קינד, זאָגט זי, וויינט גאַנצענע נעכט און צאַנקט ווי אַ ליכט. איך בין, זאָגט זי, אַ גזלן, אַ מערדער. נאָך אירע רייד קומט אויס אַפילו, אַז איך האָב ביילקען אין יענער סדר-נאַכט אַ קוש געטאָן. אסור, אויב איך געדענק! נאָר גאַראַנטירן, אַז ניט — קען איך ניט. בקיצור, איך בין אויס מענטש, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. דו ווייסט דאָך, אַז איך האַלט ניט ביי חתונה האָבן.

אַז דאָס מיידל וואָלט זיך באַרויִקט, וואָלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

איך וואַרט מיט אומגעדולד צו הערן דיין מיינונג מכוח דעם.

דיין יעקב.

נ. ב. עס איז שוין דער ערשטער טאָג חול-המועד און איך האָב דיר נאָך דעם בריוו ניט אָפּגעשיקט. צום ערשטן „סדר" בין איך געווען ביי מיין בעל-הביתטע. ס'איז ניטאָ קיין מאַנסביל אין שטוב, און איך האָב ניט געקענט אָפּזאָגן און געפּראַוועט דעם „סדר".

מחמת דוחק אין „הגדות" האָב איך ווידער געזאָגט מיט ביילקען פון איין סידור, ווי דעמאָלט. זי האָט געשיינט פאַר גליק און האָט אויסגעזען זייער אינטערעסאַנט און מלא חן. אין שמועסן האָט זי אַרויסגעוויזן זייער אַ פיינעם געשמאַק. זי שיינט אויך צו האָבן אַן איידעלן כאַראַקטער.

הנ"ל.

ערב פסח, תרפ"ה.

טייערער חיים!

איך דערמאָן דיר נאָך אַ מאָל, אַז מיר דערוואַרטן דיך אויף מאָנטיק, דעם דריטן טאָג חול־המועד, צום ברית. ווערסטו ניט קומען צום ברית, בין איך אייביק מיט דיר ברוגז. מיין ביילינקע וויל זייער מיט דיר באַקענען זיך. זי ווערט דיר, זאָגט זי, אייביק דאַנקבאַר זיין פאַר דיין דערמאָלטיקער עצה. איך אויך. דער קליינער איז מצרף זיין דעה אויף אַ דינינקן סאָפּראַנאָ.

אויף ווידערזען — מאָנטיק!

דיין יעקב.

די טעמעס-ביוראָ

— פון וואַנען קומט צו מיר אַן אונטערגעשלאָגן אויג מיט אַ צעדראַ־פּעטן פּנים, פרעגט איר? — פאַר וואָס פרעגט איר ניט, פון וואַנען קומט צו מיר אַ נייער אַנצוג און פון וואַנען איך האָב גענומען דאָס ביסל קליינגעלט יום־טוב צו מאַכן? דאָס איז, דוכט זיך, מער חידוש. נאָר אויב איר האָט צייט אַ ווײַלעטשקע, וועל איך אײַך דערציילן אַ טשיקאַווע היסטאָריע, וועט אײַך קלאָר ווערן, אַז דאָס אַלץ, סײַ די עטלעכע גילדן, און סײַ די סימנים אויפן פּנים, הייסט עס, איז מיר געקומען פון דער ליטעראַטור.

ווי קום איך צו ליטעראַטור, פרעגט איר, אַז סך הכל האָב איך גאָר געהאַנדלט מיט רעוועלער קילקעס? איז דאָס קיין קשיא ניט; ס'איז אַ גלגול החוזר. נאָך די קילקעס האָב איך שוין געהאַט אַ פאַרטרעטערשאַפט פון ראַדיאָ־לעמפּלעך, נאָך דעם האָב איך געהאַט אַ שותפות מיט איינעם אַ כעמיקער, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט פּאַטענטירטע פּלאַסטערס צו הינעראויגן, און פון אַלע גליקן בין איך סוף זומער אַרויס בשן ועין, און איך האָב גענומען זיך טראַכטן: מאין יבוא עזרי? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? עס גייט אַזאַ ווינטער, און האַלץ דאַרף מען, און אַ בגד פאַרן ווייב דאַרף מען, און אַליין איז מען אויך קיין הונט ניט. האָב איך געטראַכט און דערטראַכט זיך: „אַ טעמעס־ביוראָ!" איך וועל פאַרקויפן טעמעס אויף יום־טובדיקע פעליעטאָנען און דערציילונגען, וואָרעם עס איז דאָך ידוע, אַז ווי נאָר עס קומט אַ יום־טוב, הייבן אָן יידישע שרייבער צו ברעכן זיך די מוחות, זוכנדיק אַ סיוזשעטל פאַר אַן אַרטיקל מעניני דיומא. זיי ווערן נעבעך אויסגעריסן, קייען די ערד, ווײַל דווקא ווען מ'זוכט, געפינט מען ניט. און ביי מיר, אַז איך וויל נאָר, זיינען פאַראַן סיוזשעטן, ווי בלאַטע. איך קען אײַך מיטן קוק פאַרפּאַסן אַ מעשה, ווי דער בעסטער שדכן. אויב

ס׳איז אמת, וואָס איך האָב אַ מאָל געלייענט אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג, אַז אידייען זיינען געלט, וואָלט איך שוין געקענט זיין דער גרעסטער מיליאָ־נער, וואָרום איך האָב אידייען, וויפל נאַפּאַליאָן מיט עדיסאָנען צוזאַמען. אַ סימן האָט איר, אָט די אידייע גופא: צו עפענען אַ קאַנטאָר פון אידייען.

ווער וואָלט דאָס געפאָלן דערויף? האָב איך שוין, הייסט עס, אַ געשעפט. ווו נעמט מען אַ לאָקאַל פאַר דער אונטערנעמונג? ביי מיר אין דירה, וואָס באַשטייט סך הכל פון איין צימערל, איז קיין אָרט ניט. מען דאַרף דאָך עפּעס אויפנעמען אַזוינע מענטשן. נאָר אַ ייד, ווי איך, גיט זיך אַן עצה. איך האָב געגעבן פייוויש שמש, וואָס וווינט ביי אונדז אין הויף, אַ טרונק בראַנפן, האָט ער מיר דערלויבט זיך איינצוקוואַרטירן ביז יו״ט ביי אים אין סוכה, וואָס שטייט ביי אים פון יאָר צו יאָר.

איך האָב געלאָזן מיין ווייב צוקלייבנדיק די קאַנטאָר, און אַליין בין איך אוועק אין לאָקאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין (דערפון וועט דער לעזער פאַרשטיין, אַז די האַנדלונג קומט פאָר ניט אין קאָוונע, נאָר אין אַ גרעסערן יידישן מקום) און אָנגעקלעפּט דאָרטן אין קאָרידאָר אַ מעלדונג:

אַכטונג!

טעמעס פאַר כל־ערליי אַרטיקלען

צום יום־טוב־סעזאָן.

פרישע סחורה,

פּרימאַ קוואַליטעט

פאַרקויף איך במקח השוה.

שטרענגסטע דיסקרעציאָן!

גאַס... נומער... אַריינגאַנג אין הויף לינקס,

אין סוכה.

ווי חברה שרייבער האָט נאָר דערטאַפּט די מודעה, איז געוואָרן ביי זיי ששון ושמחה:

— וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַזאַ מין שמענדריק בן געץ?...

— אַן אינטערעסאַנטער טיפּ, כ׳לעבן...

— אַ דאָקומענט פון מנחם־מענדעליזם...

— וואָס פאַר אַ מנחם־מענדל?... פּשוט אַ משוגענער!...

— מען דאַרף אים אינטערוויוּירן...
— מען דאַרף אים פאָטאָגראַפירן...

אַט אַזוי האָט דער עולם זיך געחכמעט אויף מיין אַדרעס. און איך שטיי מיר אין אַ ווינקעלע און טראַכט: לאַכט, לאַכט, טייערינקע! אַז עס וועט ווערן ענג אין מוח, וועט איר, נישקשה, אַנדערש ריידן. און כך הווה.

ערב ראש־השנה און ערב יום־כפור האָבן זיי אָנגעהויבן גיין צו מיר, ווי צו אַ גוטן יידן, און איך האָבן געשאָטן פון אַרבל סיוזשעטן טוצנווייז און גאָר נישקשהדיק געלייזט. געקומען זיינען זיי, מיינע קונדן, אַזוי זיך כלומרשט, מער נישט אַ קוק טאָן, וואָס בין איך פאַר אַ מין באַשעפעניש:

— איר זייט דאָס דער יונגערמאַן, וואָס האַנדלט מיט טעמעס? — זאָגט זיך איינער, און פּרוּווט שמייכלען פון אויבן אַראָפּ, — אינטערעסאַנט זיך מיט אייך צו באַקענען... ווען איך בעט ביי אייך, למשל, אַ טעמע אַף אַ ראש־השנהדיקער הומאָרעסקע, וואָס וואָלט איר, למשל, מיר געגעבן, און וואָס, למשל, וואָלט איר פאַרלאַנגען דערפאַר?

— איך וואָלט אייך — זאָג איך — געגעבן, למשל, אַזאַ און אַזאַ סיוזשעט, און איך וואָלט ביי אייך גענומען, למשל, אַרום און אַרום נישט מער, ווי אַ פינפערל...

מילא, וואָס קלערט איר, זיי האָבן נעבעך אַראָפּגערוקט די ברייטע היט איבערן שטערן און געצאָלט בשמחה רבה.

און אין די ימים־נוראים האָב איך טאַקע אַלע מיינע טעמעס געפונען אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען. מער ניט, וואָס מאַנכע שרייבער האָבן מיט דער הילף פון זייער פאַנטאַזיע די געשיכטעס אַ ביסל קאַליע געמאַכט.

נאָר דער רעכטער פדיון האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן ערב סוכות. אַזאַ יום־טוב, קיין עין־הרע: די ערשטע טעג און אַנדערע טעג און חול־המועד! איך בין געזעסן אין ביוראָ, אין סוכה הייסט עס, פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט און אָנגענומען קליִענטן. קיין סחורה האָט, ברוך־השם, ניט אויסגעפעלט. איינער וויל אַ הומאָרעסקע, גיב איך אים אַ הומאָרעסקע. נאָמען: „טיי מיט אתרוג". אינהאַלט: אַ פרומער ייד קויפט אַ אתרוג, אַ מהודר. ערב יו"ט זיינען געסט ביי זיי: זאָגן מיר, אַ חתן צו דער טאָכטער, אָדער אַ פּלימעניק פון יאַהאַנעסבורג; די בעל־הביתטע איז צעטראָגן,

צעשניידט זי צו דער טיי דעם אתרוג, אַנשטאָט אַ ציטרין. אויף מאָרגן: דער ייד לאַדט צו זיך אין סוכה דעם רב מיט די שענסטע בעלי־בתים צו בענטשן אויף זיין אתרוג. ער גייט נעמען דעם אתרוג, — דעם סוף פאַר־שטייט איר דאָך. מ׳וועט זיך קייקלען פאַר געלעכטער.

נאָך איינער וויל אַ רירנדיקע געשיכטע, גיב איך אים: „טיי מיט אתרוג״. פּונקט די זעלביקע מעשׂה, נאָר צום סוף, ווען דער אַלטער דערוויסט זיך פונעם „אומגליק״, נעמט ער און שטאַרבט אַוועק פון אַ האַרץ־שלאַק. מ׳וועט וויינען, ווי אויפן חורבן.

איינער וויל אַ סענסאַציאָנעלע מעשׂה. איז ביי מיר אויך קיין עיכּוב ניט. שרייבט, זאָג איך, „דער אתרוג מיט דינאַמיט״: אַ ייד פירט פון שטאָט אַן אתרוג אַהיים אין פּראָווינץ, פאַרפּאַקט אין אַ קעסטעלע. נעבן אים אין אויטאָבוס זיצט אַן אָפיצער, וואָס פירט אַ האַנט־גראַנאַט, אויך פאַרפּאַקט אין אַ קעסטעלע. אין איילעניש ביים אויסשטייגן, פאַרבייטן זיי די קעסטעלעך. דער ייד גייט אויספּאַקן דעם אתרוג... דער גראַנאַט רייסט אויף... — איר קענט הרגענען איין מענטשן, פינף, צען, וויפיל איר ווילט; איר קענט חרוב מאַכן אַ גאַנץ שטעטל; דאָס ווענדט זיך אַן אייער גוט האַרץ.

נאָך איינער האָט געוואָלט אַ חסידישע געשיכטע, זאָג איך: מיטן שענסטן כבוד! שרייבט, זייט מוחל, „לילית און נפתלי דער שמש״: דער בעש״ט, דער רבי אלימלך, אָדער אַן אַנדער צדיק, שיקט דעם שמש אין שטאָט אַריין נאָך אַן אתרוג מיט אַ לולב. נפתלי גייט צוריק. עס ווערט נאַכט: די לעצטע נאַכט פאַר סוכות. אַ געדיכטער וואַלד. אַ רעגן, אַ שטורעם. פון ווייטן אַ פייערל. עס ציט אים, עס ציט. ער גייט אַהין. אַ שטיבעלע. אינעווייניק טאַנצן נאַקעטע נקבות, לילית, די סטרא אחרא. ער וויל שוין אַריינגיין. דער צדיק דערזעט, אַז ס׳איז שלעכט. ער טוט אַ כאַפּ זיין סוכותדיקן מחזור און אַ שליידער דעם שמש אין קאָפּ אַריין. דער שמש איז פאַר 77 מייל, און דער מחזור טרעפט אים אין קאָפּ. ער נעמט דעם מחזור אונטערן אָרעם. קפיצת הדרך. ער קומט בשלום אַהיים מיטן אתרוג...

מיין קונד האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט דער טעמע, אַז ער האָט מיר באַצאָלט צוויי מאָל וויפיל די טאַקסע. באמת, אַ שפּאָגל־נייער סיוזשעט!

אַפילו אַ מיטאַרבעטער פון „מכבי"־זשורנאַל איז אויך ביי מיר געווען. „אפשר קענט איר מיר אַן עצה געבן", — האָט ער זיך געבעטן, — „ווי מען טשעפּעט צו סוכות צו ספּאָרט ?"

— אַ שיינע שאלה, כ'לעבן! — האָב איך זיך אָנגערופן, — דוכט זיך, פּשוטער קאָן שוין גאָר ניט זיין: דער לולב איז אַ סימבאָל פון דעם שטאָלצן, אויסגעגלייכטן רוקן, און דער אתרוג סימבאָליזירט דעם ערדקוגל; דער ספּאָרט האָט אַ וועלט־באַדייטונג. און די נענועים זיינען דאָך די ריינסטע גימנאַסטישע איבונגען. פון זיך, צו זיך! רעכטס! לינקס! אַראָפּ! אַרויף! — און די סוכה מיט די פרישע לופט, אויב איר ווילט, איז די התחלה פון דער סקויטן־באַוועגונג.

אָט אַזוי איז דאָס אַלץ געגאַנגען גלאַט, ווי געשמירט, ביז... — אַלע מאָל איז פאַראַן אַ שלימזלדיקער „ביז" — אַלזאָ ביז עס איז צו מיר געקומען, צום ערשטן מאָל אין מיין פּראַקטיק, א זשורנאַליסטקע.

— אפשר האָט איר פאַר מיר — האָט זי געזאָגט מיט אַ חנעוודיקן שמייכעלע — עפּעס אַ געפּילפּולע לירישע זאַך אויף סוכות ? אויב מעגלעך — מיט ליבע.

— אַך! פאַר וואָס ניט ? איך האָב פאַר אייך אַ שטיקל סחורה מיט געפיל און מיט ליריק און מיט ליבע. איך וואָלט עס אָנגערופן „הערצער צאַפּלען אונטערן סכך". דער תוכן איז אַזאַ: אַ בחור און אַ מיידל פאַרליבן זיך, ה י י ס פאַרשטייט זיך. ער איז אַ זון פון מיליאָנערן, זי — אַן אָרעמע יתומה. זיי טרעפן זיך געהיים ביי זיין טאַטן אין סוכה. — און דאָ האָט, ווייזט אויס, מיין „אונטערבאַוווסטזיין" פאַרקוקט זיך אויף מיין קליענטינס ברוינע גלעטנדיקע אויגן און אירע ווייניקע ליפּן, און עס איז אים, מיין „אונטערבאַוווסטזיין", הייסט עס, געווען אַ שאָד, זי זאָל אַזוי גיך אַוועקגיין, און איך האָב, ניט ווילנדיק, אָנגעהויבן שילדערן די סצענע אין סוכה מער באַריכות:

„ס'איז אָוונט. זיי זיצןביידע אין דער טונקעלער סוכה, די שטערנדלעך קוקן אַריין צווישן די סכך־שפּעלטעלעך, ער דריקט זי צום האַרצן און רעדט מיט אַ ציטערדיקער שטימע (איך האָב אַפילו נאָכגעמאַכט די ציטערדיקע שטימע): „מיין אוצר! מיין נשמה! איין בליק פון דיינע ליכטיקע אויגן

איז מיר טייערער פון מיין לעבן! איין וואָרט דיינס גיט מיר כוח אַריבערצו־טראָגן אַלע שטערונגען און צרות. וואָס איז פאַר מיר מיין היים, מיין פאַ־מיליע אָן דיר? לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען!... לאָמיר אַנטלויפן!... לאָמיר...

די טיר פון סוכה האָט זיך מיט רעש אויפגעריסן:

— לויף, לויף! אויסן הויט וועסטו ביי מיר לויפן!... דו מנוול!... דו פאַלשער... דו...

איך האָב תיכף דערקענט מיין ווייבס קול און אירע צאַרטע פינגער.

✡

ווער זאָל דאָס קלערן, אַז מיין ווייב וועט אונטערהערן הינטערן ווענטל און נאָך האָבן ביי זיך דעם וואַלגערהאַלץ? פון דעסטוועגן האָב איך אויפן עסק קיין חרטה ניט. איך האָב, קיין עין־הרע, ניט שלעכט פאַרדינט. און די צייכנס אויפן פנים — בלאָטע! ניט לענגער זאָל דויערן דאָס יידישע גלות.

דעם רבינס ציג

אַ שאָד, וואָס איר זייט קיין מאָל ניט געווען אין ב—שאָק און האָט ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט מיין רבינס ציג. דאָס איז געווען, זאָג איך אייך, אַ זייד, ניט קיין ציג! מיום שעמדה על דעתה — צייט זי איז געוואָרן זעלבשטענדיק, האָט קיין מאָל ניט פּאַסירט, אַז זי זאָל זיך צוגנבענען צו אַ פּרעמדן וואָגן, אַראָפּגריזשען אַ שטיק שטרויענעם דאַך, גנבענען אַ בייגל פון אַ מולטער, אָדער איבערקערן די פּאַמעניצע מיט די הערנער וכדומה אַזעלכע שטותערייען און ניט פּאַסיקע מעשׂים, וואָס טרעפן, ליידער, אַזוי אָפט ביי אירע שוועסטער פון איר מין. זי איז געווען אַן ערלעכע כשרע ציג, וואָס וויל לעבן בשלום מיט אַלעמען. אין מאַרק פלעגט זי גיין דרך־ארצדיק, מיט ווערדע, געהיימענישפול שאָקלען מיטן בערדל, און דער שוואַרצער פלעק אויף איר ווייסן פילאָזאָפישן שטערן האָט אויסגעזען, ווי אַן אָרדן, וואָס די נאַטור האָט איר געשענקט פאַר אירע שיינע מידות און הנהגה. אַז מ׳זאָל נאָך צורעכענען אירע גרויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון פאָלקסווירטשאַפט, דאָס הייסט דאָס, וואָס זי האָט געגעבן איבער דריי קוואָרט מילך אַ טאָג און האָט זיך תמיד פּינקטלעך און געוויסנ־האַפט „אָפּגעציקלט״ — וועט זיין פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס די רביצין זלאַטע האָט די ציג אַזוי ליב געהאַט און אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

זייער שטאַרק האָט זיך אויך מתקרב געווען צו דער ציג מיין חבר בערקע „שׂר־המשקים״. אַט דער בערקע איז געווען אַ קינד ווי אַ שד, אַ קונדס, וואָס פלעגט איבערקערן דאָס חדר קאַפּויער, ווי נאָר דער רבי פלעגט זיך אָפּקערן. ווו עפּעס אַ „שקאָצעריי״, אַן אָפּגעטועגער שפּיצל, איז עס געווען זיין אַרבעט. שטעכן זיך אונטערן טיש, בשעת אַ שווערער „אויס־ריידעניש״, מיט שפּילקעלעך, פאַרבאַהאַלטן די חומשים, אָפּגיסן די ליכט

אין די לאַמטערנעס מיט וואַסער, כדי מ׳זאָל ניט קענען אָנצינדן, אַריינ־לייגן יענעם בגנבה אַ שטיק שניי אין קעשענע, אַזוי אַז יענער כאַפּט זיך נאָכער פּלוצלונג, אַז ער זיצט אין אַ טייך — אָט אַזוינע שטיקלעך אַרבעט האָבן געוויינלעך געשטאַמט פון „בערקע שׂר־המשקים". אָבער ער האָט תמיד פאַרשטאַנען אַרויסצוגיין טרוקן פון וואַסער, האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים פון גאָט די נשמה שולדיק, און די קלעפּ האָבן תמיד געכאַפּט אַנדערע.

אַ סברא, אַז זיין גאַנצע התקרבות מיט דער ציג איז געווען נאָר אַ דיפּלאָמאַטישער גאַנג אַזאַ: דורך דעם האָט ער געוווּנען דאָס האַרץ פון דער רביצין, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר אים שטאָל און אייזן, און דאָס האָט אים לייכטער געמאַכט אָפּצוטאָן אַלע זיינע מעשׂים. אַז דער רבי פלעגט בערקען אָנכאַפּן פאַרן אויער און קלייבן זיך אים ריכטיק מכבד זיין, פלעגט זיך דערהערן אַ „כרוז" פון דער רביצין: „משה, טשעפּע אים ניט: ער האָט ערשט אָנגעפּאַיעט די ציג!" און דער רבי האָט אים טאַקע אָפּגעלאָזן. בערקע פלעגט אַרויסטראָגן דעם צעבער פאַר דער ציג, גיין איר מקבל־פּנים זיין, ווען זי קומט פון פעלד, ברענגען פון ברונעם פרישע וואַסער און געבן איר טרינקען; דערפאַר טאַקע האָבן מיר אים אַ נאָמען געגעבן „שׂר המשקים".

ויהי היום — און דאָ ערשט הייבט זיך אָן דער רעכטער סיפּור־המעשׂה — האָט בערקע צוגעקלערט אַ נייעם שפּיצל. איך קום אין חדר, גייט ער צו צו מיר תמעוואַטע, די הענט פאַרבאַהאַלטן אַהינטער, און פרעגט:

— וואָס איז דער טייטש „שפוך"?

— גיס — זאָג איך.

— און „מים"?

— וואַסער!

— גוט — זאָגט ער, און טוט אַ פליוך אויף מיר אַ קענדל וואַסער. פאַר־שטייט זיך, אַז איך האָב אים ניט פאַרשוויגן אַזאַ מעשׂה. ס׳איז געוואָרן אַ באַטאַליע; געקומען דער רבי און האָט מיר פאַרמשפּט אויף צוויי שעה „טורמע", נאָכן ענדיקן לערנען.

די „טורמע" אין חדר איז באַשטאַנען פון אַ שמאָלן טונקעלן חלל צווישן דעם גרויסן באַקאויוון און דער וואַנט. זיך זעצן האָט מען דאָרטן ניט

געקענט, מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן איז אויך ניט געווען — כאַטש שלאָג זיך קאָפּ אָן דער וואַנט. איך שטיי אַזוי אין טורמע און קום אָפּ מיין אומפאַרדינטע שטראָף, און בערקע גייט שוין אַהיים מיטן לאַמטערן אין האַנט. פאַרן אַרויסגיין שטעקט ער מיר אַרויס אַ צונג און זינגט צו אַ פּזמון:

סט׳עסן זויערמילך מיט הייוון,
דו וועסט שטיין אונטערן אויוון;
סט׳עסן זויערמילך מיט כריין —
אונטערן אויוון וועסטו שטיין.

דער דורשט צו נקמה האָט געברענט אין מיר, און אַ געוואַלדיקע פאַר־ביטערונג איז אָנגעקוואָלן אין מיין האַרצן:

— ס׳טייטש, אַזאַ אומגערעכטיקייט! — און איך האָב גענומען קלערן פּלענער, ווי נקמה צו נעמען פון מיין דם־שונא בערקען. און פון אַלע נקמה־פּלענער, וואָס זיינען געווען איינער שרעקלעכער פאַרן אַנדערן, האָב איך אויסגעקליבן סוף־כל־סוף פאָלגנדיקן: איך וועל אָפּמאָלן אויפן וואַנט פון אויוון די ציג און אונטערשרייבן: „בערקע שר המשקים״.

יענע וואַנט פון אויוון איז באַשטאַנען פון גרויסע, קוואַדראַטנע, רויטע „פּאַסאַצקע״ ציגל, און אַזוי ווי פאַרקאַלכט זיינען זיי אויך ניט געווען, האָבן זיי זיך זייער גוט געפּאַסט פאַר מיין פּלאַן. איך האָב אויסגעקליבן אַ פּאַסיקן ציגל, אַרויסגענומען מיין טאַשן־מעסערל און גענומען זיך צו דער אַרבעט מיט חשק, מיט באַגייסטערונג. דאָס מעסערל האָט געהאַרכזאַם געקריצט אין ציגל. און אין אַ קורצע צייט איז שוין געווען פאַרטיק דאָס קונסטווערק מיט אַלע פּיטשעווקעס. איך האָב באַטראַכט מיין אַרבעט און געבליבן זייער צופרידן: יאָ, אַן אמתע ציג! באַזונדערס גוט זיינען אַרויס־געקומען דער עק און די הערנער. ווער עס וועט אַ קוק טאָן, וועט גלייך דערקענען אין בילד דעם רבינס ציג, ווי זי שטייט און גייט, כאַטש נעם און מעלק זי אויס. איך האָב נאָך האַסטיק אַריינגעקריצט די אונטערשריפט „בערקע שר המשקים״ און אַ צופרידענער באַטראַכט דעם רבין, וואָס האָט געדרעמלטביים טיש מיטן נאָז אין דער גמרא.

אויף מאָרגן בין איך געגאַנגען אין חדר אַ לוסטיקער, פּול מיט זיסע דערוואַרטונגען: אָט באַלד וועלן חברה דערוויסן זיך פון דער מעשה, און בערקע וועט זיין אַ באַגראַבענער. אַז איך בין אָבער אַריין אין חדר, האָט די רביצין, מיט פאַרבראַכענע הענט, מיך באַגעגנט מיט אַ „יעלה״:

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, דו גזלן, רוצח, מערדער! ער האָט דאָך מיר אומגליקלעך געמאַכט, דער משומד! די גאַנצע מילך... אַלע מיינע חובות!...

וואָס איז? — לאָזט זיך אויס, הערט אַ מעשה, אַז דער זעלביקער ציגל איז געווען דער רביצינס „נאָטיץ־בוך״, ווו זי פלעגט פאַרשרייבן דעם חשבון פון דער ציגס מילך, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן די שכנות; קיין זכרון האָט זי אויף דער עלטער ניט געהאַט, שרייבן האָט זי אויך ניט געקענט, פלעגט זי מיט אַ צוועקל אויסקריצן סימנים אויף ציגל: אַ קורצער שטריכעלע האָט געהייסן: אַ האַלבע קוואַרט מילך, אַ לאַנגער שטריכל — אַ גאַנצע קוואַרט, אַ קייקעלע — „סילוק״ אאַז״וו. נו, האָב איך מיט דער געמעלעכץ צעשטערט אַ גרויסן טייל פון אירע חשבונות. איך וואָלט נאָך אַוודאי אַ לאַנגע צייט געפונען זיך אונטער דער לאַסט פון דער שווערער באַשולדיקונג און גערודפט געוואָרן דערפאַר. צו מיין גליק האָבן וויכטיקערע געשעענישן געמאַכט פאַרגעסן מיין פאַרברעכן: ביי נאַכט האָט דער ווינט איינגעוואָרפן דער ציגס שטעלכל און מען האָט געמוזט די ציג איינקוואַרטירן אין „טורמע״ צווישן אויוון. דאָרט האָט זי, רייבנדיק מיט די הערנער, נאָך אומלעזבאַרער געמאַכט דעם „נאָטיץ־בוך״ און אויך אָפּגעריבן אַ טייל פון מיין „שטיינשניט״. אין עטלעכע טעג אַרום, בשעת דער גרויסער ציגן־מגפה אין נ—שאָק, איז די ציג געפגרט.

✱

עטלעכע יאָר שפּעטער, בשעת דער גרויסער שׂריפה אין שטעטל, איז פון מיין רבינס שטיבל געבליבן נאָר אַ בערגל ציגל פון איינגעפאַלענעם אויוון, וואָס איז מיט דער צייט פאַרשאָטן און אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד. און אין אַ יאָר 15 שפּעטער, בשעת מען האָט דורך נ—שאָק דורכגעפירט אַן אייזנבאַן־ליניע, האָט דער אינזשעניר, גראָבנדיק אין דער ערד, געפונען אַן אַלטערטימלעכן טאָוול באַדעקט מיט אַ סודותפולער אַריענטאַ־

לישער שריפט, וועלכער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין בערלין צום דעשיפרירן.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָב איך געלייענט אין בערלינער „מאָנאַט־שריפט פאַר אַרכעאָלאָגיע":

„נאָך שווערע באַמיִונגען איז געלונגען צו דעשיפרירן די שריפט אויפן ציגל, וואָס איז געפונען געוואָרן אין ב—שאַק אאָז"ו. דאָס איז אַ זעלטענער דאָקומענט פון דער אַלט־עגיפּטישער עפּאָכע, אויף וועלכן עס שטייט געשריבן אין העברעיִש:

„איך, יוסף בן יעקב, ווען די חצופה פּוטיפרע האָט געוואָלט אָנריידן צו אַן עבירה, בין צוליב אַ בלבול געזעסן אין תפיסה. פּרעהן האָט זיך געחלומט אַ חלום וועגן 7 פעטע קי און 7 מאָגערע קי. דער שר־המשקים האָט דערציילט, אַז איך קען פּותר חלומות זיין, און דורך דעם בין איך געוואָרן משנה־למלך".

„זייער אינטערעסאַנט איז — שרייבט ווייטער די צייטשריפט — דאָס בילד פון איינער פון די מאָגערע קי, וואָס איז אויסגעקריצט אויפן ציגל. לויטן בילד קען מען אורטיילן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער עגיפּטישער קונסט אין יענער צייט. נאָר וועגן דעם — אין אַ צווייטן אַרטיקל. דער וויסנשאַפט בלייבט נאָר פעסטצושטעלן, דורך וועמען און אין וועלכער צייט איז דער דאָזיקער דאָקומענט געבראַכט געוואָרן פון מצרים אין קאָוונער גובערניע".

✻

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער פאָטאָגראַפיע פון „דאָקומענט", וואָס איז געווען געגעבן צו דער אָפּהאַנדלונג, און אין מיין האַרצן האָבן זיך דערוועקט זיסע קינדער־זכרונות: איך האָב דערקענט מיין רביצינס קייקע־לעך און שטריכעלעך און די רעפּראָדוקציע פון מיין יוגנט־קונסטווערק — דאָס ליבע בילד פון רבינס ציג.

דריי פּראָפעסאָרן און איין פליג

— גוסטאַוו, גוסטאַוו! קום, זיי אַזוי גוט, אַ ווײַלע אַהער!

גוסטאַוו, אָדער ווי עס שטייט געדרוקט אויף זיין וויזיטן־קאַרטע: געהיימראַט פּראָפעסאָר ד״ר גוסטאַוו זווילנמייער, האָט, דערהערנדיק זיין פרויס רוף, גלייך אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט זיינע דיקע ביכער און אַרויס־געאײַלט אין קיך אַריין, וואָרעם ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען צוועלף יאָר נאָך דער חתונה, איז ער אַלץ נאָך געווען העפלעך און אויפמערקזאַם צו זיין פרוי.

— וואָס ווינטשטו, מיין אוצר? — האָט ער געפרעגט, גלעטנדיק אירע זיידענע האָר.

אָבער פּאַולאַ (אַזוי האָט, ווי דער קלוגער לעזער וועט פאַרשטיין, גע־הייסן דעם פּראָפעסאָרס פרוי) איז איצט גאָרניט געווען אויפגעלייגט צו אַזוינע צערטלעכקייטן; זי איז געווען צו אויפגערעגט. זי האָט נאָר אַ וויַיז געטאָן אויף דער גרויסער אַכטליטערדיקער פלאַש, וועלכע איז געווען ביז דער העלפט אָן ערך שוין אָנגעשאָטן מיט קאַרשן און צוקער:

— דו זעסט?

אוודאי האָט ער געזען, און דאָס, וואָס ער האָט געזען, איז געווען זייער ניט קיין פריילעכער בילד: אין דער פלאַש האָט אַרומגעזשומעט אַ פליג, וואָס האָט אַלע ווײַלע איבערגעריסן איר פליִעכץ, כדי זיך אָפּצורוען און אונטערכאַפּן דאָס האַרץ אינעם זאַפטיקן צוקערדיקן גן־עדן.

— דאָס איז אַ „מוסקאַ דאָמעסטיקאַ״ — האָט דער פּראָפעסאָר פעסט־געשטעלט — אַ פּשוטע, אַ גאַנץ געוויינלעכע צימערפליג.

— נאַטירלעך איז עס ניט קיין וויזלטיר — האָט פּאַולאַ געענטפערט אַ ביסל גערייצט — אָבער אָט די פּאַסקודנע פליג האַלט מיך שוין אויף אַ

פערטל שעה אין דער אַרבעט. אפשר קענסט דו זי אַרויסקריגן?

— אָט דאָס איז גאָר? — האָט דער געהיימראַט געזאָגט — דאָס ווילן מיר גלייך מאַכן.

און אַז ער האָט געזאָגט, האָט מען אים דאָס געקענט רויִק קלויבן, וואָרעם ער האָט אין אוניווערסיטעט געהאַט אַ קאַטעדרע פאַר חיות־פּסיכאָלאָגיע, און זיינע ביכער „די אָריענטיר־פעיִקייט פון ווייסע שפּינען” און „די גייסטי־קע כשרונות פון די זעקס־פיסיקע אינזעקטן” האָבן געמאַכט אַ רושם אין די פאַכקרייזן און זיינען אַ סך מאָל ציטירט געוואָרן.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוקלאַפּן די פלאַש מיט זיין זילבערנעם בליי־שטיפט, אַרום און אַרום פון אונטן נאָך אויבן, נאָך אַ געוויסער סיסטעם, מיט דער אויסרעכענונג, אַז די פליג, אויב זי זאָל לאָגיש דענקען, זאָל גע־טריבן ווערן צום פלאַשהעלדזל. דער פּראָפעסאָר האָט אָבער משמעות אַריבערגעשאַצט די אָריענטירפעיִקייט פון דער לעסטיקער נאַשערקע. די פליג איז צעטומלט געוואָרן, האָט פאַרשנעלערט איר טעמפּאָ, אויסגעפּירט עטלעכע קונציקע „טויט־שלייפן” און ענדלעך, קענטיק אָפּגעמידט, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ ווייס צוקער־אינדזעלע און געמאַכט אַ פּינטל:

— אַ סוף, אַן עק! געגנוג אַרומגעיאָגט זיך.

— דער האַנדלונג־אופן פון אָט דער מוסקאַ דאָמעסטיקאַ — האָט דער פּראָפעסאָר אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען אויפן קול — ווערט באַשטימט דורך צוויי דיאַמעטראַל זיך־סותרדיקע טרייב־כוחות: פון איין זייט, דער ווילן צו בלייבן און קענען הנאה האָבן פון צוקער, פון דער אַנדער זייט, — די שטרעבונג אַרויסצוגיין פון געפאַר און געניסן די פרייהייט. בשעת איך האָב געפּייקלט מיט מיין בליישטיפט, האָט ביי דער פליג אוודאי דאָמינירט דער צווייטער ווונטש. ווייל זי האָט שטאַרקער געפילט די סכנה, אָבער אין איר אונטערבאַוווסטזיין לעבט נאָך די פאַרשטעלונג וועגן צוקער, וועלכע באַאיינפלוסט אומגינסטיק די געדאַנקען־קאָנצענטרירונג, וואָס איז נויטיק, כדי צו געפינען דעם אַרויסגאַנג פון פלאַש. ווי איז אָבער, אויב מירן האַלטן אַ שטיק צוקער איבער העלדזל? — דאַן האָבן מיר, פון דעם פליגס פּינטל־קוק, אונטן צוקער, אויבן — צוקער פלוס פרייהייט.

ער האָט אַזוי געטאָן.

די פליג אָבער איז געווען אַזוי אומאינטעליגענט, אַז זי האָט ניט באַנו־מען אָט די פּשוטע אומבאַשטרייטבאַרע פאָרמול און האָט אפילו ניט אָנ־געהויבן קלערן אַרויסצוקלייבן זיך פון פלאַש. זי האָט זיך פאַררוקט אין אַ זייטיק ווינקעלע און רויִק אָפּגעוואַרט, וואָס דאָ וועט ווייטער זיין.

פּראָפ. זוילנמייער האָט געמאַכט נאָך אַ פּרווו: ער האָט איינגעטונקט אַ שטיקל צוקער אין קאַרשנזאַפט, אַנגעבונדן עס אָן אַ פאָדעם און אַראָפּ־געלאָזט פּאַוואָלינקע אין פלאַש אַריין. דער חשבון איז געווען אַזאַ: אַז די פליג וועט זיך זעצן אויפן שמעקעדיקן צוקער, וועט ער זי פאַרזיכטיק אַרויספירן פון איר געפענגעניש, ווי מיט אַ ליפט.

אַז דער „ליפט" האָט אָנגעהויבן אַרומצובאַמבלען זיך אין פלאַש, איז אויף דער פליג נעבעך אָנגעפאַלן אַן אימת־מוות; מיט די לעצטע כוחות האָט זי אַרומגאַלאָפּירט משוגענערווייז און אַלע מאָל דערלאַנגט זיך אַ זעץ אָנטקעגן גלאָז.

די סיטואַציע איז געוואָרן אַלץ ערנסטער, וואָרעם די „איינברעכערין" האָט שוין געהאַט איין פיסל איינגעטונקט אין קלעפּיקן זאַפט, און מען האָט יעדן מאָמענט געקענט זיך רעכענען דערמיט, אַז זי וועט פאַר איר פריי־צייטיקן, זיסן טויט זיך נוקם זיין דורכן פאַראומרייניקן דעם גאַנצן „ווישניק".

פּאַולאַ איז געזעסן אַן ערנסטע, אַ שווייגעדיקע, און איר מאַן האָט זיך געפילט זייער ניט באַקוועם. דער קאַמף מיט דער פליג איז געווען פאַרלאָרן. ער האָט נאָר געזוכט דעם פּאַסיקן אויסדרוק, דאָס צו קענען אויף אַ בכבודיקן אופן אַרויסזאָגן.

דאָס טירגלעקל האָט אַ קלונג געטאָן. דער פּראָפעסאָר האָט זיך דערפרייט מיט דער געלעגנהייט, האָט אויף גיך אָפּגעווישט זיך די שווייס־פּערל פון שטערן און איז געלאָפן עפענען. עס זיינען אַריינגעקומען צוויי קאָלעגן זיינע, דער באַקאַנטער כירורג פּראָפעסאָר דאַרמשטעטער און דער רעקטאָר פון דער טעכנישער הויכשול פּראָפעסאָר שטאַנגע, וואָס זיינען געקומען אויף אַ גלעזל טיי. זיי האָבן געפרעגט, צי זיי שטערן ניט.

— אַדרבה — האָט געענטפערט דער בעל־הבית — אייער באַזוך איז גראָד ווי געוווּנטשן: איך האָב דאָ אַ שווערן פאַל, ווו אייער עצה קען מיר

זיין זייער וויכטיק. — ער האָט זיי לאַכנדיק געשילדערט די געשיכטע און אַריינגעבעטן זיי, אַנשטאָט אין זיין קאַבינעט, אין קיך אַריין.

— אַ מיאוסע מעשה — האָט פּראָפ. דאַרמשטעטער זיך אָנגערופן נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת, — איך ווייס ניט, וואָס מ׳קען דאָ מאַכן... סיידן איך זאָל די פליג פאַרכלאָראָפאָרמירן און אַרויסשלעפּן מיט דער פּינצעטע...

פּראָפעסאָר שטאַנגע האָט שוין געהאַט אַ מער ביים־וועגיקע אידייע: מען זאָל האַלטן איבערן פלאַש דעם שטויבזויגער.

די קאָלעגן האָבן באַגריסט דעם פאָרשלאָג מיט וואַרעמע אַפּלאָדיס־מענטן און איינגעפונען, אַז ער איז געניאַל. דער אַפּאַראַט וועט שוין אַרויס־זויגן די זעקספיסלדיקע נודניצע. אין ערגסטן פאַל וועלן אַ פּאָר קאָרשן אויך אַרויספליִען.

דער ליבער לעזער וועט פאַרשטיין על פּי שכל, אַז דער שטויבזויגער איז אַקוראַט געווען קאַליע.

פּאַולאַ איז געזעסן זייער מיסגעשטימט, און די דריי וויסנשאַפטלער זיינען געשטאַנען אַרום איר אַ ביסל לעקישעוואַטע, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, מחמת די הויזפרוי האָט פאַרגעסן זיי אַריינצובעטן צום טיי.

מ׳האָט אָנגעקלאַפּט. עס איז אַריין די מילכיקערין.

— גוטמאָרגן, פרוי פּראָפעסאָר! וואָס פאַר אַ שיינע, זאַפטיקע קאַרשן איר האָט דאָ! — זי האָט באַמערקט, אַז די בעל־הביתטע קוקט מיט שפּאַ־נונג אויף דער גרויסע פלאַש, אין וועלכער די אויסגעמאַטערטע פליג האָט געמאַכט די לעצטע פאַרצווייפלטע פּרוון, צו באַפרייען זיך פון איר תפיסה, און די מילכיקערין האָט ווייטער געמאָלן:

— אַך, אַזוי... אַ פליג... דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גאַרניט אַפּעטיטלעך... מיר וועלן זי אָבער גלייך אַרויסקריגן... די גנעדיקע פרוי דערלויבט דאָך?... די פלאַש איז דאָך דורכזיכטיק, די פליג קען אין אַלע זייטן דורכקוקן, טראַכט זי זיך אין איר נאַרישן מח, אַז זי קען אומעטום דורכפליִען, יאָגט זי זיך אַרום אַזוי און שלאָגט זיך תמיד מיטן קאָפּ אָנטקעגן גלאָז; איצטער אָבער, זעט איר, (די מילכיקערין האָט אַרומגעוויקלט די פלאַש אַרום און אַרום מיט איר טונקעלן פאַרטעך, אַזוי, אַז נאָר די עפענונג אויבן איז פריי געבליבן), ווען זי זעט, אַז נאָר אויבן — — —

— ז ז ז ז ז ז... — איידער די מילכפּרוי האָט פאַרענדיקט איר דער־קלערונג, איז די פליג שוין געווען אויף דער פרייהייט. זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דורכן אָפענעם פענצטער און געאײלט זיך צו דערציילן די חברטעס וועגן אירע וווּנדערבאַרע איבערלעבונגען.

אַ פּינטעלע אויף דער ליפּ

אַז ס׳איז באַשערט, הערט איר, קלעמעניש, מעגט איר פאַרהאַקן די טירן מיט די פענצטער — וועט עס אַריינקומען דורכן קוימען. ווער וואָלט דאָס קלערן, אַז איך — אַ מענטש אַ פאַרזיכטיקער און ניט קיין נאַר, ווי מען זאָגט — זאָל אַזוי מיאוס אַריינפאַלן און האָבן אַ שאָדן פון עטלעכע צענדליק דאָלאַר צוליב אַ מיידל! און ניט אַזוי צוליב דעם מיידל אַליין, ווי צוליב דער ליפּ אירער, און ניט צוליב דער גאַנצער ליפּ, נאָר צוליב אַ פּינטעלע, איר הערט, אַ פּינטעלע, וואָס זי האָט אויף דער ליפּ!

דער לעזער פאַרשטייט שוין אוודאי, ווו דער הונט ליגט דאָ באַגראָבן: אַ שיין מיידל מיט אַ חן־פּינטל אויף דער ליפּ, וואָס האָט זיך צוגעלאָבוניעט צו מיר, פאַרדרייט דעם קאָפּ און אַרויסגענאַרט די פּאָר ליט? — האָט איר טאָקע געטראָפן! וואָרעם ראשית בין איך דער מענטש, וואָס האָט צו טאָן מיט אַזוינע מיידלעך; והשנית: טאָמער יאָ — איז דאָס אויך אייער עסק, אַז איך זאָל גיין אייך דערציילן; און דריטנס, איז דאָס מיידל דוקא ניט פון יענעם סאָרט מיידלעך, וואָס זוכן אַרויסצומאַנצלען די פּאָר גראָשן ביי אַ קאַוואַלער. אַדרבה, זי איז זייער אַ פיין מיידל, אַ וווּיל מיידל, אַן אָנשטענדיק מיידל — אַזאַ יאָר אויף מיר! ווען מען גאָט העלפט, אַז ער קען צודריקן צום בוזעם כאָטש אַ טוּיזנט מיידלעך אַזוינע, איז אַז גוט און וווּיל צו אים...

איר דאַרפט ניט מיינען, אַז איך בין אַן אָנהענגער פון פּאָליגאַמיע און וויל אָנריידן יידן צו עבירות, וואָרום עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן לעבעדיקע, פליישהאַפטיקע בתולות, נייערט וועגן יענע מיידלעך, וואָס זיינען אַרויפגעדרוקט אויף... — נאָר לאָמיר אייך דערציילן כסדר.

פּאַסירט האָט די מעשה די טעג אין ציריך, בשעת איך בין אַהין געקומען

צו דער דערעפענונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס. נעבן דער קאָנגרעס־געביידע וואַקסט אויס פאַר מיר אַ יונגערמאַן:

— פּעטער, אפשר דאַרפט איר בייטן געלט? איך צאָל טייערער, ווי אַ באַנק.

מהיכא תיתי — טראַכט איך מיר — זאָל אַ ייד עפּעס פאַרדינען. — וואָס צאָלט איר פאַר דאָלאַרן?

— 5 פראַנק 16!

— מסכים! — זאָג איך און דערלאַנג אים אַ פופציק־דאָלאַר־באַנקנאָט — מיין גאַנצער קאַפּיטאַל. ער שטופּט מיר פלינק אַריין אין האַנט 5 קנאַקעדיקע 50־פראַנק־שיינען, דעם רעשט אין זילבערגעלט, און והילד איננו — ער איז שוין ניטאָ.

„שאַלאָם"! — דערהער איך אַ קול הינטער מיר, און איידער איך באַווייז זיך אומצוקוקן, קריג איך אַרויפגעלייגט אַ נאָסן קוש אויפן פּיסק — פאַר מיר שטייט מיין אַלטער חבר פישל שפּילמאַן, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו אַ גוטער שטעלע אין ציריך: ער אַרבעט דאָ אין „ציריכער קאַנטאָנאַל־באַנק". אָט דער פישל איז אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַ נערוועזער, גייט גיך, רעדט גיך און קייט גיך־גיך די אויבערשטע ליפּ: תמיד, ווען איר זאָלט אים אָנקוקן, קייט ער די אויבערשטע ליפּ, פּונקט ווי קיין בעסער מאכל וואָלט אין דער וועלט ניט געווען.

— איז וואָס זשע מאַכסטו? — מאָלט פישל גיך, ווי זיין שטייגער איז — און וואָס מאַכט עפּעס בערל? און ווי גייט עס שמואל־חיימען? הערסטו עפּעס פון ביילינען פון בערלין? — און ניט אָפּוואַרטנדיק מיין ענטפער, דערלאַנגט ער מיר די האַנט:

— איך מוז גיין. מירן זיך נאָך זען. — איבעריקנס, אפשר האָסטו שווייצערישע פופציקערס, פופציק־פראַנק־שיינען? זאָלסטו וויסן, אַז עס קורסירן פ אַ ל ש ע פופציקערס איצט. מ'קען זיי לייכט דערקענען: אויפן באַנקנאָט לינקס איז אָפּגעמאָלט אַ מיידל, איז אויף די פאַלשע אַסיגנאַציעס האָט זי, דאָס מיידל, הייסט עס, אַ העל פּינטעלע אויף דער אונטערשטער ליפּ. געדענק זשע, זאָלסט ניט אַריינפאַלן. אַדיע.

די מעשה מיטן פּינטעלע איז מיר אַריין אין נאָז. פישל אַרבעט אין

באַנק, ווייס ער דאָך. און מיין יונגערמאַן דער חלפן האָט מיר טאַקע אויס־געקוקט פּאַרדעכטיק: עפּעס צו לעבעדיקע אויגן האָט ער געהאַט, צו גע־שיקטע פינגער און צו שנעל איז ער נעלם געוואָרן. איך האָב אָפּגעטראַטן אין אַ טויער און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן אַרויסגענומען צו באַטראַכטן מיינע באַנקנאָטן. איך האָב אַ קוק געטאָן, איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: אַלע פינף יפהפיות אויף אַלע פינף פּאַפּירלעך האָבן אויף דער אונטערשטער ליפּ, טיפער צו, ווו עס הויבט זיך אָן די מאָרדעטשקע, אַ העלן פינטעלע!

— ביסטו, הייסט עס, נישקשה פון אַ בהמה — רייץ איך זיך מיט זיך אַליין — ווער בייט דאָס געלט אויפן גאַס אין אַ פרעמדער שטאָט ביי אַ פרעמדן יונגעמאַן?... איך בין מלא רציחה אויף זיך און נאָך מער אויפן חלפן: אַזאַ יידן דאַרף מען עוקר מן השורש זיין — טראַכט איך — אַ מצווה אַזוינעם אַריינצופּאַקן אין תפיסה, וואָרעם אַזוינע לייט פאַרשוואַרצן אונדז די אויגן ביי די גאַסטפריינדלעכע מלוכות. איך לאָז זיך לויפן זוכן מיין קונד. זוך אַהער, זוך אַהין — ער איז ניטאָ, ווי אין דער ערד אַריין.

און אַזוי אַרומדרייענדיק זיך און זידלענדיק אין געדאַנקען דעם אָפּ־נאַרער, באַמערק איך ניט, ווי ערגעץ אין אונטערבאַוווסטזיין פּיקט זיך אויס ביי מיר אַ באַשלוס, אויסצוגעבן מיינע פאַלשע שיינען פאַר גוטע... וואָסי?...

— האָב איך מיר געפּרוווט מאַכן אַ היתר — איך האָב געבראַכט עכטע, שווער־פאַרהאַרעוועטע דאָלאַרן און געקראָגן דערפאַר פראַנקן, בין איך ניט מחויב צו קוקן וואָס פאַר אַ ליפּן זי האָט... פון מיינטוועגן האָט מען געמעגט אָפּמאָלן דאָרטן אַ ציג מיט אַ באָרד, ניט מיין עסק... איך ווייס ניט פון קיין פישלען, איך ווייס ניט פון קיין פינטעלעך...

דערווייל האָב איך דורכגעשפּאַנט צוויי גאַסן און געבליבן שטיין ביי אַ ראָג נעבן אַ גרויסער אַפּטייק. אָט דאָ, האָב איך באַשלאָסן, וועל איך אַריינ־גיין עפּעס קויפן. וואָס עפּעס גראָד אין אַפּטייק? — ווייל די אַפּטייקן באַ־רייסן, שינדן די הויט... איז אַ מצווה אויף זיי... אַנומלטן איז מיינע אַ שווע־גערין קראַנק געווען אויף גריפּע, האָבן זיי ביי איר גענומען 12 ליט פאַר אַ קאָפּ ביטערע וואַסער...

— וואָס ווינטשן זי? — אַזוי פרעגט די יונגע דראָגיסטין, און איך

באַמערק צו מיין שרעק, אַז איך שטיי שוין אינעווייניק פאַרן טאַמבאַנק.

וואָס איך ווינטש ? — לאָמיר אַזוי ניט וויסן פון קיין בייז... וואָס פאַר־לאַנגט מען ? אַספּירין ? כינין ? וואַנצן־פּראָשקעס ? — מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ פּודעלע מיט זויגגומקעס פאַר קינדער־פלעשלעך.

— ניט מיר — זאָג איך — פון אָט די סאָסקעס.

— וויפל ?

— צוויי טוץ — און איך לייג אַרויס אַ פופציקער פריִער ווי בויטיק, און כ׳פיל, אַז איך ווער רויט איבער די אויערן.

די פריילין וויקלט איין די סחורה, כאַפּט אַ קוק אויף מיר און שמייכלט, אַ פּנים, עס קומט אויס קאָמיש, וואָס איך האַנדל איין אַזוי פיל סאָסקעס. ווילט זיך מיר ניט פאַרקומען לעכערלעך און איך דערקלער איר:

— ס׳איז ניט פון מיינטוועגן... ס׳איז פאַר מיין שכן... זיין ווייב, פאַר־שטייט איר מיר, האָט געהאַט אַ דריילינג, איז זי אַ גרויסע בעל־הוצאה אויף סאָסקעס... אַ דריילינג! וואָס זאָגט איר דערצו ?

— פון מיינטוועגן האָט זי געמעגט האָבן כאָטש אַ פירלינג — זאָגט די פריילין לאַכנדיק. און זי טוט אַ קנאַק אויף דער קאָנטראָל־קאַסע, וואַרפט אַריין דעם פופציקער, אים ניט אָנקוקנדיק אפילו, און גיט מיר רעשט.

— פון דעסטוועגן ביסטו אַ פאַרד! — זידל איך זיך אַליין אויס, שטייענדיק ווידער אויפן גאַס — אויב איין אַפּטייק ערגעץ האָט גענומען טייער פאַר אַ רעצעפּט ביי דיין שוועגערין, מעגסטו אַריינרוקן פאַלשע פופציקערס ? און איך שטויס זיך אָן אויפן טראָטואַר אָן אַ אָרעמער פרוי מיט אַ פיצל קינד אופן האַנט. לאָמיר כאָטש טאָן, טראַכט איך, אַ דבר־מצווה, און רוף זיך אָן צו דער פרוי:

— אפשר דאַרפט איר אַ צוויי טוץ סאָסקעס פאַר אייער עופעלע ?

— איך דאַרף ניט קיין סאָסקעס! ניט אויסצוהאַלטן פון די הויזירער... אַ גאַס לאָזן זיי ניט דורכגיין...

— איך פאַרקויף דאָס ניט — בעט איך זיך ביי דער פרוי — איך וויל אייך דאָס שענקען...

— מוחל!... איך זויג דאָס קינד מיט דער ברוסט.

נעכיי וואָלט איך געמען נאָך דער ערשטער אָפּגעטאָנענער נאַרישקייט

און צערייסן די איבעריקע 200 פראַנק, אָדער אַריינוואַרפן זיי אין פייער, און געפּטרט אַן עסק. איז אָבער די טבע פון אַ מענטשן, אַז מ׳קריכט אַריין אין אַ בלאָטע, קריכט מען ווייטער. איך בין אַריין אין אַ קאַפע עפּעס צובייסן, און אָנשטאָט צו באַצאָלן מיט קליינגעלט האָב איך ווידער דער־לאַנגט — אַ 50ער פראַנקשיין.

— דאָ ביסטו שוין אי אַ נאַר, אי אַ בעל־עוולה — האָב איך געטראַכט, קוקנדיק, ווי דער קעלנער איז אַוועקגעלאָפן מיטן שיין צו דער קאַסע אָפּ־בייטן — זיי וועלן זיך נאָך אפשר כאַפּן אויף, און דאָ האָב איך אין טאַש נאָך דריי באַפינטלטע מיידן אַזוינע, אַ מפּלה אויף זיי... דער בייכיקער בעל־הבית ביי דער קאַסע האָט אָנגעטאָן די ברילן, באַקוקט דאָס פּאַפּירל פון אַלע זייטן — אַ פּנים ער ווייס שוין פון דער גדולה! — און איך האָב קוים דערלעבט צו זען, ווי ער האָט אויסגעטאָן די גלעזער און אַריינגעלייגט דעם געלטשיין אין טישקעסטל. הייסט עס, גלאַט אָפּגעלאָפן...

איך גיי אַרויס פון קאַפע פּאַמעלעך, שוין צו פּאַמעלעך, כדי עס זאָל אויף מיר קיין חשד ניט פאַלן, און דאָס פּנים ברענט מיר, און די זילבער־מטבעות, וואָס איך האָב באַקומען רעשט, זיינען מיר שווער אין די קעשע־נעס, ווי אַ צען־פּודיקע משא. פון דעסטוועגן קריך איך ווייטער אין זומפּ און מאַך פּלענער ווי אַזוי אַרויסצושטופן די איבעריקע דריי שיינע נקבות מיינע...

טוט דער אויבערשטער אַ נס, און איך באַגעגן, אַרויסגייענדיק פון קאַפע, אַ חבר פון ארץ־ישראל, אַ געוועזענעם ליטוואַק, וואָס איז געקומען אַהער צום קאָנגרעס.

— הער — זאָג איך — דו געדענקסט, איך האָב אַ מאָל ביי דיר געליִען אַסטמאַרקן — איך געדענק ניט אַקוראַט וויפל — און דיר ניט צוריקגעגעבן?

— ווייס איך וואָס... — זאָגט ער — איך האָב זיך שוין לאַנג דערפון מיאש געווען...

— ניין, — לאָז איך ניט נאָך — וואָס הייסט: מיאש געווען?... ביי מיר איז אַ חוב הייליק... איך ווייס ניט וויפל דאָס מאַכט אויס אויף איצטיקע געלט, נאָ דיר הונדערט פראַנק און זאָל זיין קוויט...

ער האָט צוגענומען די 2 פּופציקערס און איז פון גרויס איבעראַשונג

געבליבן אַ פאַרשטיינערטער אין מיטן גאַס. ווען אַ פּאָליציאַנט ציט אים ניט אַוועק פאַרן אַרבל, וואָלט אַ טראַמוויי אים איבערגעפאָרן אויף טויט.

נאָכן אָפּטאָן אַזאַ פיין שטיקל אַרבעט איז מיר געווען פיינלעך לענגער צו בלייבן צוזאַמען מיט אים. איך האָב אויסגעזוכט אַן אויסרייד און זיך תיכּף אָפּגעזעגנט.

— נאַרישקייטן — אַזוי פילאָזאָפיר איך, גייענדיק לאַנגזאַם מיטן טראָ־טואַר — זיינען ווי אַ קופּקע ניסלעך: טוט מען נאָר אַ קייקל איין ניסל, הייבן זיך אָן יאָגן נאָך אים אַ גאַנצע מחנה. טוט מען אָפּ איין שטות — הייבן זיך אָן קייקלען אַ גאַנצע סעריע נאַרישקייטן, גרעסערע און קלענערע, מיט וועלכע מ׳רעכנט צו פאַררעכטן די ערשטע.

ווער, למשל, האָט מיך געשפּאָרט איצט צו גיין „באַצאָלן" אַ חוב פון פאַרן מבול ?... וואָס וועט דער חבר פון ארץ־ישראל וועגן מיר טראַכטן ? איידער ער וועט וויסן, וואָס פאַר אַ געלט איך האָב אים אַריינגערוקט, וועט ער מיך האַלטן פאַר אַ משוגענעם, און נאָך דעם, ווי ער וועט זיך דער־וויסן, — וועט ער מיך האַלטן פאַר אַ...

עמעצער האָט מיך פּלוצלונג אָנגעכאַפּט פאַרן לאַץ. דער ערשטער גע־דאַנק מיינער איז געווען: „אַ פּאָליציאַנט... דו ביסט אַרעסטירט !..." איך האָב אָבער באַלד באַמערקט, אַז דער „פּאָליציאַנט" פאַרמאָגט אָנדולירטע האָר און געשמינקטע ליפּעלעך. אַ חנעוודיק מיידל האָט מיר צוגעשפּילעט אַ בלימל, און איר באַגלייטער האָט מיר אונטערגעטראָגן די פּושקע. איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט — און אַריינגעוואָרפן אין פּושקע מיין לעצטן פּופּציקער.

דאָס פּאָרל האָט מיר זייער האַרציק און מיט גרויס דרך־ארץ באַדאַנקט און געבעטן אָנגעבן מיין נאָמען: גרעסערע נדבות וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין צייטונג. מער פעלט מיר ניט...

— ניט נייטיק — האָב איך געזאָגט — ס׳איז ביי מיר קיין נאָווינע ניט צו געבן אַזעלכע נתינות... איך וויל בלייבן אַנאָנים...

דאָ האָסטו אָפּגעטאָן, טראַכט איך, אַ גרויסע געמיינהייט: סטייטש, פאַר אַ צדקה־זאַך !... און איך דעריאָג די זאַמלער און וואָרף אַריין נאָך אַ זיל־בערנעם פינף־פראַנק־שטיק. דאָס מיידל דאַנקט מיר נאָך אַ מאָל מיט אַ

•

שטראַלנדיק פּנים און איז אויפן זיבעטן הימל: זי איז זיכער, אַז איר שיינ־
קייט האָט דאָס מיך אַזוי געגומען ביים האַרצן.

בין איך שוין, הייסט עס, פּטור געוואָרן פון אַלע פינף מיידן מיינע:
איינע אָפּגעזועצט אין אַפּטייק, איינע אין קאַפּע, מיט צוויי „באַצאַלט" אַ
הוב, און איינע — אין פּושקע. אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „פּטור גע־
וואָרן"... די געשיכטע עגבערט מיר אין מוח און לאָזט מיר ניט צו רו: פון
ווען אָן — רייץ איך זיך מיט זיך אַליין — ביסטו דאָס געוואָרן אַן אַגענט
פון פאַלש געלט? האָט אפשר דיין טאַטע געהאַנדלט דערמיט, צי דיין
זיידע? איך פּרווו מיין געוויסן פאַרשטופּן דעם פּיסק: מילא, דאָס, וואָס איך
האָב אָוועקגעגעבן פאַרן חוב און פאַרן בלימל, איז דאָך קיין בייז ניט, זיי
האָבן דאָך פון קעשענע ניט צוגעלייגט. און די הונדערט פראַנק אין אַפּטייק
און אין קאַפּע וועל איך אָפּשיקן, תיכף ווי איך קום אַהיים... גלייך פון דאָס
ערשטע... די אַדרעסן האָב איך מיר פאַרצייכנט. פון דעסטוועגן קען איך
זיך ניט באַרויִקן:

— וואָס וועט זיין, אַז מ׳וועט דאָס מיידל אין אַפּטייק דערווייל מאַכן פאַר־
אַנטוואָרטלעך פאַרן פאַלשן 50ער? זי האָט אוודאי ניט צו באַצאָלן פון איר
טאַש, און מ׳וועט איר אָפּזאָגן פון דער שטעלע... וואָס טוט אַזאַ מיידל, אַן
אַפּטייקערקע, אַז זי פאַרלירט די שטעלע? — זי טוט אַ כאַפּ אַ פלעשעלע.
פון די „גוטע" פלעשעלעך, גיט אַ זופּ און פאַרטיק... ווײ איז מיר!... אַזאַ
יונגער מענטש... נאָך קיין פינף און צוואַנציק יאָר ניט אַלט... און אַ חתן
האָט זי אויך אוודאי, וואָס קען אָן איר ניט לעבן... און ווי דער חתן דער־
הערט פון דעם אומגליק, נעמט ער און יאָגט זיך אַריין אַ קויל אין שטערן...
אָט אַזוי האָב איך אומגעבראַכט צוויי אומשולדיקע מענטשן... —

קורץ און גוט, איך בין אַוועק אין אַפּטייק נאָך אַ מאָל געוואָר ווערן,
וואָס דאָרט טוט זיך. (אַ פאַרברעכער — זאָגן די קרימינאַל־פּסיכאָלאָגן —
ציט עס תמיד צוריק צום אָרט פון פאַרברעכן). גאָט צו דאַנקען — דאָס
מיידל לעבט נאָך! זי שמייכלט און פרעגט, וואָס איך דאַרף.

— ריצנאייל — פאַלט מיר איין.

— וויפל?

אַ ליטער — גיב איך אַ בויטש. ביים דערבייִיקן טיש שטייט אַ יונגער־

מאַן, רייבט אין סטופּקע מיט רוגזה און קוקט אויף מיר מיט אַ האַלב אויג. פריִער, ביי דער ערשטער קניה מיינער, האָט ער אויך געריבן אין סטופּקע און אויך געקוקט אויף מיר מיט אַ האַלב אויג, אָבער ער איז, דוכט זיך, ניט געווען ברוגז. וואָס וויל ער? וואָס האָב איך אים געטאָן? אדרבה, איך גיב צו לייזן, מעג ער דאָך זיין צופרידן.

איך האָב אַ היפּשע צייט אַרומגעוואָגלט אין די דערבייִיקע גאַסן מיט דער פלאַש ריצנאייל אין האַנט, ניט האָבנדיק ווו זי אַהינצוטאָן. איין מאָל האָב איך זי געפּרווט פאַרגעסן אויף אַ באַנק אין אַ גערטל, האָט דער וועכטער מיר נאָכגעיאָגט און דערלאַנגט צוריק.

דערווייל איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך. די ווייזערס אויפן טורעם־זייגער האָבן זיך גענומען רוקן צו זיבן. איצט, — טראַכט איך — פאַרן שליסן דאָס געשעפט, וועט מען נעמען אָפּשטימען די קאַסע, וועט אַרויסקומען די געשיכטע. דעריבער דריי איך זיך אַלץ אַרום פאַרביי די גרויסע אַפּטייק־וויטרינעס און כאַפּ אַלע מאָל אַ קוק אינעווייניק, צו זען, וואָס וועט דאָרטן ווערן מיט דעם מיידל נעבעך.

די ערשטע פופציק פראַנק — באַשליס איך — וועל איך — טאַקע אָפּ־שיקן אין אַפּטייק, און נאָך דעם ערשט דעם קאַפע־ווירט. און ליתר בטחון, כדי איך זאָל חלילה ניט פאַרגעסן דעם אַדרעס, נעם איך אַרויס אַ ביכעלע צו פאַרצייכענען.

— מיין הער! — האַרט נעבן מיר איז געשטאַנען דער יונגערמאַן פון דער סטופּקע — איר האָט דאָ גאָרניט וואָס צו שרייבן קיין צעטעלעך און וואָס אַרומצודרייען זיך, ווי אַ קאַץ אַרום סמעטענע. וואָרעם די פריילין, זאָלט איר וויסן, איז מיין כלה, און וואָס ווייניקער איר וועט זיך דאָ ווייזן, איז אַלץ גלייכער פאַר אייך: איך בין דער בעסטער אַמאַטער־באָקסער פון קאַנטאָן ציריך.

✲

דעם זעלביקן אָוונט נאָך בין איך אָוועק צו דער באַן. מיר האָט זיך געוואָלט שוין גיכער פּטור ווערן פון ציריך, וואָס האָט מיר דערמאָנט די גאַנצע פיינלעכע געשיכטע. אַ געערגערטער, אַ צעשרויפטער בין איך אַריין אין וואַגאָן. מיין שירעם און דעם זומער־מאַנטל האָב איך פאַרגעסן אין

האָטעל, דערפאַר האָב איך געהאַט מיט זיך אַ ליטער ריצנאייל און צוויי טוץ „סאָסקעס".

— אַ, דו פאַרסט שוין אויך? — פישל, וואָס איז געקומען באַגלייטן עטליכע חברים, האָט מיר אַריינגערוקט די האַנט. — פאָר געזונט און גריס בערלען און שמואל-חיימען! איבעריקנס, איך האָב דיר היינט פרי ניט געענוי אינפאָרמירט וועגן די פאַלשע פופציקערס: דאָס מיידל אויף די אמתע שיינען האָט אַ פינטעלע אויף דער ליפּ, און טאָמער האָט ער ניט קיין פינטעלע, איז ער אַ פאַלשער. געדענק זשע, זאָלסט ניט אַריינפאַלן! אַדיע!

הנרות הללו

א שפּאַנענדיקער חנוכה־ראָמאַן

אין פינף טיילן מיט צוויי פּראָלאָגן און איין עפּילאָג

ערשטער פּראָלאָג

אין דער שמאָלער, רויִקער פּאַרק־גאַס אין קעניגסבערג האָט דער געווע־זענער פּאַלקאָווניק פאָן מייבאַך פאַרנומען אַ רחבותדיקע וווינונג אויפן דריטן שטאָק. שוין פון אויסוויינִיק, לויט די איידעלע גאַרדינען־שפּיצן און פאַרגילדטע פענצטער־געזימסן, האָט מען געקענט זען, אַז דער דלות האָט אין דער דירה קיין שליטה ניט. אָבער רייכקייט, ווי פאַרשיידענע פילאָזאָפן האָבן שוין פעסטגעשטעלט, ברענגט נאָך ניט קיין גליק. אין די רייכע צימערן פון פאָן מייבאַך האָט אָפט געהערשט ערגערניש און צאַנקעריי.

פאָן מייבאַך האָט זיך אומגעקערט פון דער וועלט־מלחמה קערפּערלעך און גייסטיק באַשעדיקט, שרעקלעך צעשרויפט, נערוועז ביז־גאַר. צוליב דער קלענסטער קלייניקייט האָט ער געקענט מאַכן אַ סקאַנדאַל, זידלען זיך און באַליידיקן יענעם, כאָטש בטבע איז ער געווען אַ גאַנץ ווילער מענטש און געהאַט אַ פיינעם כאַראַקטער. אַז ער פלעגט איינעם גראָב אָנקומען, פלעגט עס אים נאָכער אַליין קרענקען און ער פלעגט זוכן, ווי זיין פעלער ווידער גוט צו מאַכן.

זייענדיק נאָך אַ בחור (כאָטש ער איז שוין געווען אַרום פופציק), האָט ער זיך געפילט איינזאַם און פאַרלאָזן, ביז ער האָט אין מאָל אין קאַבאַרעט „קייזערהאָף" דערזען די שיינע צוואַנציק־יאָריקע טענצערקע לאָלאַ און זיך פאַרליבט אין איר, ווי אַ פופצן־יאָריקער גימנאַזיסטל. היות, אַזוי ווי איך האָב נאָך אַריינצופּרעסן אין דער איינציקער דערציילונג נאָך אַ פּראָ־לאָג, פינף טיילן און אַן עפּילאָג, קען איך אייך דאָ ניט מאריך זיין און דערציילן די גאַנצע אינטערעסאַנטע געשיכטע פון דעם דאָזיקן ליבע־קאַמף.

דער קיצור איז, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט און דער פאַלקאָוניק איז געוועןגעוואַלדיק אייפערזיכטיק. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זיין „יונג שטראַלנ־דיק גליק", ווי ער פלעגט זי רופן, איז איינגעגאַנגען אויפן שידוך צוליב זיין געלט, און ניט צוליב זיין פּערזאָן. וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, קען ער שוין, מיט זיין לאַמען פוס, מיט זיין פליך און אָפּגעבליטן פנים אימפּאָנירן?

האָט ער זיין יונג ווייבל אָנגעטאָן צרות, דערגאַנגען די יאָרן און אָפּגע־שפּילט איר אייפערזוכט־סצענעס, כאָטש זי איז געווען גאָט די נשמה שול־דיק. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז זי קוקט אַרויס אויף ליבהאָבער פון איר פריִערדיקן לייכטזיניקן באַקאַנטן קרייז, און טאָמער פלעגט זי טאָן אַן איבעריקן קוק דורכן פענצטער, אָדער זיך אַ פּודער טאָן גראָד, ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, איז געווען הימל, עפּן זיך!

צווייטער פּראָלאָג

אין דער זילביקער פּאַרק־גאַס, אויף דער אַנדערער זייט, פּונקט אַנט־קעגן איבער דעם עקס־פּאַלקאָווניקס וווינונג, האָט אויפן דריטן שטאָק פאַר־נומען אַ דירה פון צוויי צימערלעך מיט אַ קיך שמואל משה ציגעלניק פון טאָמאַשאָוו. אין די מלחמה־יאָרן, בשעת די גירושים, איז ער מגולגל געוואָרן קיין קעניגסבערג, ווו ער האָט אַ פעטער. דאָ האָט ער זיך מיט זיין ווייבל דבורה און צוויי קינדער אָפּגעמוטשעט אַ פּאָר יאָר, גאָר נישקשהדיק אונ־טערגעהונגערט, ביז ער האָט זיך „אַרויפגעאַרבעט": ער האָט זיך אויס־געלערנט שחיטה, אַ גוט קולכל האָט ער תמיד געהאַט, און ער איז געוואָרן חזן־שוחט ביי די אָסט־יידן. פון גבירישקייט איז ער ווייט געווען, אָבער ער האָט געקענט בכבוד דורכלעבן. ער האָט אָנגעטאָן אַ קירצערן בגד, געטראָגן אַ ווייסן קראַגן, צוגעפוצט דאָס בערדל אַלאַ שניצלער און באַשטעלט אַ דייטשע צייטונג. און ער קען שוין טאַקע גוט דייטש, ס'הייסט — גוט... הינדענבורג און וואַסערמאַן קענען אַוודאי מער דייטש פון אים, נאָר פאַר טאָמאַשאָוו איז עס די והותר.

בסך הכל פאַרנעמט שמואל משה אַ בכבודן אָרט אין זיין בית־מדרש: לערנען האָט ער תמיד געקאָנט, דערצו קומט נאָך, וואָס ער איז געוואָרן אַ משכיל און איז בכלל אַן אָנגענעמער מענטש. אין דער היים לעבט ער

זיך מיט זיין דבורהן, ווי צוויי טייבעלעך, און די זויבער־אויפגערוימטע צימערלעך האָבן נאָך קיין מאָל קיין הויך וואָרט ניט געהערט.

אַצינד, אַז איר האָט זיך שוין באַקענט מיט די העלדן, קענען מיר אַריבערגיין צום ראָמאַן גופא.

ערשטער טייל:

די ערשטע באַגעגעניש

— האָלענדישע הערינג! האָלענדישע הערינג! אַכט שטיק פופציק פעניג!

— אַזוי האָט אַ גאַסן־הענדלער, אַרויסגעשריִען אין דער וועלט אַריין.

— דער קאַוויאַר (איקרע) מיט די אויסטערן האָבן מיר שוין דערעסן — האָט געזאָגט פאַן מייבאָך צו זיין פרוי — איך וואָלט געגעסן אויף אַן איבערבייט אַ מאָל אַ פשוט שטיקל הערינג.

אַזוי ווי דאָס דינסטמיידל איז גראָד ניט געווען, האָט לאָלאָ אַרויפגע־וואָרפן אויף זיך איר זיידענעם מאַנטל און איז אַראָפּ צום הערינג־הענדלער.

— ביליקע הערינג, דו הערסט? — האָט דבורה געזאָגט צו איר מאַן. איך וואָלט איינמאַרינירן פאַר 50 פעניג, וואָלט איך האָבן אויף אַ גאַנצע וואָך. כאַפּ זיך אַראָפּ, שמואל משה, איך גיי אַן שיך...

שמואל־משה איז אַראָפּ צום וועגעלע און דאָרטן האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, ציגעלניק און לאָלאָ פאַן מייבאָך. זייערע אומ־שולדיקע בליקן האָבן זיך געטראָפן, זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער... (דער הערינג־מאַן האָט ניט געהאַט אַרויסצוגעבן דער דאַמע רעשט פון צוויי מאַרק, האָט שמואל משה זיך אָנגעבאָטן אויסצובייטן) און גאָרנישט... יעדערער איז זיך אַוועק אַהיים.

צווייטער טייל:

אַ פייערל ברענט...

„אַ פייערל פון ליבע האָט זיך אָנגעצונדן ביי די ביידע העלדן און האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ גרויסן העלישן פייער..." — אַזוי איז דער לעזער זיך אַוודאי משער. הייבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס! וואָרים ראשית, וואָס פאַר א שייכות וואָלט דאָס געהאַט מיט חנוכה? והשנית, אַ

שפּאַנענדיקער ראָמאַן מוז זיך אַלע מאָל אויסלאָזן פּונקט קאַפּויער, ווי די לייענער זיינען זיך משער, אַ ניט — ווּ איז די געשפּאַנטקייט ?

קורץ און גוט : שמואל משהן און לאַלאַ איז זייער הערינג־באַגעגעניש אפילו אין דער לינקער פּיאַטע ניט געלעגן. זי איז אָבער געלעגן אין זינען לאַלאָס מאַן.

— וואָס האָסטו אַזוי געקוקט אויפן שוואַרצן יונגנמאַן אונטן ? — האָט פאַן מייבאַך איר געפרעגט.

— איך האָב גאָרניט געקוקט אויף אים.

— און וואָס האָסטו עפּעס געשמועסט מיט אים, האַ ?

— איך האָב מיט אים ניט געשמועסט, — האָט לאַלאַ געענטפערט שוין ברוגז — איך האָב אויסגעביטן צוויי מאַרק ביי אים. איך האָב אָבער גע־וווּסט, אַז דו היטסט מיך ביים פענצטער...

דער חשד וואָלט מסתמא, פּונקט ווי אַלע ענלעכע פאַרדעכטיקונגען, אויסגעוועבט און באַלד פאַרגעסן געוואָרן, ווען די מעשה וואָלט ניט געווען פאַסירט אַקוראַט ערב חנוכה. וואָרעם דעם נאָענטסטן אָוונט האָט שמואל משה געבענטשט דאָס ערשטע ליכטל, וועלכע ער האָט, ווי דער דין הייסט, אַרויסגעשטעלט אין פענצטער צו דער גאַס אַרויס...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פייערל דאָרטן אין פענצטער קעגנאיבער ? — האָט פאַן מייבאַך געפרעגט זיין פרוי מיט איינגעהאַלטענעם גרימצאָרן.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן ?

— פון וואַנען דו זאָלסט וויסן ? — דו ווייסט ניט ? — איך ווייס !... דו האָסט זיך אָפּגערעדט מיט דיין ליבהאָבער היינט ביי טאָג ! ער גיט דיר אַ צייכן... אַ פייערל אין פענצטער... דאָס וועט דיר אָבער ניט געלינגען. איך בלייב היינט אין דער היים, איך גיי ניט אין קלוב !

און ער האָט אַראָפּגעריסן פון זיך די הענטשקעס מיטן פוטער.

דריטער טייל:

דער פאַרדאַכט פאַרשטאַרקט זיך

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דאָס ליכטל ביי שמואל משהן אין פענצ־טער אויסגעגאַנגען, און דער צערודערטער פאַלקאָווניק האָט זיך אַ ביסל

באַרויִקט. לאָלאָ האָט זיך באַמיט אַרויסצוזוכן תירוצים פאַר דער האַנדלונג פון דעם פרעמדן טאַמאַשאַווער יונגנמאַן, צו דערקלערן אויף אַ כשרן אופן דאָס געהיימעניש־פולע פייערל אין פענצטער: „אפשר האָבן זיי דאָרטן — האָט זי געפרוווט קאָמבינירן — עפּעס געזוכט אונטערן קאָמאָד, אָדער גע־דאַרפט האָבן פייער צו טריפּוואַקס, האָבן זיי אָוועקגעשטעלט דאָס ליכטל אַ מאָמענט אויפן פענצטער־ברעט און פאַרגעסן צו פאַרלעשן?". אָט אַזוי האָט זי געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַר אַ טועכץ, וואָס איז זייער שווער צו דערקלערן; וואָרעם ווייניאַכטן איז אין יענעם יאָר אויסגעפאַלן ווייט ניט חנוכה־צייט (כאָטש אַן איינציק ליכטל איז סיווי שווער אַנצונעמען פאַר אַ „יאָלקע") און צו וואָס דאַרף מען טאָקע אַ פּיצינקן פלעמעלע אין אַ צימער, וואָס איז העל באַלויכטן מיט עלעקטרע?

בקיצור, הער פאַן מייבאַך האָט איינגעהאַמעוועט זיינע נערוון, און די נאַענטקייט פון זיין באַצויבערנדיקער לאָלאָ האָט אים ווידער גליקלעך געשטימט ביז —

מאָרגן אָוונט האָבן זיך אין זעלבן פענצטער באַוויזן צוויי „פאַררעטע־רישע" פלעמלעך, איבער מאָרגן אָוונט — דריי פייערלעך און נאָך אַן אָוונט שפּעטער — רק אין דער זעלבער צייט — פיר...

וואָס אַ טאָג ווייטער איז פאַן מייבאַך געוואָרן צאָרנדיקער, אויפגערעג־טער און דראָענדיקער:

— איצט וועסטו מיר שוין ניט פאַררײדן די ציין! — האָט ער געשריִען מיט אַ רציחה — אַ גאַנצע סיגנאַליזאַציע־סיסטעם האָט איר אויסגעאַרבעט... די פייערלעך פאַרמערן זיך... זיין ליבע וואַקסט, הייסט עס... ער רופט דיך... ער קען שוין מער ניט אויסהאַלטן... איך וועל אייך ווייזן... איך לאָז זיך ניט מאַכן צום נאַר...

די גאַנצע פיר טעג האָט ער געהיט זיין אוצר, איז פון שטוב ניט אַרויס קיין איין טריט, האָט געגריזשעט זיך און זי, ביז אויפן פינפטן טאָג האָט ער — —

אַזוי ווי דאָס איז אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן, האָקן מיר איבער אין רעכטן מיטן.

פערטער טייל:

די סערענאַדע

ווען אַ פרוי איז אייפערזיכטיק אָן אַ גרונט, איז נאָך קיין בייז ניט; פאַר איר פאַסט עס. ווער רעדט, אויב זי איז שיין, ווערט זי דורך דעם נאָך שענער. ווען זי צעפלאַמט און צערויטלט זיך און אירע אויגן שיסן מיט פונקען, ווערט זי נאָך אינטערעסאַנטער, אַנציִעוודיקער. אַן אייפערזיכטיקער מאַן אָבער איז אומדערטרעגלעך; ער איז לעסטיק, נעבעכדיק און לעכער־לעך. אַ שיינע פרוי, ווען זי ברענט פאַר אייפערזוכט, איז ווי אַ בונטע פלאַקערנדיקע „הבדלה״. אַ מאַן איז דערביי, ווי אַ רויכערדיקע האַלע־ווּעשקע. עס מאַכט אָן אַ רויך און אַ טשאַד, פון שטוב צו אַנטלויפן. (טאָמער איז דער משל ניט אַזוי גלייך, זאָלט איר קיין פאַראיבל ניט האָבן...)

בקיצור, לאָלאָן איז די פיר טעג נישט געווען מקנא צו זיין. וואָס זי האָט געטאָן און ווי זי האָט געהאַנדלט, איז עס פאַרן פאַרליבטן, אויפ־געררעגטן מאַן אַלץ געווען אַ סימן פון אומטרייקייט. איז זי געזעסן שטיל אין פאָטעל ביי אַ בוך אָדער ביי האַנטאַרבעט, האָט ער געבורטשעט:

— איך דערלעב שוין איבערהויפּט ניט צו הערן אַ וואָרט פון דיר...

איך וואָלט וועלן וויסן, אין וועלכע געדאַנקען דו ביסט דאָס אַזוי פאַרזונקען?

האָט זי אים געוואָלט צוליב טאָן און געזעצט זיך צום קלאַוויר, האָט ער געברוגזט זיך:

— מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט האָסטו ביז איצט נאָך קיין מאָל ניט מוזי־צירט... מ י י ן פערזאָן האָט דיך קיין מאָל אַזוי ניט אינספּירירט... — און דערביי האָט אים אַלץ געעגבערט אין מוח: די פייערלעך... די סיגנאַל־פייערלעך פון איר ליבהאָבער האָבן זי געמאַכט פאַר אַן אַנדער מענטשן...

לאָלאָ איז אויפגעשטאַנען פון קלאַוויר — דעם פערטן טאָג חנוכה, מעריב־צייט, איז דאָס געווען — האָט אָפּגעווישט די פאַרוויינטע אויגן און צוגעדריקט איר הייסן קאָפּ צו דער קאַלטער שויב. דער מאַן איז געזעסן ביים טיש פאַרטיפט כלומרשט אין זיין צייטונג און אָבסערווירט יעדע באַ־וועגונג אירע; עס איז שוין טונקל — האָט ער געטראַכט — באַלד קומט דער פייער־צייכן, און זי קוקט שוין אַרויס צום פענצטער...

לאַלאַ האָט געעפנט דעם פענצטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, און זיך מחיה געווען פון דער פרישער אַוונטלופט. אין דעם מאָמענט — — —

לאָמיר זיך אַריבערטראָגן אַ ווײַלינקע אין דער צווייטער זייט גאַס צו שמואל משהן אין וווינונג.

— דבורהל, קום אַריין הערן חנוכה־ליכט־בענטשן! — אַזוי האָט שמואל משה אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, זײַענדיק אין אַ געהויבענער שטימונג צוליב דעם, וואָס גראָד היינט, צו דער פינפטער ליכטל, האָט אים זײַן קול אין שול אַזוי גוט געדינט און פון דעם מחיהדיקן ריח פון געפּרעגלטע לאַטקעס, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון קיך. דבורהל האָט געלאָזט שטיין די סקאָוואָ־ראָדע און אַריין אין וווינצימער. ער האָט מיט תענוג געכאַפּט אַ קוק בגנבה אויף אירע צעפלאַמטע בעקלעך, האָט געמאַכט די הכנות און אָנגעצונדן די פינף ליכטלעך אויפן פענצטער. גראָד האָט דער אויוון געגומען רויכערן, האָט ער אָפּגערוקט אָן אַ זייט אַ ביסל די ליכטלעך, אויפגעפּראָלט דאָס פענצטער דורכצולופטערן און אַ „זאָג" געטאָן דעם „נרות הללו" — אַ באַ־רימטע קאָמפּאָזיציע פון לאַהישינער חזן עליו השלום.

האָט איר ווען געהערט דעם לאַהישינער חזנס „הנרות הללו"? ניין? — אַ שאָד! ס'איז אַ קונציקע שטיקל נגינה און דאָס גייט אַזוי אָן ערך:

— הנרות הללו, בים־באַם, (נאָך אַ טאָן העכער:) הנרות הללו, בים־באַם! הנרות ה־ללו, בים־בים־בים־באַם! אנו מדליקין... אאַז"וו ביז: וכל שמונת ימי חנוכה אלו הנרות ה־ללו, בים־באַם, (נאָך אַ טאָן העכער:) הנרות הללו, בים־באַם: הנרות ה־ללו. בים־בים־בים־באַם... קודש הם...

אָן נאָטן וועט איר ניט האָבן קיין השגה. וואָס פאַר אַ מוזיקאַלישע פּערל דאָס איז, און ווי שיין דאָס האָט געקלונגען, בשעת שמואל משהס שטימע, קלינגענדיקער ווי אַ פידל און זיסער ווי האָניק, האָט זיך צעגאָסן איבער דער גאַנצער גאַס דורכן אָפענעם פענצטער אַרויס.

אין דעם זעלבן מאָמענט אַלזאָ, ווען לאַלאַ האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער, האָבן זיך אָנטקעגנאַיבער באַוויזן די פאַררעטערישע פינף פלעמעלעך. דאָס פענצטער האָט זיך דאָרט געעפנט און עס האָט זיך

דערהערט די פאַרבענקטע „סערענאַדע", פון וועלכער מען האָט ביי פאַן מייבאַכן אין וווינונג אַרויסגעהערט נור די ווערטער:

— אַ, לאַלאַ! אַ לאַלאַ!...

פאַן מייבאַך איז אויפגעשפרונגען, ווי פון אַ שלאַנג געביסן, האָט גע־טרייסלט לאַלאַן פאַרן אַקסל:

— נו, וואָס וועסטו איצטער זאָגן? האָ? איך האָב געהערט: „אַ, לאַלאַ! אַ, לאַלאַ!" מיט דיר וועל איך שפּעטער ריידן... איך גיי ערשט פאָדערן אַ דערקלערונג פון אים... ער וועט שוין וויסן, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט דער ערע פון אַ העכערן אָפיצער...

ביי די ווערטער האָט ער אַריינגעשטעקט אין טאַש אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר, איבערלאָזנדיק לאַלאַן אַ צעטומלטע, אַ פאַרצווייפלטע.

פינפטער טייל:

פאַן מייבאַך לערנט יידישע געשיכטע

אַז שמואל משה האָט גראָד געענדיקט דעם קונציקן „הנרות הללו" און אַריבער צום „מעוז צור", האָט זיך דערהערט אַ קרעפּטיקער, אָפּגעריסענער קלאַפּ אין טיר, און איידער ער האָט באַוויזן צו רופן „אַריין!" האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער אַ צערייצטער מאַן מיט רציחהדיקע אויגן און אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער:

— מיין הער, ווייסט איר מיט וועמען איר האָט צו טאָן?... איך וויל אַ דערקלערונג... אַ דערקלערונג וויל איך!... — פאַר כעס האָט אים אויס־געפעלט אָטעם.

שמואל משה איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, ווי פאַרשטיינערט, מיט אַן אָפענעם מויל און מיט דער רעכטער האַנט, מיט וועלכער ער האָט צוגעקנאַקט צום טאַקט, אין דער לופטן, און דבורהל — זי האָט תיכף באַ־גריפן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גזלן, אַ רויבמערדער, האָט זי קודם כל פאַרבראָכן די הענט און אַ געשריי געטאָן:

— שמואל משה!... גיב אים אָפּ דאָס געלט!... אין שופלאָד ליגט עס... די 200 מאַרק... און מיין זייגערל... גאָט איז מיט דיר... דערלאַנג אים מיין

זייגערל... אפשר וועט ער אונדז לאָזן לעבן... — נאָך דעם האָט זי זיך מישב געווען און אַ פאַל געטאָן אין חלשות.

שמואל משה און פאַן מייבאַך זײַנען אַ מינוט געשטאַנען פאַרגליווערט איינער אַנטקעגן אַנדערן, ביז דער פאַלקאָווניק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס שטייט איר? ברענגט וואַסער! שנעלער. אָדער אָדע־קאָלאָן... די פרוי איז אָנמעכטיק געוואָרן.

דאָ ערשט האָט שמואל משה זיך אויסגעטשוכעט פון זײַן טאָפּלטער שרעק, איז געלאָפן און געבראַכט וואַסער און עסיק אַ פלעשל. דער פאַל־קאָווניק האָט די געחלשטע דערוויילע אַרויפגעלייגט אויף דער סאָפע, האָט זיך אַרום איר „מתעסק״ געווען, אײַנגעריבן די הענט און שלייפן, גע־שפּריצט מיט וואַסער, ביז זי האָט געעפנט די אויגן.

— באַרויִקט זיך, גנעדיקע פרוי! — האָט פאַן מייבאַך געפרווט זי באַרויִקן — עס וועט אײַך גאָרניט פּאַסירן. איך וויל נאָר מיטן הער עטוואָס באַשפּרעכן — און ער האָט זײַן רעוואָלוער פון טיש הינטן אַרום פאַר־שטעקט אין קעשענע, און דערבײַ האָט ער געפילט ווי די יסודות פון זײַן „זיכערער״ באַשולדיקונג נעמען זיך וואַקלען. דעם ליבהאָבערס בערדל, זײַן יאַרמולקע און זײַנע באַזאָרגטע, פאַרליבטע בליקן צו זײַן אשה צנועה דבורהלען האָבן זיך גאָרניט אַרײַנגעפּאַסט אין פאַן מייבאַכס קאָנצעפּציע.

עס האָט גענומען אַ היפּשע ווײַלע, ביז שמואל משה האָט באַגריפן, וואָס יענער וויל פון אים, און ביז ער האָט אים מסביר געווען, אַז „הנרות הללו״ איז ניט קיין ווײַבל, נייערט אַ העברעיִשע תפילה, און אַז עס איז אַ דין אין שולחן־ערוך חנוכה אָנצוצינדן ליכטלעך. און אַז דער פאַלקאָווניק איז פון זײַן טאַמאַשאָווער דײַטש ניט אין גאַנצן קלוג געוואָרן, וואָס פאַר אַ שייכות אַנטיוכוס הרשע האָט מיט די פײַערלעך אין פענצטער, איז שמואל משה געפאַלן אויף אַ המצאה און אויפגעמישט אים אין גרעצס יידישער גע־שיכטע (אויף דײַטש) די אַנטשפּרעכנדיקע שטעלע, און דער דײַטש האָט זיך אָנגעגורט די לענדן און דורכגעשטודירט די געשיכטע פון די חשמונאים ביז דער שטעלע ווו עס הייסט: „אַכט טעג האָט געדויערט דער יום־טוב... דאָס גאַנצע פאָלק האָט אָנגעצונדן העלע לעמפּלעך... און פון דאַן אָן ווערן

אין הויז ישראל די טעג געפייערט אַלס „איינוויווּנגס־פייער" (חנוכה) דורך אָנצינדן ליכטלעך"...

הער פאַן מייבאַך, שוין אין גאַנצן אַ באַרוזקטער, האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך בעט אַנטשולדיקן!

און ער האָט אַרויסגעאיילט, צו פאַלן זיין לאַלאַן אויפן האַלדז און בעטן מחילה.

עפילאָג

אויף מאָרגן האָט פאַן מייבאַך אין בעסטן פוטער־געשעפט פון קעניגסבערג אויסגעזוכט צוויי פראַכטפולע דאַמען־פוטערס און האָט געהייסן אָפּשיקן איינעם צו זיך אַהיים, און דעם אַנדערן אויפן אַדרעס פון שמואל משה ציגעלניק. צום ערשטן האָט ער בייגעלייגט אַ בריוועלע:

„מיין טייערער אוצר!

אומענדלעך איז מיין ליבע צו דיר און אומענדלעך מיין חרטה, וואָס איך האָב דיך אַזוי מצער געווען. פאַרצייַ מיר!"

און צום צווייטן מאַנטל אַ בריוועלע:

„זייער געערטע פרוי ציגעלניק!

דורך אַ פיינלעכער מיספאַרשטענדעניש האָב איך אייך פאַרשאַפט יסורים. איך באַדויער עס זייער און וואָלט זיך זייער פרייען, אויב איר וואָלט באַוויליקן אָנצונעמען דעם בייגעלייגטן געשענק צום צייכן, אַז איר האָט מיר מוחל געווען.

מיט אויסגעצייכנטער הויכאַכטונג

אָטאָ פאַן מייבאַך".

— — — — — — — — — — — — —

דבורהל האָט „באַוויליקט" דעם פוטער אָנצונעמען...

סוף גוט — אַלץ גוט

(אַ מעשה בקיצור)

מיין פינאַנסיעלער מצב איז געווען, לא עליכם, זייער אַ טרויעריקער, ערגער נאָך, ווי דער מצב פון אַ שטאַט־פאַרוואַלטונג, ווייל איך האָב געהאַט חובות, אָבער קיין מעגלעכקייט אַ הלוואה צו קריגן.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט, ווי אַ מבולבלער. נאָר ווי זאָגן די חכמים אונזערע ? — „אַל תתיאש מן הפורעניות !" — מען מוז האָבן בטחון; אָבער וואָס טוט מען פאַרט ?

אַלע מאָל, ווען עס ווערט מיר ענג אין מוח, טו איך זיך אַ נעם צו די מודעות פון מיין צייטונג. דאָרט געפינט מען דאָך באמת פון כל טוב. און אָט וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַזאַ מין מעלדונג :

— אַ שוואַרצער הונט, מיטן
נאָמען „לאַורא" — אַנטלאָפן.
דעם געפינער — 100 ליט באַלוינונג.

איך האָב באַלד אָנגענומען דעם משוגענעם באַשלוס, זיך אַוועקצולאָזן זוכן דעם הונט.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און געפייפט און גערופן, אַלץ איבערחזרנדיק :

„פיו !... לאַורא !... פיו !... לאַורא !..." — און דערביי האָט די הונדערט־ליטיקע אַסיגנאַציע געשוועבט מיר פאַר די אויגן ; ביז... אַ הייסער פּאַטש האָט מיר אויפגעוועקט פון מיין חלום. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן, פרייכנדיק פון כעס, און אָנווייזנדיק אויף אַ בילדשיינער בלאָנדינקע, וואָס איז נעבן אים געשטאַנען, האָט ער געשריִען :

— ווי האָט איר דאָס אַ העזה אַזוי צו באַנעמען זיך מיט מיין לאַורא ? !

די סיטואַציע איז געווען צו פיל קאָמיש. איך האָב אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער. אַ קורצע דערקלערונג; לאַנגע אַנטשולדיקונגען פון פּאַטער און טאָכטער. צום צייכן פון מחילה האָב איך געמוזט ענדלעך אָננעמען אַן איינלאַדונג. דער דאָזיקער באַזוך איז ניט געבליבן דער איינציקער.

צוויי וואָכן שפּעטער איז מיין פריינדשאַפט מיט לאָוראַן אַזוי ווייט גע־גאַנגען, אַז זי האָט זיך אַנטשלאָסן איר פּאַטערס פּאַטש דורך אַ קוש צו פאַרגיטיקן...

דאָס איז געווען אין יאָר 1925. איך האָב געפרעגט ביי איר, אויב זי וואָלט חשק האָבן, אין יאָר 1975 אונדזער גאָלדענע חתונה צו פייערן? זי האָט געזאָגט: „יאָ".

אָט דעם „יאָ" האָט זי אין דריי חדשים אַרום איבערגעחזרט אין מעט־ריקאַציע־פּונקט.

שאול איז אַרויסגעגאַנגען זוכן אייזעלינען און האָט געפונען אַ קעניג־רייך — איך בין אַרויס זוכן אַ הונט, און האָב געפונען אַ קעניגין.

✡

מיניאַטורן

די הומאָריסטן, ווי די שריפטשטעלער בכלל, זינדיקן אָפט אַנטקעגן די לעזער און אַנטקעגן דער ליטעראַטור גופא דורך אַריכות. אַ מעשהלע, אַ נאָוועלע, וואָס קען געגעבן ווערן אין אַ פּאָר צענדליק שורות, ווערט אָפט צעצויגן און פאַרוואָסערט, כדי עס זאָל פאַרנעמען מערער אָרט. עס איז קלאָר, אַז געוויינענדיק אויף אַזאַ אופן אין כמות, פאַרלירט עס אין איכות, און דער לעזער פאַרלירט צייט און ענערגיע.

אַלעמען איז באַקאַנט די פאַראָרדענונג, אַז אַ שאָפער איז מחויב צו פירן זיין פּאַסאַזשיר צום ציל מיטן ק י ר צ ס ט ן וועג, און ניט דרייען זיך מיט אים דורך אומוועגן און הינטערגעסלעך, כדי דער זייגער זאָל אָנציילן מער; אַן ענלעכע פאַראָרדענונג, — אַז דער שרייבער איז מחויב צו פירן זיין לייענער צום ציל מיטן קירצסטן וועג — לאָזט זיך ליידער (אָדער אַלס נוגע בדבר וועל איך זאָגן ריכטיקער: צום גליק) ניט דורכפירן. און דער־פאַר איז עס כמעט אַ זעלטענקייט און אַ באַזונדער נחת־רוח, צו באַגעגענען קורצע שאַפונגען, ווו דער מחבר מיידט אויס יעדע איבערפליסיקע אַריכות און באַנוצט אָפטמאָל אַ טעלעגראַפישן סטיל. אַזאַ סטיל איז באַזונדערס געוווּנטשן אין דער הומאָריסטיק, ווו, ווי דער דייטש זאָגט, „די קירצע איז די ווירצע״.

איך וויל דאָ ברענגען אין יידישער (צום טייל פרייער) איבערזעצונג אַ פּאָר מוסטערן פון אַזוינע הומאָרעסקעס. די ערשטע צוויי שטאַמען פון דער פעדער פון דייטשן הומאָריסט ה אַ נ ס ר י ב אַ ו, די דריטע — פון באַקאַנטן אַ ו ו ע ר ט ש ע נ ק אָ.

ניט־פאַרצאָלטע מאַנופאַקטור

הער באַדעקע, תבואה־סוחר אַנגראָ, איז געזעסן אין זיין פּריוואַט־

קאַנטאָר און געריכערט אַ ציגאַר. אַנטקעגן אים איז געזעסן פּים, זיין פּראַקוריסט.

„פּאַרוואָס גייט ער ניט" ? — האָט פּים געטראַכט. ס'איז שוין געווען זיבן אַ זייגער, און דער פּערסאָנאַל האָט שוין געהאַט פאַרלאָזן די קאַנטאָר.

אָבער באַדעקע האָט שוויגנדיק געריכערט און געוואַרט.

אַ קלונג אין טיר. דער פּראַקוריסט איז אויפגעשטאַנען און געעפנט. צוויי מענער אין גרינע אוניפאָרם זיינען געשטאַנען פאַר אים: צאָלבאַאַמטע. „מיר מוזן אונטערזוכן אייער תבואה-לאַגער" — האָבן זיי געזאָגט.

— נו־נו! — האָט זיך דער פּראַקוריסט געוווּנדערט — וואָס פאַר אַ מעשה?

— עס איז אָנגעקומען אַן אַנאָנימע מעלדונג, אַז איר האָט ביי אייך אין תבואה-לאַגער באַהאַלטן אַריינגעשמוגלטע מאַנופאַקטור־סחורה אַן בלאָמ־בעס.

— כאַ־כאַ! האָט דער פּראַקוריסט געלאַכט — מיר האַנדלען מיט תבואה, און ניט מיט מאַנופאַקטור.

— ביטע זייער! — האָט געזאָגט הער באַדעקע, צוגייענדיק נענטער, און ער האָט אַריינגעפירט די באַאַמטע אין דערביייִקן גרויסן תבואה־שפּייכלער. יענע האָבן דערזען די געוואָלדיקע קופּעס וייץ אויפן דיל און געמאַכט אַ זויערע מינע: זאָלבענאַנד וועלן זיי דאָ גאָרניט אויפטאָן. זיי האָבן אָנגעטעלעפאָנירט אין צאָלאַמט און אין צען מינוט אַרום זיינען אָנגע־קומען נאָך פיר „גרינע רעק". אַלע זעקס האָבן זיי געשופלט און געגראָבן זיך אין די בערג וייץ. באַדעקע און פּים זיינען געשטאַנען און צוגעקוקט.

— ווער האָט דאָס געקענט אָנגעבן אַזאַ אומגעלומפּערטע מסירה? — האָט דער פּראַקוריסט געפרעגט.

— איך! — האָט ה' באַדעקע שטיל געזאָגט. פּים האָט אויפגעריסן די אויגן: — איר??!

באַדעקע האָט געשוויגן. פּים האָט געשוויגן. די באַאַמטע האָבן געשופלט און געזוכט גרינטלעך, דורך און דורך.

— קיין מאַנופאַקטור ניט געפונען — האָבן זיי ענדלעך געזאָגט, זיך אַפּווישנדיק דעם שוייס — נאָר אַ פּאַרטמאַנע.

— דאָס איז מיינער — האָט ה׳ באַדעקע געשמייכלט — איך האָב אים נעכטן דאָ פאַרלאָרן. — ער האָט צוגענומען דעם געשוואָלענעם טייסטער, האָט באַדאַנקט און געגעבן יעדן באַאַמטן אַ ציגאַר. די באַאַמטע האָבן זיך אַנטשולדיקט און אַוועק.

— זעט איר — האָט געזאָגט דער שעף צום פּראָקוריסט — ווי מען שפּאַרט געלט: זעקס ציגאַרן קאָסטן זעכציק פּעניג. וויפיל אָבער וואָלטן מיר מוזן באַצאָלן, ווען מיר וואָלטן געדאַרפט אַרויסזוכן דעם פאַרלאָרענעם טייסטער דורך אונדזערע אַרבעטער ?.

אָפענע טירן

שנאַפּ איז אַ ווילער בחור, נאָר אַ מיאוסע טבע האָט ער: ווו ער זאָל ניט קומען און ווען ער זאָל ניט קומען — תמיד לאָזט ער אָפן די טירן, „באַסטעזש״ אָפן.

— הער זיך איין — האָב איך אים אַנוסטן געזאָגט — דו ביסט דאָך גאָרניט אַזאַ צעוואָרפענער. פאַר וואָס מאַכסטו קיין מאָל ניט צו די טיר ?

— יאָ, — זאָגט ער — ס׳איז אַ רגילות אַזאַ. אָבער ס׳איז גאָרניט אַזאַ שלעכטע רגילות.

— ניט קיין שלעכטע ?... עפּעס רעדסטו מיר תרגום־לשון...

— איך קען דאָס דיר אַזוי ניט דערקלערן — האָט שנאַפּ געשמייכלט — אָבער קום מיט מיט מיר. איך וויל גראָד גיין באַזוכן אַ פּאָר קונדן. שנאַפּ איז געווען פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע פּאַטענטירטע אַפּאַראַטן.

איך בין מיט אים געגאַנגען. שנאַפּ איז צו ערשט אַוועק צו ברעזעלמאַן און קאָמפּ. און געלאָזט זיך אָנמעלדן ביים אַלטן ברעזעלמאַן. ער האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס זיין חבר און געפרעגט, צי איז ניטאָ פאַר אים אַ באַשטעלונג.

— ניין !... — האָט געזאָגט דער אַלטער ברעזעלמאַן.

שנאַפּ האָט מיך אַרויסגעשטופּט פאָרויס און אַליין געלאָזן אָפן די טיר פון פּריוואַט־ביוראָ, געלאָזן אָפן די טיר פון וואַרטצימער, געלאָזן אָפן די גרויסע קאָנטאָרטיר...

— וואָס איז דאָס ? — האָב איך געפרעגט.

— איין רגעלע! — האָט ער געזאָגט. דאַן האָבן מיר געזען, ווי אַן אַנגעשטעלטער האָט פאַרמאַכט די דריי טירן.

— אַט אַזוי! — האָט שנאַפּ געזאָגט — איצט גייען מיר אַריין נאָך אַ מאָל. — און מיר זיינען נאָך אַ מאָל אַריין צום אַלטן ברעזולמאַן. יענער האָט רוגזהדיק אַ בליאַסק געטאָן אויף אונדז מיט זיינע ברילן־גלעזער.

— יאָ, — האָט שנאַפּ צוקערדיק געשמייכלט — איך האָב פאַרגעסן אייך אָפּצוגעבן אַ גרוס פון ה׳ האָקמעסער. איך האָב אים געטראָפן אין גאַס.

— אַ דאַנק — האָט ברעזולמאַן אַ בורטשע געטאָן. און מיר זיינען אַרויס. געלאָזן אָפן די טיר פון פּריוואַט־ביוראָ, געלאָזן אָפן די טיר פון וואַרטצימער, געלאָזן אָפן די גרויסע קאַנטאָרטיר.

ברעזולמאַן איז אַרויסגעלאָפן, רויט ווי אַ בוריק — זייט איר משוגע געוואָרן! פאַר וואָס מאַכט איר די טירן ניט צו?!

שנאַפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווייך געזאָגט: — זעט איר, אַט אַזוי האָט איר אָפט פאַרדרוס פון יענעמס שלעכטע געוווינהייטן. די אַרבעט ליידט, דער פּערסאָנאַל פאַרלירט צייט. איך וועל אייך געבן אַן עצה ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער צרה פון ניט־צוגעמאַכטע טירן לעולם ועד: קויפט ביי מיר, — ער האָט אַרויסגענומען פון פאַרטפעל אַ בלאַנקעדיקן אַפּאַראַטל — קויפט ביי מיר דעם פּאַטענטירטן אויטאָמאַטישן טיר־צומאַכער „פּעליציטאַס״.

וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן? אַז מיר זיינען אין אָוונט געגאַנגען אַהיים האָט שנאַפּ געהאַט אָפּגעזעצט 45 אויטאָמאַטישע טיר־צומאַכער.

— פון דעסטוועגן, — האָב איך אים געזאָגט ביים געזעגענען זיך — וואָלסטו דאָך געקענט אין פּריוואַט לעבן, ביי דיינע באַקאַנטע, צומאַכן די טיר, אַז דו גייסט אַרויס. איז דיר לחלוטין אוממעגלעך זיך אָפּצוגעוווינען דערפון?

— ליבער פריינד! — האָט שנאַפּ געזאָגט — איך וועל דיר געבן אַן עצה, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער צרה פון ניט־צוגעמאַכטע טירן לעולם ועד: קויף ביי מיר...

און איך האָב ביי אים אָפּגעקויפט דעם זעקס און פערציקטן טיר־צומאַכער „פּעליציטאַס״.

אַ בריוו פון אַ צאַרטער דאַמען־האַנט

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך באַקומען אַ בריוועלע, געשריבן פון אַ צאַרטער פרויען־האַנט:

זייער פאַרערטער הער!

עס שרייבט צו אייך אַ פרוי, וועלכע איר קענט ניט, וועלכע איז אָבער פאַרליבט אין אייך ביז משוגעת. וואָס האָט איר געמאַכט פון מיר ?!... — איך בין יונג, מען זאָגט — שיין און פיקאַנט, איך האָב אַן אַ שיעור פאַר־ערער, אָבער קיין מאַן אינטערעסירט מיך מער ניט זינט איך האָב אייך געזען. איך וויל אייך טרעפן און באַקענען זיך מיט אייך. מאָרגן צווישן אַכט און ניין אין אָוונט בין איך אין רעסטאָראַן „די ווייסע רויז" און האָף אייך דאָרט צו טרעפן. ווי אַ סימן ביטע צו באַשטעלן אַ פלאַש שאַמפּאַניער, מאַרקע „מום". איך זעץ זיך דאַן צו צו אייך, מיר טרינקען צוזאַמען דעם שאַמפּאַניער און פאַרברענגען אַן אָנגענעמען געמיטלעכן אָוונט.

איך פריי זיך געוואַלדיק אין דערוואַרטונג פון אונדזער צוזאַמענטרעף. עס גריסט אייך זייער פריינדלעך

אייער י אָ ה אַ נ אַ"

איך האָב עטלעכע מאָל דורכגעלייענט דעם בריוו און באַשלאָסן אָוועק־צוגיין אין רעסטאָראַן „די ווייסע רויז". איך האָב אָנגעטאָן מיין נייעם סמאָקינג, געקויפט אַ בוקעט רויזן און אַכט אַזייגער בין איך שוין געווען אין רעסטאָראַן. איך האָב באַשטעלט אַ פלאַש „מום" און געוואַרט.

עס איז געוואָרן ניין, ס'איז געוואָרן צען אַזייגער — יאָהאַנאַ איז ניטאָ. איך האָב געוואַרט נאָך אַ שעה, האָב פאַר כעס אויסגעטרונקען דעם שאַמ־פּאַניער, באַצאָלט דעם רעכענונג און אָוועק פאַרדראָסיק אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט דאָס בריוול „פון אַ צאַרטער דאַמען־האַנט" איז געווען אַן אידייע פון רעסטאָראַן־באַזיצער: יעדן טאָג האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט אייניקע טוץ בריוולעך אַזוינע צו יונגעלייט, און תמיד האָבן זיך געפונען עטלעכע טפשים, וואָס זיינען אַריינ־געפאַלן אויף דעם שווינדל. אויף אַזאַ אופן פלעגט ער פאַרנאַרן די גאָלדענע

יוגנט אין זיין רעסטאָראַן און טעגלעך אָפּלייזן פּאָר עטלעכע פלאַשן שאַמ־פּאַניער מאַרקע „מום״.

און דערביי האָט מען אויף אים גאָר קיין פּאַראיבל ניט געקענט האָבן, וואָרעם מען האָט דאָך אַ פּאָר שעה געלעבט מיט דער פריידיקער האָפענונג, און נאָכער דערטרונקען דעם גרימצאָרן אין וויין.

באַזונדערס קען מען יונגע רעסטאָראַטאָרס רעקאָמענדירן אָט די מעטאָדע.

✸

די געבראַכטע הומאָרעסקעס זיינען נאָך אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זיי זיינען ניט סתם וויציקע מעשׂהלעך, נאָר טאַקע גוטע איינפאַלן, וואָס מ קען זיי אַ מאָל אָנווענדן אין דער פּראַקטיק. אַווערטשענקאָס אידייע האָט טאַקע ערשט ניט לאַנג אויסגענוצט (ווי דער עולם געדענקט נאָך מסתמא) אַ ווינער אימפּרעסאַריאָ אין אַן עטוואָס פאַרענדערטן נוסח: זיין פרוי האָט געדאַרפט געבן אַ קאָנצערט אין בערלין. ווילנדיק האָבן אַ פולן טעאַטער, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ מודעה, אַז אַ יונגע אלמנה פון אַ רייכן פאַברי־קאַנט זוכט אַ שידוך. די עטלעכע הונדערט חתנים, וועלכע האָבן זיך גע־מעלדעט אַלס קאַנדידאַטן אויף דער אלמנהס האַרץ און דעם פאַבריקאַנטס ירושה, האָט ער צוגעשיקט בריוולעך, אַז זיי קענען זיך טרעפן מיט זייער קינפטיקן „גליק״ אין טעאַטער ביים קאָנצערט פון זיין פרוי. בערלין האָט בשעתו געקאָכט מיט דעם וויץ, וועלכער האָט טאַקע צוזאַמענגעשלעפּט אַ פולן זאַל עלעגאַנטע יונגעלייט.

ווי איר זעט, קענען אפילו הומאָריסטן אויך פאַררעכנט ווערן פאַר שטיקלעך מענטשן: מיט זייערע אידייען קען מען פאַרדינען געלט...

גערווילטער הומאָר

(באַארבעט און פאַריידישט)

1

ווי אַזוי איז אַנטדעקט געוואָרן אַמעריקע

ויהי היום — מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק איז דאָס געווען — גייט זיך אַזוי קאָלומבוס מיטן טלית אונטערן פאַכווע פון שבתדיקן דאַווענען (וואָרעם קאָלומבוס איז דאָך, כידוע, געווען פון אחינו בני ישראל). גייט ער זיך אַזוי און ברומט אונטער אַ שטיקל „זמירות", ערשט דער שפּאַנישער מלך קלאַפּט אים אין פענצטער:

— אַ גוט שבת אײַך, פּאַניע קאָלומבוס!

— גוט שבת, גוט יאָר!

— וואָס הערט זיך עפּעס נייס?

— גאָרנישט.

— זאָגט מיר אָקאָרשט — רופט זיך אָן דער מלך — אפשר וואָלט איר געווען אַ בעלן, זיך אַריבערכאַפּן און אַנטדעקן אַמעריקע?

— אַמעריקע אַנטדעקן? — מאַכט קאָלומבוס — מהיכא תיתי! פאַר וואָס ניט? ביי מיר איז דאָס פון די קליינע זאַכן. הייס אָנגרייטן אַ פּאָר שיפן מיט מאַטראַסן, און גלייך נאָך הבדלה וועלן מיר זיך אַריינזעצן און דורכפאָרן זיך אַהין. אָבער איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: צוליב דיר און צוליב דיין ווייב די כלבטע, וואָס איר יאָגט און פּלאָגט אונדז, וואָלט איך דאָס ניט געטאָן, אַ מכה וואָלט איך אײַך אַנטדעקט, ניט קיין אַמעריקע! אָבער איך ווייס דאָך, אַז אונדזערע יידעלעך אין ליטע און פּוילן און אַנדערשוווּ וועלן נעבעך זיין גרויסע נצרכים, און אַלע חברות וועלן האָבן גרויסע דעפיציטן, און די פּאָר דאָלער, וואָס וועלן פון דאָרט אָנקומען, וועט זיי שטאַרק צוניץ קומען — פון זייערטוועגן נעם איך אָן די שליחות.

און אַזוי איז דאָס געבליבן: גלייך נאָך מעריב האָט קאָלומבוס איינגעפּאַקט זיין טלית און תפילין און רמס קרבן־מנחה־סדור מיט תהלים און „מעמדות״, זיין ווייב קאָלומבוסיכע האָט אים מיטגעגעבן צוויי פּאָר וועש און עטלעכע אייער־קיכלעך, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון קידוש, און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

מען פאָרט און מען פאָרט, מ׳שווימט און שווימט — ניטאָ קיין אַמעריקע! זיינען די מאַטראָסן אַריינגעלאָפן מלא רציחה צו קאָלומבוסן און געוואָלט אים הרגענען. האָט קאָלומבוס צו זיי אַזוי געזאָגט:

— וואָס פאַרשטייט איר, פויערשע קעפּ, פון אַזוינע זאַכן? איך וועל אייך בעסער פרעגן אַ רעטעניש: זאָגט מיר, ווי שטעלט מען אַוועק אַן איי? — קיינער האָט ניט געוווּסט. — אַט וועל איך אייך ווייזן — האָט ער געזאָגט. און ער האָט אָנגעקלאַפּט דעם שפּיץ פון איי, און זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט. האָבן אַלע געזען זיין גרויסע חכמה, האָבן זיי אים געבעטן מחילה און האָבן שוין מער ניט געבורטשעט.

איז מען געפאָרן און געפאָרן, געשווּומען און געשווּומען, ביז מ׳איז געקומען צו אַ ברעג. האָט קאָלומבוס געהייסן פאַראַנקערן די שיף און איז אַראָפּ אויף דער יבשה, ווו עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן שוואַרצע מענטשן. האָט ער זיי אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם און געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, זייט איר דאָס די נעגערס?

— יאָ — האָבן זיי געענטפערט — מיר זיינען די נעגערס.

— און אָט דאָס שטיקל לאַנד איז דאָס אַמעריקע?

— יאָ, דאָס איז אַמעריקע, — האָבן זיי געזאָגט — און איר זייט דאָס אַוודאי דער קאָלומבוס?

— יאָ, איך בין דער קאָלומבוס.

2
עכטע קריטיק

צום ערשטן מאָל, צייט מיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט, האָב איך געפּרוּווט מיין כוח אויפן דראַמאַטורגישן געביט און אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע טראַגעדיע: „פּוטיפרעס טיראַנישער שמייכל״. עס פאַרשטייט זיך, אַז

איך בין געווען שרעקלעך געשפּאַנט צו וויסן, וואָס די קריטיק וועט אויף דעם זאָגן. איך האָב דעם מאַנוסקריפּט געגעבן צו לעזן מיין פריינד דעם פעליעטאָניסט, וועלכן מען האַלט פאַר אַ גרויסן מבין אויף ליטעראַטור. עס זיינען אַוועק וואָכן און חדשים, און איך האָב פון אים ניט געקענט אַרויסקריגן ניט קיין מיינונג, ניט דאָס העפט. ערב פסח צו בדיקת־חמץ האָט ער מיין טראַגעדיע געפונען אונטערן קאָמאָד און האָט עס מיר ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט אָפּגעגעבן:

— איך האָב אייער שאַפונג מיט גרויס אינטערעס געלייענט, און איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז ס'איז ניט פיל ווערט. צו פיל איינצלהייטן ברענגט איר, צו פיל היסטאָרישע דאַטן, עס איז לאַנגווייליק, און אויסער דעם זיינען צו פיל פּערזאָנען אין אייער שטיק.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָב איך אָפּגענומען פון אים מיין ווערק און מיט ציטערדיקע הענט עס געגעבן דעם טעאַטער־קריטיקער. אויף דראַמאַטישע ווערק — האָב איך זיך געטרייסט — איז דער פעליעטאָניסט דאָך ניט קאָמפּעטענט.

דער קריטיקער האָט מיך מיט אומצוטרוי אָנגעקוקט דורך די ברילן, האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן וועגן קאָנסטרוקטיוויסטישע רוים־אויסנוצונג, צוזאַמענגעדרייט מיין מאַנוסקריפּט ווי אַ טרייבל און אַוועק אָן אַ „זיי געזונט". אויף מאָרגן האָט ער מיר מיט אַ שטרענגער מינע דערלאַנגט דאָס העפט:

— ניין, מיין פריינד! היסטאָרישע דראַמען שרייבן איז ניט פאַר אייך. אין אַזאַ דראַמע מוזן זיין מער איינצלהייטן, מער היסטאָרישע דאַטן. ביי אייך איז אַלץ אַלגעמיין, אומדייטלעך, פאַרשוווּמען. און אויסער דעם זיינען ביי אייך צו ווייניק פּערזאָנען. אַ היסטאָרישע טראַגעדיע מיט ווייניקער ווי 22 העלדן איז ניט ווערט אַ שמעק טאַבאַק. אַדיע!

איך בין געבליבן שטיין אַן אָפּגעשמיסענער מיטן ביכל אין דער האַנט, און כדי די פאַרבייגייער זאָלן ניט באַמערקן מיין פאַרלעגנהייט, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם דערבייִיקן קאַפע. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך צו מיין טיש צוגעזעצט דער רעזשיסאָר פון יידישן טעאַטער און באַלד אָנגעהויבן קלאָגן זיך אויף אונזער אָרעמען צרהדיקן רעפּערטואַר.

— ניט לאַנג האָב איך אָנגעשריבן אַ היסטאָרישע טראַגעדיע, — האָב איך אומזיכער דערציילט — אפשר וואָלט זיך דאָס פּאַסן פאַר אייער טעאַטער?

— ווי הייסט דאָס שטיק?

— „פּוטיפרעס טיראַנישער שמייכל".

— דער נאָמען איז ניט שלעכט. מ'קען אַ קוק טאָן. — ער האָט ביי מיר גענומען דאָס שטיק און צוגעזאָגט באַלד געבן אַ תשובה. עס איז אַוועק אַ חודש, און צוויי, און פינף, — פּוטיפרע מיטן שמייכל זיינען ווי אין דער ערד אַריין!

איין מאָל דערהער איך אויפן גאַס אַ טומל, אַ געשריי: „עס ברענט!" — ווו ברענט? — „אין יידישן טעאַטער!" ביז איך בין געקומען אַהין, איז די שׂריפה שוין געווען איינגעלאָשן, און אויפן הויף, אין דער קופּע בעבע־כעס, וואָס מ'האָט אַרויסגעוואָרפן בעתן ראַטעווען, צווישן אַחשורושס פּאַפּירענער קרוין און דעם בלעכענעם בעכער פון „מכירת יוסף", איז זיך געלעגן ווי אַ פריצטע מיין „פּוטיפרע", ווי ניט איר מיינט מען דאָס. דער־ווייל האָט זיך אונטערגעדרייט דער רעזשיסאָר:

— אַך — זאָגט ער — אייער דראַמע האָט איר דאָ געפינען... יאָ, איך האָב זיך אַלץ געקליבן אַריינגיין צו אייך מכוח דעם... אַלזאָ: די דראַמע טויג ניט: אייערע העלדן ר י י ד ן צו פיל און זיי טוען גאָרניט. האַנדלונג מוז זיין! ס'איז ביי אייך גאָר קיין האַנדלונג ניטאָ, איר פאַרשטייט?

וואָס טוט מען ווייטער מיט מיין ווערק? אַליין אַריינוואָרפן עס אין פייער האָב איך קיין האַרץ ניט געהאַט, האָב איך באַשלאָסן עס איבערגעבן דעם רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג: זאָל עס כאָטש קומען צו „קבר ישׂראל" אין אַ יידישן פּאַפּיר־קאָרב...

— איך האָב... אָנגעשריבן אַ טראַגעדיע — האָב איך ביים רעדאַקטאָר געשטאַמלט מיט הכנעה — אפשר וואָלט איר... אין אייער ליטעראַרישער ביילאַגע...

— איר קענט עס לאָזן, — האָט ער מיך בייז אָפּגעהאַקט, — נאָך אַ תשובה דאַרפט איר ניט קומען, איר וועט קריגן דורך פּאָסט.

איר האָט געקראָגן אַ תשובה? אַזוי האָב איך געקראָגן. עס זיינען אַוועק

אַנדערהאַלבן יאָר, און איך האָב שוין לאַנג געהאַט דערין פאַרגעסן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט צו מיר אַריין שמואל חיים, מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט אַ שוואַכקייט צו שרייבן שירים און זיי שיקן אין אַלע יידישע רעדאַקציעס, און דערלאַנגט מיר מיין „פּוטיפרע".

— טפו!... זאָג איך — ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן! גאָרניט פּטור צו ווערן פון דעם שלאַק... פּונקט ווי יענע אַדעסער וויבל, די חצופה, וועלכע מען האָט באַגראָבן, און די ערד האָט זי ניט גענומען! — ווי קומט, שמואל חיים, צו דיר מיין פּיעסע?

'— וויסטו... דער רעדאַקטאָר האָט מיר צוריקגעשיקט אַ פּעקל שירים מיינע, האָט ער על־פּי טעות, ווייזט אויס, אויך אַריינגעפּאַקט דיין פּיעסע.

איך טו אַ קוק אויפן שער־בלעטל — אַ באַמערקונג מיט רויטע טינט: „אייערע העלדן זיינען משמעות שטומע: זיי ריידן גאָרניט, נאָר זיי האַנדלען. ווי קען מען אין א י י ן טעאַטער־שטיק אַריינשטופּן אַזוי פיל האַנדלונג? צי מיינט איר, אַז ווי באַלד דאָס שטיק שפּילט מען אין פּרעהס צייטן, מוזן די פּערזאָנען אָפּטאָן עבודת־פּרך"? אונטערגעשריבן: דער רעדאַקטאָר.

— מיינע שונאים זאָלן שוין שרייבן פּיעסן! — האָב איך געזאָגט — און דערלאַנגט „פּוטיפרע'ן" אַ שמיץ אונטערן בעט מיט אַזאַ רציחה, אַז איך האָב שיער־ניט אָוועקגעהרגעט די קאַץ, וואָס איז דאָרטן געזעסן.

אויף מאָרגן מיטאָגצייט, אַז איך בין געקומען פון גאַס אַהיים, האָב איך געטראָפן אַ מאָדנע סצענע: דאָס צימער איז ניט אויפגעראַמט, און ביי מיין שרייבטיש, אַריבערגעבויגן איבער אַ דיקן העפט, שטייט ביילקע דאָס דינסטמיידל מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן, און טרערן קייקלען זיך איבער אירע באַקן.

— ביילקע — פרעג איך — וואָס איז מיט דיר?

— איך האָב דאָ געפונען אונטערן בעט — האָט זי געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטימע — אַ געשריבענע געשיכטע... וועגן איינע אַ פּוטיפרע... אַזאַ שיין ביכל האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געלעזן... און טרויעריק איז די געשיכטע, אַז עס צערייסט דאָס האַרץ!...

דאָ איז מיר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן, אַז מיין טראַגעדיע איז פאַרט

עפעס ווערט! און ניט דערפאַר, וואָס ביילקעס קריטיק איז ביי מיר מער חשוב, ווי די מיינונג פון פעליעטאָניסט, פון קריטיקער, פון רעזשיסאָר און פון רעדאַקטאָר, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס זי איז די איינציקע, וואָס איך בין זיכער, אַז זי האָט די פּיעסע טאַקע געלייענט...

3

קרויט און בוריקלעך

ר׳ משה־בער, אַ קליינשטעטלדיקער ייִד, איז צום ערשטן מאָל געקומען אין בערלין. ער האָט געמוזט צום פּראָפעסאָר, זיך מישב זיין וועגן זיינעם אַן אַלטן מיחוש. גייט ער אַזוי מיטאָגצייט איבער די גאַסן און זוכט אַ יידישן רעסטאָראַן, ווו אָפּצועסן. קוים דערפרעגט זיך צו אַ רעסטאָראַן מיט אַן אויפשריפט „כשר״, זעצט ער זיך ביי אַ טישל אַ הונגעריקער און וואַרט, מ׳זאָל אים עפּעס דערלאַנגען. — נו, איז אין בערלין פירט זיך דאָך ניט ווי אין אַ מענטשישער שטאָט, אַז עס קומט אַן אורח, זאָל דער בעל־הבית פון אכסניה צוגיין: „שלום עליכם! פון וואַנען אַ ייד? וואָס ט׳איר צובייסן? אַ שטיקל הערינג מיט ציבעלע, אָדער געהאַקטע לעבער מיט אייער?״ — אַ נעכטיקער טאָג! עס איז אונטערגעשפּרונגען אַ קעלנער מיט אַ לאַנגן עק, אַ ווייז געטאָן אויף אַ לאַנגער שפּייז־קאַרטע און קורץ אָפּגעהאַקט: „וואָס ווינשן זיי״?

ר׳ משה־בער קען ניט לייענען קיין „טייטש״, דרייט ער די קאַרטע אַהער און אַהין, אָבער עס פּאַסט עפּעס ניט צו זאָגן, אַז ער פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ טוט זיך, קלערט ער, מירן גיין אַקאַרשט כסדר. און ער טוט אַ ווייז מיטן פינגער אויף דער ערשטער שורה פון דער קאַרטע. דער קעל־נער פליט אַוועק און קומט באַלד מיט אַ טעלער שמעקעדיקע בוריקלעך. „אַ ווויל ביסל באַרשט — טראַכט ר׳ משה־בער — פּונקט ווי מיין שרה־דבורה, זאָל געזונט זיין, וואָלט געקאָכט״. אין איין אָטעם האָט ער אויס־גע־ליידיקט דעם טעלער, און באַלד איז שוין הינטער אים ווידער אויסגע־וואַקסן דער קעלנער מיט דער שפּייזקאַרטע.

ר׳ משה־בער האָט אַ ווייז געטאָן אויף דער צווייטער שורה: „לאָמיר זען אויף טשיקאַוועס, וואָס מ׳עסט אין בערלין פאַר אַ צווייט געריכט״.

דער קעלנער איז אַוועק און געבראַכט אַ טעלער קרויטזופּ. „אַ מאָדנער מנהג ביי די טייטשן, — טראַכט ר׳ משה־בער — צו וואָס דאַרף מען צוויי מאָל זופּ: אי בוריקלעך, אי קרויט ?.. נאָר פאַרפאַלן: לעולם ינהג אדם כמנהג המקום...” זופּט ער אַריין דעם טעלער קרויט און ווייזט דעם קעלנער אויף דער דריטער שורה פון שפּייזצעטל. אין דריי מינוט אַרום דערלאַנגט אים יענער — — אַ טעלער קרויט. אַ ביסל אַנדערש צוגעפּראַוועט, מיט ראָזשינקעס און קרייטעכער, אָבער פאַרט קרויט.

— ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! — מורמלט ר׳ משה־בער — ס׳איז דאָך עפּעס אַזוי ווי אין סדום: קומט אַ הונגעריקער מענטש צו זיי, גיט מען ניט אַ שטיקל פיש, צי אַ שטיקל עוף, נאָר מען קאָרמעט מיט הוילע באָרשטש... פון דעסטוועגן איז אַ שאָד דער טעלער קרויט: באַצאָלן וועט מען מוזן סיי־ווי־סיי... טוט ער זיך אָן אַ כוח און עסט אויף.

„האָב איך שוין ברוך השם געגעסן — קלערט ער — איין מאָל בוריקלעך און צוויי מאָל קרויט, און דאָרטן ביי יענעם טיש זיצן מענטשן און אַרבעטן געשמאַק איבער געבראָטענער גאַנדז און קאָטלעטן. וואָס איז דער שׂכל דערפון ? — ניט אַנדערש, אַז דאָס זיינען באַזונדערע טישלעך אַזעל־כענע: מיין טישל איז אַ טישל פון זופּ, און יענער דאָרטן איז אַ טישל פון פליישיקס... איצט האָב איך תופס געווען דעם ענין! איידער מ׳לערנט זיך אויס, מוז מען תמיד באַצאָלן רבי־געלט...” און ער הייבט זיך אויף און זעצט זיך צו צו אַן אַנדער טישל, ביי וועלכן איינער זיצט און האַרעוועט איבער אַ געגנדזענער פאָלקע. ווידער שפּרינגט אונטער אַ קעלנער, ווידער אַ שפּייזקאַרטע. ר׳ משה־בער ווייזט ווידער אויף דער ערשטער שורה און — באַקומט באַלד אַ טעלער בוריקלעך... ס׳איז עפּעס אַ קללה פון דעם אויבערשטן, טראַכט ער און באַקומט האַרצקלאַפּעניש פון אויפרעגונג. — נאָר פאַרשטיין קען מען דאָס על־פּי לאָגיקע: וואָרעם איין טישל ווייס דאָך ניט פון דעם אַנדערן, און איין טעלער באָרשטש פאַרן געגנדזנס איז דאָך ניט קיין עוולה. איז דער „סאַרווער” טאַקע ניט שולדיק. וואָס טוט מען ? לאָזן שטיין אַזוי דעם טעלער, פּאַסט ניט פאַר מענטשן, שוויצט ער נעבעך, מאַטערט זיך און גיסט אַריין אין זיך דעם טעלער בוריקלעך. — ער איז שוין פול, ווי אַ ראָסל־פאַס ערב פּסח. קיין ווונדער ניט: צוויי

טעלער קרויט און צוויי טעלער בוריקלעך! פון דעסטוועגן וועט ער נאָך עסן מיט אַפּעטיט אַ שטיקל געבראָטנס, און ער טוט אַ ווייז דעם „סאַרווער" אויף דער צווייטער שורה פון שפּייזצעטל. יענער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן, לויפט אַוועק און ברענגט אים אַ טעלער קרויט...

ר' משה־בער האָט דערלאַנגט אַ כעסדיקן שפּיי אויף דער פּאַדלאָגע, אַ רוק פון זיך דעם טעלער קרויט און אויפגעשטאַנען אַן אַנגעצונדענער.

— יאָ — האָט דער קעלנער געפרעגט מיט אַן אידיאָטישער מינע — וואָס ווינשן זי?

— וואָס זאָל איך אייך ווינטשן? — האָט ר' משה בער געזאָגט — איך ווינטש אייך מערניט, אַז איר זאָלט קומען אין אַ שטאָט, וואָס איר פאַרשטייט ניט זייער לשון, און מ'זאָל אייך געבן ד ר י י מאָל קרויט און צוויי מאָל בוריקלעך!

4

צער פון קינדער

רב זלמן מאַכט זייער אַ פאַרזאָרגטן פּנים, צוזאַמענלייגנדיק דעם טלית נאָכן דאַווענען.

— וואָס האָט איר פאַר דאגות, רב זלמן? — פרעגט אים זיין שכן פון מזרח־וואַנט.

— אַך־אַך! איך האָב דאגות און קאָפּ־דרייעניש מיט מיין יינגל. וואָס זאָל מען ביי היינטיקער שווערער צייט מאַכן פון אַזאַ יינגל? — איך האָב שוין געקלערט, אפשר זאָל איך אים לאָזן שטודירן אויף דאָקטאָר? — נו, איז הייבט זיך באַלד אָן אַן עסק מיט ביכער קויפן, מיט שכר־לימוד, מיט אינסטרומענטן, ווער קען דאָס אַלץ טראָגן? — און אַז ער וועט שוין אויסשטודירן דאָקטאָר, וואָס וועט יעמאָלט זיין? — אָט וווינט ביי אונדז אין שכנות אַ נאָז־ און האַלדז־דאָקטאָר, שטאַרבט ער זיבן מאָל אַ טאָג פון הונגער! — אָט אַזוי האָב איך דאגות און קאָפּדרייעניש מיטן יינגל.

האָב איך זיך באַרעכנט: אויב שוין יאָ אַ דאָקטאָר, וועל איך אים בעסער מאַכן פאַר אַ ציין־דאָקטאָר, וואָרעם ס'איז אַ פּראָסטער שכל: אַ נאָז האָט אַ מענטש נאָר איינע, גיט עס דעם דאָקטאָר ניט קיין חיונה, אָבער ציינער

האָט ער דאָך 32, קען מען דערפון טאַקע לעבן. — איז הייבט זיך ווידער אָן אַן עסק מיט אַ קאַבינעט, אינסטרומענטן, און אַגב, איז דאָס אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: אַט האָט איינע אַ פרוי, דערציילט מען, אָנגעגעבן אין סוד אויפן ציין־דאָקטאָר, וואָס האָט איר אַרויסגעריסן צוויי ציינער. וואָסי? — ער האָט אַרויסגעריסן ניט די ציינער, וואָס איר האָט זיך געוואָלט!... היינט גיי טרעף צו יענעמס קאַפריזן!... מער פעלט מיר ניט, מיין זון זאָל האָבן צו טאָן מיט „דיעלעס", מיט אַדוואָקאַטן — אַט אַזוי, ווי איר זעט, האָב איך דאגות און קאָפּדרייעניש מיטן יינגל.

האָב איך זיך מישב געווען: אפשר זאָל איך אים גאָר מאַכן פאַר אַ באַרימטן שרייבער? — פאַרשפּאָר איך די אינסטרומענטן, מיטן לערנען, מיט הכל־בכל. זאָל ער זיצן און שרייבן ביכלעך! אַ מאָל איז דאָס אויך ניט קיין שלעכטער געשעפט. אין שוועדן, זאָגט מען, זיצט אַ קאָמיסיע אַזאַ, וואָס צאָלט גאָר גרויסע מקחים פאַר ביכלעך. אָנוסטן האָב איך געלייענט אין צייטונג, אַז איינער האָט באַקומען אויב ניט צוואַנציק טויזנט דאָלער פון יענער חברה פאַר איין ביכל! נו, ווען מיין יינגל זאָל אָנשרייבן מערניט צוויי ביכלעך אַ יאָר, קען מען האָבן פרנסה בשפע. — הויבט זיך אָבער ווידער אָן אַן עסק מיטן דרוקן, וואָס איז מיט גאָלד צוגלייך. און ווידער בין איך דאָך פון דעסטוועגן אַ טאַטע, וואָלט זיך מיר ניט וועלן פטרן אַ קינד. איך וואָלט וועלן מאַכן מיין זון פאַר אַ שטיקל מענטשן, און ניט ער זאָל אַרומגיין מיט אַ צעקודלטן קאָפּ און ריידן תרגום־לשון... — אַט אַזוי, ווי איר זעט, האָב איך דאגות און קאָפּ־דרייעניש מיטן יינגל.

— זייט מוחל, רב זלמן — האָט זיך אָנגערופן דער יונגערמאַן — צו שרייבן ביכער מוז מען האָבן טאַלאַנט. האָט אייער יינגל טאַלאַנט דערצו? ווי אַלט איז ער דען?

— ווי אַלט איז ער? — מאַכט רב זלמן — ווערדליג ווי איך האָב אויס־גערעכנט מיט דער ווייב, דאַרף ער געבאָרן ווערן אַ וואָך פאַר פורים.

— זאָלט איר געזונט זיין! — וואונדערט זיך זיין שכן — טאָ פון וואַנען ווייסט איר, אַז ס'וועט זיין אַ יינגל? אפשר וועט גאָר זיין אַ מיידל?

— הערסט, חכם! — זאָגט רב זלמן — דאָס איז דאָך די גרעסטע דאגה, וואָס איך האָב מיטן יינגל...

איבערדיכטונגען

פון חיים נחמן ביאליק

צווישן פרת, חדקל — דאָרטן...

צווישן פרת, חדקל, — דאָרטן
בליט אַ פייגנבוים אין גאָרטן,
און אַ פּאַווע אין די צווייגן
זיצט אַ גאָלד'נע, פּיקט די פייגן.

פּאַווע, פלי אין ווייטע ערטער:
דאָרט איז ערגעץ מיין באַשערטער;
טרעפסט אים — זאָלסט אים גאָרניט זאָגן,
בינד און ברענג מיר אים צו טראָגן!

האָסט קיין פּאַדעם ניט פון ליינען? —
פרוּוו מיט גוטן מיט אים טענהן:
זאָג אים, פּאַווע, זאָלסט געדענקען,
אַז איך שטאַרב אַוועק פון בענקען.

זאָג, אַ גאָרטן בליט אַ שיינער,
נאָר עס ווייס דעם וועג ניט קיינער,
און אַן עפּל זאַפטיק־זיסן
איז ניטאָ, ווער ס'זאָל געניסן.

ווידער זאָג אים דאָרט, מיין חתן:
ס'ווערט ביי נאַכט מיין בעט באַגאָסן
פון די טרערן, — און מיין קישן
ברענט אונטער מיין לייב דעם פרישן.

ווײל ער ניט — טאָ זאָג אַ סוד אים:
אויסגעניײט מיט זײדן־פֿאָדעם
ליגן צווײ טוץ העמדער גרײטע,
הופּח־קלײדער — שוין גענײטע;

פּוך און פּעדערן געפּליקטע,
ציכלעך זײדענע געשטריקטע: —
ס'האָט מײן מאַמע און מײן באָבע
אָנגעגרײט מײן גאַרדעראָבע.

גאָלד־געוועבט און פּרעכטיק זײער;
ליגט און וואַרט מײן חופּה־שלײער;
גרײט נדן, איך בין אַ גרײטע, —
וואָס־זשע זאַמט ער זיך דער שוטה?...

*

— ווײער, שלײער, חופּה־שטאַנגען —
האָט די פּאַווע אָנגעפֿאַנגען, —
הײנט בײ נאַכט וועט דײן באַשערטער
וויסן דײנע הײסע ווערטער.

כ'וועל פֿון דײנעט וועגן אים גערידן,
ווײזן אים דײן בילד דעם זיסן, —
וועט ער קומען פֿון דער װײטן
אויף אַ קאָטשערע צו רײטן.

ער וועט קומען שנעל צו שוועבן
און וועט זאָגן: — אַך, מײן לעבן!
וואָס מיר קלײדער, ווער מיר געלטער! —
איך האָב דיך פֿון אַלע העלטער.

כ'וויל פון פוך און זייד ניט וויסן,
ס'איז פאַר מיר דיין שויס אַ קישן,
און דיין האָר איז זיידנס ריינער,
ביסט מיין אוצר דו אַליין נאָר.

רייך געגוג איז דיין געטרייער:
שוואַרצע האָר, אַ האַרץ מיט פייער,
ביידע איז דיר אָפּגעגעבן, —
קום זשע, קום צו מיר, מיין לעבן!

✡

ס'איז אַ צויבערנאַכט געקומען
און די פאַווע איז פאַרשוווּמען,
צו די הימלען אויפגעשטיגן
און געזאָגט, ווייזט אויס, אַ ליגן.

טעג נאָך טעג זיינען פאַרלאָפן
און איך האַלט נאָך אַלץ אין האָפן;
קלאָרע הימלען זיבן!
ווייסט איר אפשר פון מיין ליבן?...

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונען
מיט אַן עמער זיך געפונען;
אַלע שבת קומט דעריבער
טרינקען וואַסער דאָ מיין ליבער.

אַלעביימער שטייען שטילע,
ס'שלאָפט דאָס ווינטעלע אַפילו;
נאָכן טשאָלנט אַלע שלאָפן,
נאָר מיין האַרץ איז וואַך און אָפן.

ווי מיין האַרץ, דער עמער וואַכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונען זאַכט,
טריף אַ פערל, טריף אַ צווייטער:
אָט־אָ גייט ער, אָט־אָ גייט ער...

שאַ, מיר דוכט, עס הערט זיך טריט!
איז דאָס ער? און אפשר ניט?...
גיכער, גיכער, קום מיין שיינער!
כ'בין אַליין און ווייטער קיינער...

זעצן מיר זיך דאָ ביים וואַנט,
קאָפ צו אַקסל, האַנט אין האַנט;
כ'וועל דיר פרעגן אַ פּאָר זאַכן,
זאָלסט, איך בעט דיך, נאָר ניט לאַכן:

זאָג, פאַר וואָס דער עמער, זאָג,
וויינט און וויינט אַ גאַנצן טאָג ?
טריף, טריף, טריף — און מאָדנע רייד
רעדט ער עפּעס שטילערהייט...

און פון וואַנען קומט דער שמאַרץ,
ווי אַ וואָרעם נאָגט דאָס האַרץ ? —
ס'האָט געהערט מיין מאַמע ריידן,
אַז דו ווילסט זיך מיט מיר שיידן ?...

זאָגט מיין ליבער : — „גיי שוין, גיי !
שונאים זאָגן דאָס אַזוי —
נאָך אַ יאָר, אַז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר אַ חופּה שטעלן.

אַ גאָלדנער זומערטאָג וועט זיין,
וועט אונדז באַגיסן מיט זיין שיין,
און באַגריסן וועט אונדז יעדער
צווייג מיט פּירות פון די סעדער.

פעטערס, מומעס, פריינד געדיכט,
אַן עולם מענטשן, העלנט מיט ליכט,
און סע וועלן אונדז באַגלייטן
פידלען, פויקן און טרומייטן.

נעבן פלויט, צי נעבן שטיין,
— קלייב אויס, ווו דו ווילסט אַליין, —
וועלן שטיין די חופּה־שטאַנגען,
וועסט אַ פינגערל דערלאַנגען ;

און איך וועל דיר פּיין און גלאַט
אַפּזאָגן דעם „הרי־אַת“, —
שונאים וועלן שטיין און קוקן
און פון קנאה זיך צעפּוקן...

נעבן טייבל שטייט אַ פּיכטע...

נעבן טייכל שטייט אַ פּיכטע,
אַ פֿאַרצווייגטע, אַ געדיכטע,
קוקט אין וואַסער, האַלט אין קלערן, —
וואָס דער סוף פֿון איר וועט ווערן ?!...

אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן ;
ס׳לויפֿן ביסלעכווייז די יאָרן ;
האַרבסט... די זון הערט אויף צו שיינען, —
און די פֿייגעלעך ווו זיינען ?...

און ביי זיך אין צימער שטייט
ס׳מיידל לאַנג פֿאַרטראַכטערהייט,
קוקט אין שפּיגל, האַלט אין קלערן,
וואָס דער סוף פֿון איר וועט ווערן ?...

אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן ;
ס׳לויפֿען ביסלעכווייז די יאָרן ;
נעכט פֿון טרערן, טעג פֿון קלערן, —
ווו זיינען די קאַוואַלערן ?...

ס׳איז אַרויס אַ נייע מאָדע

ס׳איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
רויטע סטענגעס, ווייסע קליידער;
און אין סעדל נאָכן טשאָלנט
לאַכט מען, קושט מען זיך כסדר...

ס׳איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
שיכלעך, טיכלעך און פּאַרפומען; —
און אַרום איין מיידל טאַנצן
בחורים אַ גאַנץ מזומן.

נייע מאָדעס הײנט פּאַראַנען:
נעכטן רייזלען, מאָרגען חנהן;
אָבער כאַצקעלע מיין שיינער
איז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר!

ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט

ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט —
גיי איך מיר אַרויס באַזאַכט;

ניט אויף באַרג און ניט אין טאָל —
שטייט אַ ווערבע פון אַ מאָל.

און אַ נביאטע אַ גרויסע
איז די ווערבע, אַלצדינג ווייס זי.

ביי דער ווערבע וועל איך וועגן
מיין באַשערטן טאַקע פרעגן.

און זי וועט מיר אַלץ דערציילן:
צי מיין חתן קומט פון פוילן,

צי פון ליטע, צי פון זשאַמעט?
אַ באַנקיר, צי אַ מלמד?

קומען איז באַשערט צו פוס אים,
צי מיט ברענענדיקע סוסים?

און וואָס ברענגט ער מיר? — כ'וואָלט וועלן
פערל מיט אַ שנור קאַרעלן...

איז ער אַ בלאָנדער ? אַ ברונעטער ?
נאָך אַ בחור ? אַ געגטער ?

אפשר גאָר אַן אַלטן יידן ?
בין איך, ווערבע, ניט צופרידן !

איך וועל זאָגן : טאַטע, טויט מיך,
נאָר ניט צו דעם שידוך נויט מיך !

אוי, איך וועל דאָס ניט דערהאַלטן :
כ׳וויל ניט, טאַטינקע, קיין אַלטן !

*

מע ווייס ניט, ווער איז זי,
פון וואַנען געקומען —
און באַלד האָט זי אַלעמענס
אויגן פאַרנומען.

געקומען פון ערגעץ
אַ ווייטער מדינה
מיט האַרציקע אויגן
און ליכטיקער מינע

און לופטיק און דופטיק
און לוסטיק צום טאַנצן, —
דאָס שטעטעלע האָט זי
פאַרלויכטן אין גאַנצן.

אין וועלדל אין גרינעם
געוואָרן איז היימלעך,
עס לאַכן די קוסטן,
עס טאַנצן די ביימלעך.

און ס'איז נאָך אַ טאָג
אָדער צוויי ניט פאַרלאָפן,
און בחורים קאָנען
שוין נעבעך ניט שלאָפן ;

און ס׳איז נאָך אַ טאָג
אָדער צוויי ניט אַריבער, —
און ס׳ריידן שוין מאַנען
מיט ווייבלעך זיך איבער.

און ס׳שושקען זיך ווייבער
ביים שטריקען די זאָקן,
און אַלטע לייט „אייקען״
אַ ביסל צעשראָקן.

און עלטערן האָבן
קיין נעכט ניט געשלאָפן :
ווער וייס, וואָס עס האָט
מיט די איידעמס געטראָפן ?...

אין איינעם אַ שיינעם
פרימאָרגן — ניטאָ איר ! —
אויף אַלץ איז געפאַלן
אַ שאָטן פון טרויער.

געפלאַטערט אַ שמעטערלינג
צווישן די בלומען, —
און פלוצלונג פאַרשווונדן,
ווי פלוצלונג געקומען.

געוואָרן אַן אומעט
אין וועלדל אין טיפן,
מע הערט שוין דאָרט קיינעם ניט
לאַכן און שטיפן.

אַ פּאָר טעג גערעגנט
אַ בלאָטע געוואָרן ;
די אויגן — דעם גלאַנץ
און דעם פייער פאַרלאָרן.

אַ בחור זיצט אַרטיק
און לייענט גאַזעטן...
חתנים און כלות —
זיך איבערגעבעטן.

עס זיצן פאַרפאַלקן
ווי שטילינקע טייבלעך
און איידעמלעך גענעצן
נעבן די ווייבלעך.

און שטיל זײַנען איצט
יענע פינצטערע געסלעך,
ווו ס'פלעגן אַרומדרייען
זיך בעל־הביתלעך.

און טאַטעס און מאַמעס —
זיי שלאָפן די נעכט שוין
און אַלטע — מע הערט זיי ניט
אייקען און קרעכצן.

הכלל : אַ מחיה
און שטיל אַ פאַרג'ניגן,
עס קרייען די הענער,
עס מעקען די ציגן.

גלין-גלינג — שוין ניטאָ איר...

„... גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר, גלין־גלינג — אַט מיר פאָרן ;
גלין־גלינג — און פאַר דיר איז שוין אַלעס פאַרלאָרן..."

דער מזל האָט, ליבסטע, געוואָלט אונדז צעטיילן,
און כ'האָב נאָך אַזוי פיל געזאָלט דיר דערציילן ;

נאָר אומגעריכט, פּלוצלונג — מיר האָבן צעשיידט זיך
און כ'האָב נאָך אַ וואָרט דיר צו זאָגן געגרייט זיך :

חדשים האָב איך עס אין האַרצן געטראָגן
און אַלץ זיך געקליבן : אָט, אָט איך וועל זאָגן.

מיט איין מאָל איך הער : — „נו, אַ גוטן, מיין ליבער !" —
אַ קנאַק מיט דער בייטש — און אַליין בלייב איך איבער.

דו פליסט מיט אַ שטויביקן וואָלקן אין איינעם,
אָט ביסט שוין ביים וועלדל דעם גרינעם, דעם שיינעם ;

איך זע נאָך עס פלאַטערט דיין שאַלכל דער ווייסער,
איך הער נאָך דעם ווייטיקן „היי !"... פון דעם שמייסער,

און קוים עס דערטראָגט זיך צו מיר פון דער ווייטן
דאָס שפּאַטישע קלינגען פון גלאָק דעם פאַרשייטן :

„גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר, גלין־גלינג — אָט מיר פאָרן,
גלין־גלינג — און פאַר דיר איז שוין אַלעס פאַרלאָרן..."

יענער האָט אַ הויכן מויער

יענער האָט אַ הויכן מויער,
דער — אַ שטיבעלע אָן שויבן; —
חיה די אלמנה האָט
אַ נעסטעלע, געבענטשט פון גאָט,
אַ נעסט מיט זיבן טויבן.

איינע שוואַרץ און איינע קלאָר
און איינע האָט געקרויזטע האָר,
איינע אין איינע מיידלעך ברען! —
ניט ליבן אַלע זיבן קען
אַ פרא־אדם נאַר...

איינער האָט געפילטע שלייען,
איינער האָט אַ טאַרבע קלייען,
ווילסט אָבער אַ שנאַפּס מיט טאָרט,
דאַרפסטו ניט קיין אַנדער אָרט,
ווי ביי אונזער חיהן.

ס'איז אַן אוצר מיט אַנטיקן:
לעקעכלעך מיט הייסע בליקן,
און עס שפילט אין גלאָז די טיי,
ס'שטיבל ריין, דער טישטעך — שניי.
פשוט צו דערקוויקן!

שלמה האָט זיך טויזנט ווייבער,
איך האָב איינע, קאָן זי שרייען ;
זאָל מיר צו קיין גנאי ניט זיין,
אין אָוונט כאַפּ איך מיר אַריין
אַ ווײַלינקע צו חיהן.

קום איך נאָר, באַפּאַלן מיך
די טייבעלעך פון אַלע זייטן :
ס'ווערט אַ פּלאָנטער — הענט און פיס,
אַזוי מחיהדיק און זיס ! —
די מאַמע קוועלט פון ווייטן.

ווער ס׳האָט פּערל

דער פֿאַרמאָגט פּערל
און זײַדענע בגדים,
און יענער — קדחת
מיט כשרע פּאָדים.

און איך האָב דרײַ טעכטער,
דערוואַקסענע מײדן, —
זײ דאַרפֿן שוין מאַנען,
ניטאָ וואָס צו רײדן!

זײ דאַרפֿן שוין מאַנען,
וווּ זאָל איך זײ זוכן? —
איך האָב ניט צו קלײדן
איך האָב ניט צו שוכן.

הײַנט וויל יעדער חתן,
(נו, וואָס קאָן איך טאָן אים!):
צײל אָפּ און דערלאַנג
די נדן מזומנים.

נו, גײען אַוועק
די חתנים מיט גאָרניט;
אַ שאַנד און אַ ווײטיק,
עס מאַכט זיך קײן פּאָר ניט.

דער „כיבוד" שפּאַצירט,
— און דער זעלביקער דוקא, —
פון שאַפּקע צום טיש
און פון טיש צו דער שאַפּקע.

דער „כיבוד" — דאָס זיינען
די דריי אַפּעלסינען,
וואָס העלפן מיר זוכען,
חתנים געפינען;

און ניסלעך אַ טעשל,
וואָס יעדערן ווייז איך...
און יוגנט פאַרגייט
און כאַטש נעם און צרייס זיך!

און יוגנט פאַרגייט...
און פון טעג ווערן יאָרן, —
די עלטערע נעבעך,
שוין גרוילעך געוואָרן.

די דריי אַפּעלסינען —
זיי פוילן צו ביסלעך,
דער טישטעך פאַרשעמט
און פאַרשימלט די ניסלעך...

יאָ, ס'ווענדט זיך אָן מזל:
דעם — זיידענע בגדים,
און יענעם — קדחת
מיט כשרע פּאַדים;

און איך האָב דריי טעכטער — — — —

איינס, צוויי, דריי, פיר...

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, —
קריגסט אַ כלה — ניט געקליבן!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס!

איך האָב אויך אַ מאָל געפונען
האָניק, נאָר עס איז צערונען.

איינע עטקע — אַ ברונעטקע,
איינע מינקע — אַ בלאָנדינקע,

שוועסטער — פּאָפּקעס צוויי געטאָקטע,
אויגן קאַרשן, קעפּ געלאָקטע,

ניט קיין מיידלעך, פּשוט בילדער,
איינע פון דער צווייטער מילדער;

זייער לאַכן! זייער ריידן! —
און איך האָב געליבט זיי ביידן;

און כ'האָב ניט געוווּסט דעריבער,
וועמען פון זיי האָב איך ליבער.

איז אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטן,
און איך האָב מיר אַלץ באַראַטן, —

פלוצלונג האָבן אַ פּאָר שדים
אויסגעכאַפּט, אוי וויי, זיי ביידן!

איצטער שטיי איך אויף דער עלטער,
ווי אַ נאַר אַן אויסגעשטעלטער.

ווי אַן אַלטער, אַלטער למך,
און איך דאגה און איך קלעם מיך...

על כן זאָג איך, קאַוואַלערן, —
אויב איר ווילט מיין עצה הערן:

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, —
קריגסט אַ כלה — ניט געקליבן!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס!

גלויב ניט...

גלויב ניט, וואָס עס ווינקען דיר
און ס'זאָגען צו די שטערן:
גנבים, ליגנער זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערן.

אַ מאָל נאָך האָט אַ שטערן מיר
אַנטקעגן שטוב געפינקלט,
געגריסט, געטרייסט און האָט מיט גאָלד
האָפענונג באַשפּרינקלט.

און וועלטן האָט ער צוגעזאָגט מיר
אויף זיין צויבער־לשון,
און עד היום בין איך אויף צרות,
חלש פאַר אַ גראָשן.

איז שיין אַזוי צו זאָגן ליגן,
שטערענדל פון אויבן!
פיין!... אַזוי באַצאָלט מען דאָס
פאַר האָפן און פאַר גלייבן?

גלויב ניט, וואָס עס ווינקען דיר
און ס'זאָגן צו די שטערן,
גנבים, חונפים זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערן.

פליט אַוועק די גאָלד'נע פּאַווע

פליט אַוועק די גאָלד'נע פּאַווע,
— וווּ זשע פליסטו, וויל איך וויסן ?
— כ'פלי איבערן גרויסן ים...
— וועסטו דאָרט מיין חתן גריסן ?
— גוט, איך ברענג אַ בריוול דיר,
וואָס ער שרייבט דיר דאָרטן, ווייס איך :
„טויזנט קושן, און די חופּה
גלייך, אם־ירצה־השם, נאָך פּסח".

עס טרעפט, דו מיינסט...

עס טרעפט, דו מיינסט, דו כאַפּסט אַ רויז
און לאָזט זיך אויס — אַ דאָרן:
האָסטו, ברודער, ניט קיין מזל —
ווער גאָר ניט געבאָרן!

ווער וואָלט דאָס גערעכנט גאָר
און ווער וואָלט דאָס גאָר קלערן,
אַז אַזאַ מין בייזן סוף
וועט מיר גאָט באַשערן...

קיין טאַטע־מאַמע ניט געהאַט
און ניט געהאַט אַ פּרוטה,
האָב איך געלערנט שוסטעריי
ביי שואל דעם לאַטוטע.

האָט אים גאָט געשענקט צוויי טעכטער:
פּערעלע און מייטע, —
די ערשטע שיין, ווי גאָר די וועלט,
אַ מיאוסקייט די צווייטע.

כ'האָב פּערעלען דערזען, בין איך
געוואָרן אַ צעקאָכטער!
און טאָג און נאַכט האָב איך געקלערט
נאָר וועגן שואלס טאָכטער.

ויהי היום, רופט ער זיך אָן:
איך מיין... היות... אַזוי ווי...
דו ביסט אַן עלנטער... און איך,
איך מיין דאָך נאָר דיין טובה...

און איך, נו, האָב אַ כשרע,
אַן אָרנטלעכע בתולה, —
בכן, פאַרשטייסט... מען דאַרף מיט דיר
ניט ריידן דאָך קיין פולע!...

און ער האָט ניט לאַנג געוואַרט,
געמאַכט דעם עסק שנעלער:
בראָנפן, קיכלעך... און אַ תנאים
און געבראָכן טעלער.

נאָר אַ קליינער בייזער טעות,
הערט איר, איז געשען דאָ:
איך מיין פערעלען, זיי — מייטען,
און אַ סוף, אַן ענדע!

אַזוי האָט דאָס מיך אָפּגענאַרט
רב שואל אויף אַ שטייגער,
און האַלט זיך, ברודער, מיטן פעקל,
האַלט זיך מיט דיין פגר!

— האָסטו, ברודער, ניט קיין מזל, —
ווער גאָר ניט געבאָרן!
אָדער נעם און הענג זיך אויף
נאָך אין די יונגע יאָרן...

הכניסיני...

באַשיץ מיך, כ'בין מיד, ניט פאַרשטויס,
און זיי מיר אַ מוטער, אַ שוועסטער!
לאַז לייגן מיין קאָפּ דיר אין שויס
און דריק אים און טוליע אים פעסטער.

פאַרנאַכטלעך, ווען ס'בענקט זיך און ס'ציט,
וועל איך דיר פאַרטרויען מיין ליידן:
פאַראַן, זאָגט מען, יוגנט, וואָס בליט —
איז אמת אָט דאָס, וואָס זיי ריידן?

און נאָך וואָס האָב איך ניט פאַרשטאַנען,
עס נאָגט מיר און לאָזט ניט צו רו:
מען זאָגט, עס איז ליבע פאַראַנען —
ווייסט דו אפשר, וואָס איז דאָס? וווּ?

שפּאָס האָבן שטערן געטריבן,
אַ חלום געווען — און פאַרשוווּנדן, —
איצט איז מיר דאָ גאָרניט געבליבן,
מער גאָרניט, אַחוץ מיינע ווונדן.

באַשיץ מיך, מיין עלנט איז גרויס,
און זיי מיר אַ מוטער, אַ שוועסטער!
און זאָל פאַר מיין תפילה דיין שויס
זיין מיר דער טעמפּל דער בעסטער.

האָט איר װען געהערט לישטינאַ?

אַ פּזמון

(פריי איבערגעזעצט)

חזן: האָט איר װען געהערט לישטינאַ? —
ס'איז אַ מקום אַ באַװוסטער!
פאַרמאָגט אַ מנין בעלי־בתים
און אַ הינקעדיקן שוסטער,
און אַ שניידער אַ לאַטוטע,
האַלב אַ בלינדער, נאָר װאָס שאַט עס?
אַט זײ בײדן האָט לישטינאַ
צו פאַרדאַנקען אַלע לאַטעס.

כאָר: אַט זײ בײדן האָט לישטינאַ
צו פאַרדאַנקען אַלע לאַטעס.

חזן: װאָס זשע טוען בעלי־בתים? —
אײנער װאַרעמט זיך בײם אויװן,
אײנער ניסט און אײנער גענעצט,
אײנער איז אויף אַלץ אַ מבין;
אײנער װיצלט זיך, און אײנער
איז אַ קונה אויף מפטירים;
מיט חזיר־האָר װאָלט אײנער האַנדלען
װען דאָרטן װאָלטן זײן חזירים.

כאָר: מיט חזיר־האָר וואָלט איינער האַנדלען
ווען דאָרטן וואָלטן זיין חזירים.

חזן: ווילט איר אפשר די מלאכות
פון לישטינאַ וויסן? — איינער
מאַכט איין ציצית אין טליתים,
איינער קען פאַררייִדן ציינער;
דער מאַכט מזרחס, דער בלאָזט שופר,
איינער קען אַ חלף שטעלן,
און איינער, ווען ער קריגט תלמידים,
וואָלט ער גלייך זיך זעצן קנעלן.

כאָר: און איינער, ווען ער קריגט תלמידים,
וואָלט ער גלייך זיך זעצן קנעלן.

חזן: פאַראַן דאָרט אַ בעל־עגלה
מיט אַן אויסגעדאַרטן פערדל,
און אַ גבאי אין בית־מדרש
מיט אַן אויסגעצופּטן בערדל;
און אין פּורים זאָגט מען אָפּ דאָרט
אין איין אָטעם די בני־המן.
שרייט זשע: לעבן זאָל לישטינאַ
און געבענטשט זאָל זיין איר נאָמען!

כאָר: שרייט זשע: לעבן זאָל לישטינאַ
און געבענטשט זאָל זיין איר נאָמען!

חזן: היינט אַ מיסטקאַסטן אַן אַלטן —
האָט דאָרט קהל זיין פאַרמעגן.
דורות לאַנג שוין קלייבט זיך דאָרטן

שמאַטעס, שערבלעך גאַנצע וועגן.
גרויס, היסטאָריש איז דער מיסטבאַרג,
באַקרוינט מיט קראָפּעווע און שוואָמען.
שרייט זשע : לעבן זאָל לישטינאַ
און געבענטשט זאָל זיין איר נאָמען !

כאָר : שרייט זשע : לעבן זאָל לישטינא
און געבענטשט זאָל זיין אין נאָמען !

ווען ישראל מה-יפית

ראובן רובינשטיין

מה־יפית אין קבר

געשטאָרבן ישׂראל מה־יפית.

כמעט אומגלויבלעך.

אומגלויבלעך, ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף זיינע שריפטן און פעליע־טאָנען, וואָס בליצן מיט שיינענדיקע פערל פון יידישן שאַרפזין און שפּרודל־דיקן הומאָר. אומגלויבלעך, ווען מען ווייס און ווען מען פילט, וואָס פאַר אַ קוואַל פון לעבנסלוסט און לעבנספרייד ס׳האָט געקוואַלן אין דער דאָזי־קער צאַרטער, איידעלער ראַפינירטער, טרוימערישער נשמה. מה־יפית און טויטגרויל? מה־יפית און קבר? וואָס פאַר אַ ווילדע צונויפפאַרעניש פון באַגריפן! ער האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט דאָס פילפאַרביקע, שטראָמענדיקע לעבן, די זון, די פייגעלעך, די בלימעלעך, די טייכעלעך...

און אויך דעם מענטשן האָט ער דאָך אַזוי ליב געהאַט! ער האָט דאָך אַזוי האַלט געהאַט אַריינצוקוקן אין די אינטימע ווינקעלעך פון דער מענטש־לעכער נשמה, אין די פּסיכאָלאָגישע פּלאָנטערנישן און טונקעלע סטשעזשקע־לעך פון אדם — מענטש, געפינען אומעטום דאָס קאָמישע, דאָס שמייכלענ־דיקע און דאָס לוסטיקע.

און ווען דער לייענער האָט געשעפּט נחת פון זיינע וויציקע, לעבעדיקע פעליעטאָנען אין גראַמען און פּראָזע, וואָס ער פלעגט אים אונטערטראָגן אַ מתנה אַלע ערב־שבת, האָט ער געוויס זיך געמוזט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ געזונטער יונגערמאַן, וואָס טונקט זיך ממש אין אַ שמאַלצגרוב, פריש און קראַפטפול, ווייס פון קיין דאגות און קיין צרות ניט און לעבט זיך אַ ווילן טאָג. און אָט דער לייענער האָט געוויס ניט געוווּסט, אַז אָט דער שיינער וויצלינג, אָט דער טאַלאַנטפולער פעליעטאָניסט איז געווען געפער־לעך קראַנק. יאָרן לאַנג האָט געטאַטשעט אין זיינע לונגען די באַציל פון טובערקולאָז. ער האָט געמוזט זיך אָפּטראָגן פון ליטע אין די שווייצאַרישע

בערג, זוכן אַ היילונג פאַר זיינע קראַנקע לונגען אין דער רייַנער לופט פון דאַוואָס. על פּי רוב פלעגט ער ליגן צו בעט אָדער אַ שוואַכער און אויס־געמוטשעטער אַרומבלאָנקען אין וואַלד. דערצו איז ביי אים שטענדיק שמאָל געווען מיט פּרנסה. ער פלעגט לעבן פון זיין פען, פון האָנאָראַר פאַר זיינע פעליעטאָנען, וואָס ער פלעגט דרוקן אין „אידישע שטימע" און די אַמעריקאַנישע יידישע צייטונגען.

און אָט אַזוי, צווישן קראַנקייט און נויט, מיט צעלעכערטע לונגען און אַ געשלאָגענעם געמיט, פלעגט אָט דער מענטש שרייבן זיינע גלענצנדיקע הומאָרעסקעס, איינגעטונקט אין אויפבליצן פון שאַרפזיניקן הומאָר. אָט דער כראָנישער חולה פלעגט עס לאָכן און שמייכלען, פלעגט פאַרוואַנדערן זיינע לייענער מיט דער לעבעדיקייט, פרישקייט און עפּעס אַ מין זוניקייט פון זיינע ליטעראַרישע המצאות. און וויפל מאָל פלעגט ער שרייבן, ליגנדיק ממש צו בעט. ער פלעגט ליגן אין יסורים, ניט קענענדיק אָפּכאַפּן דעם אָטעם, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנוואַרפן אויפן פּאַפּיר לייכטע, גראַציעזע שמחהדיקע גראַמען. וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע מאָראַלישע קראַפט, וואָס פאַר אַ מעכטיקער געפיל פון אַלייגבאַהערשונג דאַרף מען פאַרמאָגן, כדי אין אַזאַ שווערקראַנקן גוף איינצוהאַלטן די גוטע שטימונג, ניט צו פאַרטרייבן די פריילעכע שעפערישע מוזע.

און דער לייענער, וואָס פלעגט שבת, אין אַ נשמה־יתירהדיקער אויפ־געלייגטקייט, זיך נעמען צו מה־יפיתעס פעליעטאָן און פלעגט דערביי גוטמוטיק לאַכן, האָט זיך געוויס ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז אָט די שמייכל־דיקע שורות זיינען אָנגעזאַפּט מיט פּיין און שמאַרץ און אַז דער יונגער שריפטשטעלער האָט פאַר זיין לייענער געבראַכט אַ שוידערלעכן קרבן, זיך געמיט פון זיינעטוועגן, כדי אים צו געבן אַ מעגלעכקייט, אויף אַ וויץ און אויף אַ המצאה, אויף אַ גוט וואָרט און אַ משל, אויף אַ לייכטן, שפּיציקן און שפּילעוודיקן גראַם אָפּצורוען זיך פון וואָכעדיקע זאָרגענישן, אַ ביסל פאַרזיסן דאָס שווערע האָרעוואַניע־לעבן. עפּעס אַ שוידערלעכע טראַגיק פון אַ געבענטשטער נשמה שטעקט אין אָט דער איבערנאַטירלעכער אָנ־שפּאַנונג פון מה־יפיתעס שאַפונג.

און מערקווירדיק: דער מענטש האָט דאָך קיין גיפט ניט געהאַט. זיין

הומאָר איז שטענדיק גוטמוטיק, ווייך און סאַמעטנע־גלאַטיק. ער זידלט זיך ניט, שטעכט ניט און בייסט ניט. די גאַליקע סאַטירע איז אים פרעמד געווען. ער פלעגט פשוט מענטשלעך־האַרציק קיבעצן, חוזקן איבער מענטשן און מעשים, איבער גרויסע און קליינע, איבער מחשבותן און טועכצן, איבער וועלט און שטעטל. און שטענדיק פלעגט ער עס מאַכן טרעפלעך, שלאָגן ממש אין פינטל אַריין און מיט אַ געלונגענעם איינפאַל, און מיט אַ פיין ווערטל אַרויסשיילן פון די לעבנס־דערשיינונגען דעם קאָמישן גרונטטאָן.

ער האָט אויסגעצייכנט געקענט דאָס ליטוויש־יידישע שטעטל. ליטע איז אים געלעגן אין די ביינער. דער רב, דער בעל־הבית, דאָס מיידל, דער בעל־מלאכה, דער בחור, דער גבאי און דער כלל־פאַרזאָרגער — דער גאַנצער קאַליידאָסקאָפּ היימישע טיפּן איז אים גוט באַקאַנט געווען אין אַלע זייערע נשמה־קנייטשן און באַוועג־האַנדלונגען. און געהאַט האָט ער אַ וואַרעמען אינטערעס אויך פאַרן גרויסן וועלטלעבן און פלעגט מיט דער זעלביקער יידישער גוטמוטיקייט אַ לאַך טאָן פון אַ שלום־קאָנפערענץ, פון אַ פייער־דיקער דרשה אין אַ פּאָליטישן כרך, פלעגט אַ בעזים־טאָן יידישע שונאים און המנס מכל המינים — די טעמאַטיק פון זיין שאַפן איז געווען זייער ברייט.

און ליב האָט ער געהאַט די יידישע און העברעיִשע ליטעראַטור, פלעגט זייער פיל לייענען, שטודירט וויסנשאַפטלעכע ווערק. און אַ פיינעם חוש האָט ער פאַרמאָגט פאַר שיינקייט און איידלקייט אין נאַטור און מענטש. אַ רבס אַ זון, אַ בר־אוריין און אַ משכיל, פלעגט ער כסדר זיין יידישע וויסנשאַפט באַרייכערן און פאַרפולקומען.

און פונקט ווי אין זיינע שריפטן, אין זיינע פיעסן, הומאָרעסקעס, פעליע־טאָנען און גראַמען, אין זיין באַרימטער סעריע „קלינג־קלאַנג", וואָס ער האָט מיט זיי לוסטיק געקלונגען אין משך פון יאָרן — פונקט אַזאַ איז ער אויך געווען אין זיינע בריוו, אין זיין פערזענלעכן פאַרקער מיט מענטשן — פונקט אַזוי ליכטיק, גוטמוטיק און ווייכהאַרציק. „אַ זיידענער יונגערמאַן!" וואָלטן אונדזערע באָבעס געזאָגט אויף אים דעם שבח.

פאַר אונדזער קליינער ליטוויש־יידישער ליטעראַרישער משפחה איז זיין טויט אַ פאַרלוסט.

אַ שווערער, אומפּאַרבייטלעכער פּאַרלוסט.

דאָ, אויף ליטע־ערד, איז ער אויפגעגאַנגען פון אונדזער „ליטוואַקיזם" האָט ער זיין שאַרפזין און תלמיד־חכם׳דיקייט געשעפּט. דאָס אָרעמע, מאָגערע און אָפּגעצערטע ליטווישע שטעטל האָט ער ליב געהאַט און פאַרן יידישן לייענער־עולם האָט ער זיין טאַלענטפולע פעדער אָפּגעגעבן — אָפּגעגעבן צוזאַמען מיט דער זאַפט פון זיינע לונגען, מיט דער גאַנצער שיינקייט פון זיין נשמה.

איז עס אַ שניידיקער ווייטיק. פאַרדריסט זיך, וואָס דער מלאך המות קלייבט אויס זיינע קרבנות צווישן די יונגע און בעסטע, רויבט אַוועק פון אונדז אין די בליִענדיקע יאָרן אַ ליבהאַרציקן, הויך־באַגאַבטן מענטשן.

ניטאָ מער מה־יפית — פאַרשטומט איז געוואָרן אויף אייביק זיין פּראַכט־פולער הומאָר...

נאָר דיין ליכטיקער אָנדענק, טייערער חבר און פריינד, וועט אין אונדזערע נשמות שימערירן אייביק ווי אַ וואַרעמער, גלעטנדיקער זון־שטראַל.

שלאָף אין דיין אייביקער רו, רו זיך אויס פון דיינע ווייטאָקן, פון דיינע אומענדלעכע יסורים און פּיין!...

✡

אין טרייסט־בריוו צו פרוי מה־יפית, פון 2טן מערץ 1930, שרייבט ראובן רובינשטיין צווישן אַנדערן:

— — — איך וואָלט אייך זיין זייער דאַנקבאַר, ווען איר וואָלט מיר שרייבן וועגן די לעצטע מינוטן פון אייער מאַן און אויך מעלדן, צי עס זענען געבליבן וועלכע עס איז שריפטן. אין זיין לעצטן בריוו צו מיר, האָט ער אויסגעדריקט דעם ווונטש צו זען זיינע שריפטן צונויפגעזאַמלט אין דער פאָרעם פון אַ בוך. מיר וואָלטן וועלן זיין ווונטש פאַרווירקלעכן.

מיט אַ שמייכל האָט ער די ערד פאַרלאָזן...

(די תשובה פון פרוי חנה מה־יפית צו ראובן רובינשטיין)

דעם 2טן פעברואַר האָט ער זיך שוין געפילט ניט אין גאַנצן גוט. אָבער

ער האָט נאָך אָנגעשריבן זיין לעצטן אַרטיקל „הומאַניטעט”, מיט וועלכן ער איז געווען ניט אין גאַנצן צופרידן. ער האָט ניט געוואָלט אָפּגעווינען זיינע לעזער פון שטענדיקן שבתדיקן פעליעטאָן. ווען איך האָב אים אויף מאָרגן אויפגעוואָרפן, פאַר וואָס ער שאַנעוועט זיך ניט כאָטש אַ טאָג — האָט ער געזאָגט, אַז ער מוז דעם בריוו היינט אָנשרייבן, און בעתן מיטאָג האָט ער ווידער אָנגעהויבן שרייבן און האָט זיך ניט געקענט באַרויִקן ביז וואַנען דער בריוו איז געווען געענדיקט. דעם זעלביקן אָוונט, נאָך דעם ווי ער האָט נאָך ביז שפּעט געהערט ראַדיאָ, האָט ער באַקומען אַ שטאַרקן בלוטשטורץ. ער האָט דאָס אַפילו ניט גענומען גאַנץ ערנסט, אָבער דאָך איז ער דינסטיק שוין געבליבן אין בעט. ביי טאָג האָט ער זיך געפילט גאַנץ גוט, אָבער אין אָוונט איז געקומען אַ צווייטע בלוטונג און פון דאַן אָן שוין כמעט ניט אויפגעהערט. ס'איז געווען גענוג ערנסט, אָבער זיין שטימונג איז געווען ניט שלעכט. ער האָט געמאַכט פּלענער און געהאַט האָפענונגען און אינטערעס פאַר יעדער קלייניקייט. ער איז אָבער געוואָרן אַלץ שוואַכער און בלאַסער. אין אונדזער פאַרצווייפלונג האָבן מיר אים אַריינגעגעבן אין אַ קליניק פון אַ באַוווסטן פּראָפעסאָר. דאָס איז געווען דאָנערשטיק, דעם 13טן פעברואַר. דאָרטן האָט מען מיר תיכף דערקלערט, אַז ס'איז מער ניטאָ קיין האָפענונג, מיין מאַן האָט מען דערפון ניט דער־ציילט, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז ער האָט גאַנץ גענוי געוווּסט ווי מיט אים האַלט. ער איז אָבער געשטאָרבן פונקט ווי ער האָט געלעבט: ווי אַ הייליקער. ניט געמורמלט, ניט געקרעכצט, מיט אַ פּנים, אויף וועלכן ס'איז שוין געלעגן דער זיגל פון טויט, האָט ער געשמייכלט, אַלץ כדי איך זאָל זיך באַרויִקן און ניט זאָרגן. ער האָט שווער געליטן. די גאַנצע לעצטע טעג האָט ער געלעבט אויף אייז און וואַסער.

אין אַלגעמיין האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט מיטן לעבן פרידלעך פאַרענדיקט אַלע חשבונות. ער האָט געזען, ווי זיין טעמפּעראַטור איז געזונקען, ער האָט אָבסערווירט ווי ס'ווערט שוואַכער זיין פּולס — און ער איז געלעגן שטיל אָן אַ קרעכץ. פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך אים איין מאָל געהערט זיפצנדיק. אָבער אויך פאַרן דאָזיקן זיפץ האָט ער תיכף זיך אַנטשולדיקט: „דאַרפסט דאָס ניט נעמען ערנסט, חנהלע, ס'איז ניט

שלעכט. מ׳זיפצט אַמאָל, ווייל מ׳מיינט, אַז ס׳ווערט לייכטער״. און די דאָזיקע פאַרלייכטערונג האָט ער זיך פאַרגונען נאָר איין מאָל.

מאָנטיק דעם 17טן האָבן זיינע יסורים אויסגעוויזן צו זיין באַזונדער שטאַרק. אויף איין סעקונדע האָט ער צוזאַמענגעקראַמפּט זיין לינקע האַנט. איך האָב געוווּסט: דאָס איז איצטער פאַר אים געווען אַ רגע פון אומ־דערטרעגלעכער פּיין אַ טראַכט צו טאָן, אַז ער מוז זיך באַלד שיידן מיטן געליבטן לעבן. נאָך דעם זונטיק האָב איך אים אַ ביסל פאַרגעלייענט פון דער „אידישע שטימע״. כ׳האָב אים געוויזן, אַז ס׳איז גראָד געווען אָפּ־געדרוקט זיין לעצטער אַרטיקל. ער האָט זיך נאָך געפרייט, ווען ער האָט דערהערט אַ פויגל־צוויטשעריי פון פענצטער... מאָנטיק נאָך מיטאָג האָט מען אין צימער געבראַכט אַ צווייטן פּאַציענט, וועלכן מיין מאַן האָט ניט געקענט זען. האָט ער פון מיר גענומען אַ שפּיגעלע און פּרובירט מיטן שפּיגעלע צו דערזען זיין צימער־שכן, מיר איז געווען אומבאַגרייפלעך, ווי אַזוי ער האָט נאָך געקענט אַרויסווייזן אַזוי פיל אינטערעס פאַר אַנדערע (די דאָקטוירים האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז שוין מיין מאַנס לעצטער טאָג). ווען יענער האָט געמאַכט אַ הילפלאָזע באַוועגונג — האָט מיין מאַן געבעטן אים פרעגן ווי ער פילט זיך. ווען ער האָט באַמערקט טויטשרעק אויף מיין פּנים — האָט ער גענומען מאַכן וויצן, פלעגנער פאַר דער צוקונפט, כדי מיך צו באַרויִקן, מיר האָבן ביידע געשפּילט אַ טרויעריקן טעאַטער.

...ווען איך בין צו אים געקומען דינסטיק פרי, האָט ער אויסגעזען זייער שלעכט. ער האָט מיר דערציילט, ווי שווער ס׳איז פאַרביי די נאַכט. ער האָט די שוועסטער אין דער פרי געפרעגט: צו וואָס דאַרף זי אים צו רעכט מאַכן, ווען ער דאַרף סיי ווי היינט שטאַרבן? זי האָט אויף אים זיך אָנ־געבייזערט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען ער האָט זיך אַרויס־גערעדט וועגן טויט. אין דעם זעלביקן דינסטיק, ווען ער איז געשטאָרבן, האָט ער געזאָגט דער קראַנקן־שוועסטער, אַז זי האָט אים ביי נאַכט געמאַכט אַן איינשפּריצונג. זי האָט דאָס געלייקנט, און געזאָגט, אַז אים האָט זיך דאָס געחלומט. האָט ער איר געענטפערט מיט אַ לאַכעדיקן וויץ: „שוועס־טער, דאַן האָב איך מסתמא אייך געזען אין חלום״. אויך איצט האָט ער נאָך געמוזט מאַכן אַנדערע לאַכעדיק!

ס׳איז געגאַנגען צום סוף. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער דאַרף מער ניט מורא האָבן, איצט בלייב איך שוין ביי אים אויפן גאַנצן טאָג — האָט ער געזאָגט: „גוט, זייער גוט, חנהלע. איצט בין איך רויִק...״ דאַן האָט ער באַקומען אַן איינשפּריצונג. צוויי שעה איז ער טיף געשלאָפן. איך האָב זיך געפרייט איבערן דאָזיקן טיפן שלאָף און געטראַכט: אפשר וועט אים דער שלאָף אַ ביסל קרעפטיקן. אָבער ער איז אַיינגעשלאָפן. איין לייכטער אָטעמ־צי, דער קאָפּ איז איינגעפאַלן — און כ׳בין שוין געשטאַנען ביי מיין טויטן ליבסטן...

נאָך איין שטריך: די לעצטע טעג פלעגט ער אָפט זיך אַ זאָג טאָן: „נו, ס׳איז גוט. ס׳איז דאָך גוט״... אויף מיינע פראַגן איבערן באַטייט פון די דאָזיקע ווערטער האָב איך קיין קלאָרע תשובה ניט באַקומען. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאַכט ער אַ סך־הכל איבער זיין פאַרגאַנגענעם לעבן און ער איז מיטן אויספיר צופרידן. איין מאָל האָט ער אויך געזאָגט: „אייגנטלעך האָבן זיך דאָך אַלע קליינלעכע און אויסערלעכע ענינים גוט אייַנגעאָרדנט״. אויך וועגן דעם האָט ער מיר געגעבן אַן אויסמיידנדיקע תשובה. ער האָט געמיינט — זאָגט ער — וועגן עסן... איך האָב אָבער געוווּסט, וואָס ער מיינט: ער האָט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז אייגנט־לעך גוט, וואָס ער האָט מער ניט צו טאָן אין די דאָזיקע לעצטע טעג מיט עסן און טרינקען א״אַ ערדישע ענינים, ער האָט זיך שוין געפילט מער גייסט, ווי גוף, מער איבער דער ערד, איידער אויף איר, אָבער ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה זיינען זיינע נאָך אָפענע אויגן געווען שרעק־לעך־טרויעריק. ער איז ניט מיטן גוטן ווילן אַוועק פון אונדז...

ישראל מה־יפית

עס איז נאָך צו פריש דער וויטיק, אַז מ׳זאָל קענען געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער זעלטענער פּערזענלעכקייט פון יונג־פאַרשטאָרבענעם שרייבער. דאָס איז געווען אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון לעבנסלוסט און לעבנס־הומאָר. דער מענטש איז שוין געווען קראַנק קרוב אַ צענדליק יאָר, ס׳האָט זיך אָבער אין אים לחלוטין ניט געשפּירט די רוגזה פון אַ קראַנקן. פאַרקערט,

ער איז געוואָרן נאָך מער צוגעלאָזט צו מענטשן און גייסטיק נאָך מער זאַפטיק.

אַ זון פון אַן אָרעמען רב אין אַ קליין שטעטל (דויג). האָט ער לאַנג געלערנט אין ישיבה און שפּעטער געוואָרן אַ לערער. זיין שריפטשטעלע־רישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקו־פּאַציע אין די ווילנער צייטונגען. זיינע ערשטע שאַפונגען, אַ פּאָר פּאַראָ־דיעס (דוכט זיך אויף פּרישמאַנען) האָבן תיכף אַרויסגערופן די אויפמערק־זאַמקייט פון גרויסן לעזער־עולם און פון דאַן איז ער פאַרבליבן דער ליבלינג פון די לייענער־מאַסן.

דער לייכטער זוניקער הומאָר האָט זיך ביי אים פאַראייניקט מיט אַ זעלטענעם סיורפּריזפולן סטיל, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער יידישער פּרעסע. יעדער גראַם איז עפּעס געווען אַ פּלוצלינגע סטיליסטישע אַנט־דעקונג, וועלכע האָט שטענדיק איבערראַשט.

פּאָר אַ יאָרן זומער איז ער נאָך געקומען צום לעצטן מאָל קיין ליטע. ער איז אָפּגעווען אַ זומער ביי זיין פאָטער אין פאַנעמון (זיין פאָטער איז איצט פאַנעמונער רב) און צו דער שמחה פון זיינע פיל גוטע־פריינד האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער בעסערט זיך. אויך פון אויסלאַנד האָט מען פון אים געהאַט גוטע גרוסן. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער אין קעלן חתונה געהאַט און איז דאָרטן פאַרבליבן. אין די קרייזן פון זיינע פריינד האָט מען שוין געגלויבט, אַז עס איז שוין אַריבער די געפאַר.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַן אויפריכטיקן טרויער ביי אַלע זיינע באַקאַנטע, פריינד און פאַרערער פון יידישן וואָרט.

ש.

צום אָנדענק פון י. מה־יפית

אין קעלן איז געשטאָרבן איינער פון די בעסטע הומאָריסטן ישראל מה־יפית. ער איז געווען 33 יאָר אַלט. אָבער שוין לאַנג איז ער קראַנק געווען אויף טובערקולאָז און אַלע זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען האָט ער געשריבן אויפן קראַנקן־בעט.

ישראל מה־יפית איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין ליטע,

ווי זיין פֿאָטער איז אַ רב, וואָס איז שטאַרק איבערגעגעבן זיין קהילה, דעם פֿאָלק און זיין צוקונפֿט. אויך ישׂראל איז געגאַנגען אין זיינע וועגן. פֿריִער האָט ער געלערנט תורה פֿון זיין פֿאָטער און דערנאָך ביז 17 יאָר אַלט — אין פֿאַרשיידענע ישיבות. דאָן איז ער שוין געווען ראוי צו ווערן אַ רב. אָבער די השׂכּלה און דער אויפֿלעבונג־אידעאַל פֿון יידישן פֿאָלק אין זיין לאַנד האָבן פֿאַרכאַפּט זיין גאַנצע נשמה. ישׂראל האָט געלערנט וועלטלעכע לימודים אין הויכשולן ביז ער איז צוליב זיין קראַנקייט געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן די אַרבעט.

ער האָט געשריבן פֿיל דערציילונגען און אַרטיקלען אין העברעיִש און יידיש, וועלכע זיינען נאָך ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און ערשט איצט גרייטן זיך זיינע פֿריינד זיי צו פֿאַרעפֿנטלעכן, בלויז אין „אידישע שטימע" האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין יידיש פֿעליעטאָנען־לידער, וואָס שטעלן אים אין דער ערשטער ריי פֿון אונזערע פֿעליעטאָניסטן.

ניט קוקנדיק אויף זיין שווערע קראַנקייט איז אין זיינע לידער קיין רמז ניטאָ פֿון פֿאַרביטערטקייט. זיין הומאָר — און ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער הומאָריסט — איז פֿול מיט ווייכקייט און גוטמוטיקייט. ער האָט ליב געהאַט יעדן מענטשן, אַפֿילו זיינע קעגנער, און אַלע האָבן אים געצאָלט מיט דאָס זעלביקע. ווער ס'האָט אים נאָר געקענט, האָט אים ליב געהאַט און קיינער איז ניט געווען פֿאַרביטערט אַפֿילו צוליב זיין שאַרפֿסטער קריטיק. ער פֿלעגט קריטיקירן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, און אַ שמייכל, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, האָט געשוועבט אויף די ליפּן פֿון די יעניקע, וועלכע האָבן אים געדינט אַלס העלדן.

ער איז געווען אַ שפּראַך־קינסטלער. זיין סטיל איז געווען שיין און איינפֿאַך, אַ פֿאָלקסשפּראַך אין שענסטן זין פֿון וואָרט.

זאָלן די דאָזיקע שורות זיין אַן אָנדענק אין דער העברעיִשער פּרעסע פֿאַר זיין איידעלער נשמה.

ד"ר ש. ראָזנבוים — „הארץ", תל־אביב

אָנדענק־אָוונט נאָך י. מה־יפית

דינסטיק, דעם 10 מערץ, איז פֿאָרגעקומען אין זאַל „הרצליה" אַ ליטע־

ראַרישער אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון פרי־פאַרשטאָרבענעם שריפט־שטעלער ישׂראל מה־יפית. עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפּשער עולם פריינד און פאַרערער פון נפטר. אַזוי, אַז דער זאַל איז געווען אין גאַנצן באַזעצט.

ה׳ ר. רובינשטיין עפנט דעם אָוונט מיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון י. מה־יפיתן. די דאָזיקע גרויסע אבידה פילן מיר אויך איצט. דאָס איז געווען אַ געבענטשטער פּאַלאַנט, וואָס האָט געשפּרודלט מיט שיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. דער מענטש האָט איבערגעלעבט אַ טיפע טראַגעדיע. צעפרעסן פון אַ שווערער קראַנקייט, האָט זיין אָרגאַניזם דאָך ניט געווירקט אויף זיין גייסט. עס איז פאַראַן אין דער יידישער און אין דער וועלט־ליטעראַטור פיל יונגע שריפטשטעלער, וואָס זיינען פאַר דער צייט פון דער וועלט אַוועק, למשל, אין דער העברעיִשער ליטעראַטור מאַנע, אין דער רוסישער — נאַד־סאָן א״אַ. אין זייערע שאַפונגען לאָזן זיך שפירן די שאָטנס פון טויט, וואָס האָבן געשוועבט איבער זייערע קעפּ. ביי מה־יפיתן האָט איר קיין מאָל ניט געפילט, אַז ער ליידט פיזישע יסורים. דער רעדנער גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון הומאָר בכלל און ווייזט אָן, אין וואָס ס׳באַשטייען די אייגנשאַפטן פון מה־יפיתעס טאַלאַנט. ס׳ווערן איצט געזאַמלט מה־יפיתעס ווערק. דער ערשטער בוך פון זיין פּראָזע וועט דערשיינען גאָר אין גיכן. לאָמיר לייענען זיינע שאַפונגען און לאָמיר אויפשטעלן אין אונדזער זכרון די ליבע, טרוי־מערישע געשטאַלט פון יונג־פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער.

דער אָנדענק פון מה־יפיתן ווערט באַערט דורכן אויפשטיין.

ד״ר צ. פעלדשטיין רעדט וועגן דער אויסערגעוויינלעכער טאַלאַנטירט־קייט פון מה־יפיתן. ליטווישע יידן פאַרמאָגן פיל מעלות, אָבער איין זאַך פעלט זיי — הומאָר. זיי זיינען שטענדיק פאַרזאָרגט און פאַרדאגהט און האָבן קיין חוש ניט פאַר יענעם ליכטיקן אָפּטימיזם און לעבנסלוסטיקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין הומאָר. מה־יפית איז געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ גליקלעכן טאַלאַנט און אין דעם פּרט איז ער אַן אויסנאַם ביי אונדז. דער רעדנער באַוואונדערט באַזונדערס דעם סטיל, דעם ריטעם און די רייכ־קייט פון פערזן־שאַפונג ביים פאַרשטאָרבענעם. מה־יפית האָט געוויזן מוסטערן פון אויסערגעוויינלעך־שיינע הומאָריסטישע איינפאַלן און פון אַ

גוטער געטאַקטער, ליטעראַרישער יידישער שפּראַך. וואָלט מה־יפית געשריבן אין אַן אייראָפּעיִשער שפּראַך, וואָלט ער בלי־ספק מאַטעריעל געווען גוט באַזאָרגט. ביי אונדז האָט ער אָבער געליטן דחקות און נויט. זיינע ווערק, וואָס זיינען געבליבן, וועלן זיין דער בעסטער דענקמאָל פאַר דעם אַזוי פרי־פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער.

ה׳ נתן גרינבלאַט האַלט, אַז מען דאַרף ניט מגזם זיין אין דער אָפּשאַצונג פון אַ מענטשן אַפילו נאָך זיין טויט. מה־יפית איז געווען עכט און ערלעך און האָט נישט איבערגעשאַצט זיינע כחות. אָבער דאָס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז פון גרויסן ווערט. די טראַגעדיע פון מה־יפיתעס נשמה איז שוידערלעך. ער האָט דורך זיינע לייכטע שפּילעוודיקע שורות, דורך זיינע הומאָרעסקעס און גראַמען געוואָלט גובר זיין אין זיך די פיזישע יסורים און דערשטיקן דעם נשמה־פיין. ער האָט געהאַט אַ טיפערע אינערלעכע וועלט. זיין הומאָריסטיק איז געווען נאָר אַ צודעק פאַר זיינע טראַגישע איבערלעבענישן. מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ געוואַלדיקן כוח און זעלבסטבאַהערשונג, כדי צו לאַכן דאַן, ווען דאָס האַרץ האָט געוויינט. אין וואַרעמע ווערטער כאַראַקטעריזירט וויטער דער רעדנער די ליבע פערזענלעכקייט פון מה־יפיתן און האַלט, אַז מה־יפית איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט דורכן באַקאַנטן העברעיִשן פעליעטאָניסט — לעווינסקי (רב קרוב), וואָס שטאַמט אויך פון ליטע. באַזונדערס שטעלט זיך אָפּ דער רעדנער אויף דער אָפּשאַצונג פון דעם מין ליטעראַטור, וואָס הייסט פעליעטאָן. פיל שייגייסטער זיינען געווען פעליעטאָניסטן. דאָס איז אַ הויכע ליטעראַרישע קונסט, וואָס ווערט ביי אונדז ניט דערשאַצט. מה־יפית איז געווען טאַקע אַט דער פיינער טאַלענטירטער פעליעטאָניסט.

ה׳ ר. צרפת לייענט איבער זיינעם אַ פעליעטאָן, געווידמעט דעם אָנדענק פון מה־יפיתן. דער געדאַנק איז דער, אַז דער טורעם איז צעפאַלן, אָבער ניט פאַרפאַלן. מה־יפית איז טויט, אָבער זיינע ווערק בלייבן.

ה׳ ישׂראל קאַפּלאַן לייענט זיינע אַ סאַטירע וועגן הומאָריסט ציקלער, וואָס מאַטערט זיך מיטן טויט און וואָס שטאַרבט אַוועק, און וועגן אַלע יענע מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך כלומרשט מיטן קראַנקן שרייבער, אָבער

האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער טראַגישקייט פון די גסיסה־מינוטן.

פרל׳ שיינע מה־יפית לייענט איבער אַ פּאָר העברעיִשע געדיכטן פון איר ברודער און אויך אייניקע יידישע לידער. ה׳ ר. צרפת לייענט אַ פּאָר הומאָרעסקעס פון פאַרשטאָרבענעם.

דער אָוונט בכלל האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם.

צו מה־יפיתעס אָנדענק

געשטאָרבן ישראל מה־יפית. אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען אין עלטער פון 33 יאָר דער פּאָפּולערער פעליעטאָניסט און דיכטער, וועלכער פלעגט אַריינטראָגן אין אונדזערע כמורנע טעג — הימלען פיל ליכט און שיין.

יאָרן לאַנג האָט ער אונדז געדינט מיט זיין פעדער, ליגנדיק אין בעט מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור. פיזיש צעבראָכן און אויסגעמאַטערט האָט ער געשריבן זיין גלענצנדיקן הומאָר. און לייכט, זייער לייכט פלעגט שאַפן מה־יפית. אַ שעה אָדער צוויי — און ער האָט שוין פאַרטיק אַ געלונגענעם פעליעטאָן אָדער „קלינג־קלאַנג״.

מען איז איינגעוווינט צו זאָגן, אַז די סביבה, אין וועלכער אַ דיכטער וואַקסט אויף, לייגט איר שטעמפּל אויף זיינע שאַפונגען. דער פאַל איז ניט ביי מה־יפיתן. ניט די ישיבה, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט פיל יאָרן (אגב, געווען איינער פון די בעסטע תלמידים) האָט אַריינגעטריפט אומעט אין זיינע שאַפונגען, ניט די אָרעמע, אומעטיקע, דויגער געגנט האָט אויף אים געווירקט. ער האָט געשעפּט זיין יניקה און לעבנסקראַפט פון אַנדערע אומבאַוווּסטע קוואַלן.

די קראַנקייט האָט אים געשטערט צו שרייבן פיל גרעסערע ווערק.

צי דען וועלן מיר אַזוי שנעל פאַרגעסן אונדזער באַגאַבטן פריינד, וועלכער פלעגט מיט אַזאַ ליבע און זעלטענעם הומאָר אָפּשפּיגלען אונדזערעליידן און פריידן?

ניין, דאָס טאָר און וועט ניט געשען. ניט אַ דענקמאָל וועלן מיר אים שטעלן, נאָר זאָלן זיינע ווערק צונויפגעזאַמלט ווערן. ס׳דאַרף געשאַפן ווערן

אַן איניציאַטיוו־גרופּע, וועלכע זאָל נעמען אויף זיך די אויפגאַבע אויפ־צוזאמלען די אַלע ווערק און שאַפן די מיטלען זיי אַרויסצולאָזן. און אַזוי וועט פאַראייביקט ווערן דער נאָמען פון אונזער ישראל מה־יפית.

מ. סאַליץ

דער טרויעראָוונט נאָך ישראל מה־יפית

אַ פּילצאַליקער עולם האָט זיך מיטוואָך, דעם 19 מאַרץ, פאַרזאַמלט אין דעם גרויסן קינאָזאַל „אוישרא״ פון פּאַנעמון (לעבן קאָוונע) כדי צו באַערן דעם אָנדענק פון באַליבטן שרייבער־הומאָריסט ישראל מה־יפית ז״ל צו די שלושים נאָך זיין טויט.

מיט אַ קורצן פאָרוואָרט עפנט נתן גרינבלאַט דעם אָנדענק־אָוונט, דער־קלערנדיק, אַז דאָ, אויף פּאַנעמונער ערד, ווו דער בן־עיר און בן־הרב ישראל מה־יפית האָט אַ געוויסע צייט געוועבט זיינע צאַרטע חלומות און געשאַפן אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיינע ווערק — אָט דאָ פאַרזאַמלען זיך היינט פיל פון זיינע פאַרערער און חברים אַרומצוריידן זיין ווערטפולן באַדייט, און דעם גרויסן אָנווער, וואָס אונזער יונגע דיכטונג האָט מיט זיין פריצייטיקן טויט.

דער גאַנצער עולם באַערט דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער מיט אויפשטיין.

הרב טריוואַקס דערמאָנט צו ערשט אַלס פּאַנעמונער, דעם גרויסן טרויער, וואָס האָט מיט 30 טעג צוריק אַרומגענומען די גאַנצע באַפעלקע־רונג פון פּאַנעמון צוליב דער פּטירה פון זייער חשובן בן־עיר און באַליבטן בן־הרב. ישראל מה־יפית איז ניט נאָר געווען אַ שרייבער. ער איז אויך געווען אַ בן־תורה, אַ למדן. צו 18 יאָר האָט ער שוין סמיכה באַקומען. פאַרברענגענדיק די לעצטע יאָרן צו גאַסט ביי זיין פאָטער דעם רב, פלעגט ער גאַנץ אָפט מיט חשק שמועסן מיטן טאַטן זיינעם אין דברי תורה. דער רעדנער ציטירט דערביי אייניקע מאמרי חז״ל, פאַרגלייכנדיק דעם דיכטערס שטאַרבן צו דער פּטירה פון דעם אַמאָליקן באַרימטן תלמודישן פּאָפּולאַריזאַ־טאָר רבה בר נחמוני, דער מחבר פון „מדרש רבה״, וועלכער איז אויך געווען כל ימיו אַ גרויסער חולה, אָבער זיין גייסט איז אין אים אַלע מאָל שטאַרק געווען. אין י. מה־יפית דעם טיפּזיניקן הומאָריסט, וועלכער האָט

אָבער קיין מאָל מיט זיין שאַרפער פּען אַ מענטשן ניט פּוגע געווען, זעט מען טאַקע אויך דעם 18־יאָריקן מוסמך ישׂראל; עס אַנטדעקן זיך אין אים די אמתע יידישע מידות און עטיק.

דער רעדנער איז מודיע, אַז ביים נפטרס פּאַטער געפינט זיך אַ סך איבערגעבליבענע נאָך ניט געדרוקטע כתבים פון דיכטער. מען דאַרף אָבער זיי פאַרעפנטלעכן, ווייל ישׂראל מה־יפית דאַרף אויך ווייטער בלייבן לעבן צווישן אונדז.

רעדאַקטאָר ר. רובינשטיין זאָגט:

עס איז שווער צו ריידן וועגן דעם טויט פון אַ מענטשן, וואָס לויט זיין שאַפונגס־ענערגיע, האָט ער נאָך געקענט לעבן צענדליקער יאָרן; אַ מענטש פול מיט הומאָר, קוואַליקן געלעכטער און לעבנסלוסט. ער האָט זיין לעבן נאָך גאָרניט אויסגעזונגען. „דעם דיכטערס פּערז האָט זיך אין דער מיט אָפּגעהאַקט״!... עס שטעקט שוין גענוג טראַגיק אין דעם ריידן איצט וועגן י. מה־יפית, ווען מיר קענען זיך פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ קיצלדיקן און שאַרפזיניקן פעליעטאָן ער גופא וואָלט אָנגעשריבן אָט טאַקע פון דער היינטיקער פאַרזאַמלונג אונדזערער!

דער רעדנער שטעלט זיך אָפּ ברייטער אויפן עצם זין פון הומאָר, געלעכטער, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק ביי פאַרשיידענע פעלקער. אונדזער יידיש געלעכטער איז אָבער לאַכן איבער אייגענע צרות. ביי יידן זיינען זייערע אייגענע פּלאַגענישן און ווונדן אַ גענוג דאַנקבאַרער אָביעקט פונעם לאַכן. אָט די אייגנשאַפט צו לאַכן פון די אייגענע צרות נעמט זיך טאַקע פון די צרות גופא. לאָמיר זיך דערמאָנען ז. ווענדראָפס סעריע הומאָרעסקן „פּראָוואָזשיטעלסטוואָ״. אין דעם באַשטייט אי די שיינקייט און אי די טראַגיק פון יידישן געלעכטער. מה־יפית, זיך צוקוקנדיק צו זיין קרענקלעכן לעבן, זיינע עינויים און פּלאַגענישן, געהערט אָן ספק צו דער פּלעיאַדע פון די אָריגינעלע יידישע הומאָריסטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ מיט זייער לעבן און שאַפן דעם קוואַליקן יידישן הומאָר.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער גאַנצער ריי שאַפונגען פון מה־יפית, זעען מיר, אַז עס איז ניט געווען קיין איין טעמע אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט אַרונטערפאַלן אונטער זיין פּעדער. און באַזונדערס אַ וואַכזאַם אויג

האָט ער פֿאַרמאָגט פֿאַר דעם יידישן לעבנס־שטייגער, פֿאַר דעם יידישן שטעטל. בכלל באַמערקן מיר אין זיין שאַפֿונג אַ צווייערלייִיקן הומאָר, איינער אַ גיפֿטיקער פֿאַר יידישע שׂונאים, און אַ צווייטער הומאָר, אַ גלעטעוודיקער און גוטברודערישער, פֿאַר דעם אידילישן יידישן לעבנס־גאַנג. אין זיינע „קלינג־קלאַנג״־פּערזן, וועלכע פֿלעגן קומען יעדן ליטווישן יידן צו גאַסט אויף שבת, האָט מען באַשיינפּערלעך געזען אָט דעם גוטמוטיקן מענטשנפֿריינד און היימישן חבר. זיין וואָרט איז געווען סאַמעט־גלאַטיק. זיין נשמה־געשטאַלט איז פֿאַר אונדז שטענדיק געווען אַזוי ליכטיק, העל און קלאָר. אָט דערפֿאַר האָבן מיר אים אַזוי ליב געהאַט, איז ער אונדז אַזוי טייער געווען. קיינעם האָט גאָר ניט געקענט איינפֿאַלן, אַז ביי אים איז געווען אַ „גאַלגנהומאָר״, אַז זיינע ליריש־ווייכע שורות זיינען געשריבן גע־וואָרן אין אַ צושטאַנד פֿון אַ מסוכנדיקער מחלה.

מיר ווייסן, דער מענטש האָט געקענט אונדז געבן נאָך פֿיל שענערס, ווען ניט זיינע צרות און פּרנסה־אַנשיקענישן. די, וועלכע האָבן אים נעענ־טער געקענט, ווייסן, אַז ער האָט אַרומגעטראָגן מיט זיך אַ שלל ליכטיקע, ווייכע און אינטימע איבערלעבענישן. ער האָט געקענט זיין איינער פֿון אונדזערע בעסטע ליריקער. ער איז געווען איינער פֿון די באַגאַבטסטע אין דער משפּחה פֿון אונדזערע יונגע דיכטער.

אונדזער איינציקע נחמה — מיר זאָלן די בלעטלעך זיינע צונויפֿזאַמלען און אַרויסלאָזן אין אַ בוך. אַזוי איז טאַקע געווען דער לעצטער ווונטש זיינער, וואָס ער האָט עטלעכע וואָכן פֿאַר זיין טויט אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו אונדז. אָט דעם טרוים זיינעם זיינען מיר אַלע מחויב צו פֿאַר־ווירקלעכן.

ב. גרינבלאַט: מה־יפֿית איז ניט נאָר געווען אַ הומאָריסט; אין אים האָט גערוט אַ טיף־צאַרטע נשמה. דאָס וואָס מה־יפֿית האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע פֿעליעטאָנען, איז ניט מער ווי אַ טראָפּן פֿון זיינע שאַפֿונגס־מעגלעכקייטן. אָט דער פֿאַראורטיילטער צו אַזוי פֿיל ליידן איז געווען אַ מענטש מיט זייער טיפֿע שטימונגען, זיינע חושים זיינען געווען דין, צאַרט אויף אויפֿנעמען אַלע לעבנס־ניואַנסן. און דאָס אַלץ איז צום אויסדרוק ניט געקומען. אָט אויף וואָס מיר דאַרפֿן טרויערן! ניט איין מאָל האָט ער

מיט מיר גערעדט פון פלענער און שאַפונגען. עס איז געווען אַ נגלהדיקער מה־יפית און מה־יפית בנסתר. און אַט דער מה־יפית פון בנסתר איז פאַר אונדז אַ סוד געבליבן — ועל דא קא בכינא!

יידן זיינען געוווינט גרינג צו שאַצן דעם הומאָריסט־פעליעטאָניסט. מען פאַרשטייט אָבער ניט, אַז כדי צו געבן דאָס לייכטע, מוז מען פיל טאַלאַנט פאַרמאָגן. דער באַגאַבטער פעליעטאָניסט איז די באַשטראַלטע קלוגשאַפט פון דער וועלט. זיין שמייכל איז לייכט, אויסגעלייטערט און פאַרמאָגט דעם דופט פון לעבן און שאַפן. יעדער פאַלקסמענטש, ווען ער עפנט איצט די ערב־שבתדיקע צייטונג און טרעפט דאָרט ניט זיין היימישן „אורח לשבת", מה־יפיתעס פעליעטאָן — פילט דאָך דער ייד, אַז עס פעלט אים וואָס, עפּעס אַ פאַריתומדיקייט נעמט אים אַרום. דעריבער וועלן מיר טאַקע ניט בלייבן טריי צו זיך אַליין, ווען מיר זאָלן איצט לאָזן צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע בלעטער און זשורנאַלן די שאַפונגען פון מה־יפית און ניט אַרויסראַטעווען זיי פון פאַרגעסנקייט.

ב. צרפת לייענט אַ לענגערן פעליעטאָן „לונגען", אָנגעשריבן און גע־ווידמעט צו שלושים פון מה־יפית ז"ל. אין נאָמען פון דער פאַנעמונער יוגנט באַקומט דאָס וואָרט ה' ראַסקין.

ערשט פאַר אַ קורצער צייט האָט פאַנעמונער יוגנט אויף דער זעל־בער בינע געשפּילט אין מה־יפיתעס בייזיין זיינע אַ קאָמעדיע און דאָס שטעטל האָט זיך אַזוי געפרייט מיט איר גרויסן בן־עיר. נאָך ביי זיין לעצטן אָפּפאָר פון אונדז, ווען מיר יונגע האָבן אים באַגלייט ביי דער באַן, האָט ער אונדז מבטיח געווען אין גיכן ווידער צו באַזוכן...

דער רעדנער איז מודיע, אַז פאַנעמונער יוגנט האָט באַשלאָסן אָנצורופן זייער שטאָטישע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון ישראל מה־יפית. אויך וועט פאַנעמונער יוגנט מיטהעלפן מיט אַלע מיטלען, אַז די ווערק פון מה־יפית זאָלן קענען אַרויסגעגעבן ווערן. פאַנעמון וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן איר טייערן־בן־עיר.

ג. י. גאָטליב לייענט פאַר אַ ריי לידער, וואָס זיינען פאַרבליבן פון י. מה־יפית. פאַר אַ גרויסן טייל עולם, וועלכע וויסן נאָר פון י. מה־יפית דעם פעליעטאָניסט און „קלינג־קלאַנג"־פערזן־שרייבער, קומען די ריין־

פּאַעטישע לידער מיט זייערע ווייכע לירישע טענער אין גאַנצן ווי אַ סענ־סאַציע. ג. י. גאָטליב לייענט נאָך פּאָר אַ פיינע באַלאַדע „נסים" פון מה־יפית, ווו עס דערפילט זיך גלייך דער עכט מה־יפיתער גראַם און בליציקער איינפאַל.

מ. כהן רעדט צום סוף וועגן מה־יפית דעם מענטש. מה־יפית האָט פאַר־מאָגט אַן אמת־יידישן כאַראַקטער און האָט געהאַט די אַלע מעלות פון אַן אויסדערוויילטן תלמיד־חכם.

דער פאַרזיצער ג. גרינבלאַט שליסט דעם אָנדענק־אָוונט, רופנדיק ווידער דעם גאַנצן עולם צו דערפילן זיין גרויסן חוב צום יונג־פאַרשטאַרבענעם פיינעם דיכטער — אַרויסגעבן די ווערק פון י. מה־יפית.

אין טיפן טרויער און כבוד־געפיל פאַר זיין טייערן יונג־פאַרשטאַרבענעם דיכטער, צעגייט זיך לאַנגזאַם דער עולם פון זאַל.

מה-יפית אין בוך-פאָרעם

אַ מתנה, אַן אמתע מתנה, וואָס פאַרשאַפט נחת און פרייד, וואָס רייסט אָפּ דעם פאַרהאַרעוועטן, פאַרדאגהטן בן־אדם פון זיינע דאגות, פלאַגענישן און גריזאָטע און רופט אַרויס אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן, אַ לוסטיקן גלאַנץ אין זיינע אויגן...

דאָס איז דאָס אָקערשט־דערשינענע בוך פון יונג־פאַרשטאַרבענעם טאַ־לאַנטפולן, האַרציק־היימישן ישראל מה־יפית ז"ל — אַ באַנד הומאָריסטישע דערציילונגען. אַ בוך פון 262 זייטן, געדרוקט אויף אַ שיינעם פּאַפּיר, באַזאָרגט מיט אַ קינסטלערישער הילע און בילד פון מחבר — אַ פּראַכט־פולע אויסגאַבע, וואָס איז אַ מחיה אין האַנט אַריינצונעמען.

עס פילט זיך אַ זאָרגעוודיקע האַנט — ניין, צוויי הענט, וואָס האָבן מיט יראת הכבוד פאַרן אָנדענק פון גייסטרייכן נפטר געאַרבעט איבער יעדע קלייניקייט פון בוך. דאָס זיינען די פרוי חנה מה־יפית און די שוועסטער שיינע מה־יפית (זי האָט צום בוך אַן אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע אָנגע־שריבן). זיי האָבן זיך די גרעסטע טרחה געגעבן דעם בוך פון זייער מאַן און ברודער אַרויסצוגעבן. לאַנגע חדשים געהאָרעוועט און דעם לעצטן זיסן חלום פון מה־יפיתן אין לעבן דורכגעזעצט.

יע, דאָס איז זיין פאַרבאַרגנסטער טרוים געווען אויפן קראַנקנבעט, מאַטערנדיק זיך שוין מיטן כמאַרע־שאָטן פון טויט, האָט ער געטראַכט און גערעדט:

— אפשר וועט אים אַפּגליקן זיינע בעסערע זאַכן אין פּראָזע און פּערזן אין אַ בוכפאָרעם אַרויסצוגעבן? אפשר וועלן די צעזייטע פּערל פון זיין שריפטשטעלערישער פּעדער דאָך צונויפגעזאַמלט ווערן און זיין געליבטן לייענער דאָס האַרץ דערקוויקן?

מה־יפית האָט גוט געקענט די יידישע ליטע — אירע „פּייזאַזשן" און „פּערסאָנאַזשן", אירע רבנים, מלמדים, משכּילים, ווייבער, סוחרים, אויפגעקלערטע בחורימלעך און שעמעוודיקע, אָבער היינטצייטיקע מיידלעך.

איר געפינט אין זיין בוך אַ רייכע גאַלעריע טיפּן — לעבעדיקע, צאַפּל־דיקע, פון דערווירקלעכקייט אַרויסגעריסענע. אָט־אָט דערזעט איר באַ־קאַנטע ליטוואַקעס מיט זייער הילוך, רייד־אופן, וויצן און אַ קאַפּעטשקע שאַרזשירטע פּנים־שטריכן. דאָס זיינען טאַקע זיי — אייער בלוט און פלייש!

און איר בלעטערט מיט דורשט אַ זייטל נאָך אַ זייטל און איר ווערט אַפּגעטונקט אין אַ נאָענט־ווייטער וועלט.

דער כוח פון דער קינסטלערישער פּעדער האַלט געשפּאַנט אייער אינ־טערעס. ס'לעבט אויף פאַר אייך דער אַמאָליקער מה־יפית — די וווּנדער־לעכע און שיינע געשטאַלט, וואָס שוועבט פאַרביי אונטער אַ טיולענעם דורכזיכטיקן שלייער פון ליכטיקן, אַנקוועלענדיקן הומאָר.

ר. רובינשטיין

ישראל מה־יפית: „הומאָריסטישע דערציילונגען"

פאַרלאַג רובין מאאס, בערלין שאַרלאָטענבורג

אינעם לעבן פון ישראל מה־יפית, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון 33 יאָר אין 1930, האָבן פיר מאָמענטן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע: די מלחמה־איבערלעבונגען, דער ציוניזם, די יאָרן־לאַנגע קראַנקייט און די גרויסע ליבע צו אַ פרוי. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דער דאָזיקער הויך־באַגאַבטער מענטש, וואָס איז געווען פּרעדיסטינירט צו וויסנשאַפט־לעכער און דענקערישער טעטיקייט און האָט באַקומען ליטוויש־יידישע

דערציִונג — האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין סאַנאַ־טאָריעס, קורערטער און שפּיטאָלן, מוז מען באַוווּנדערן, וואָס ער איז נישט געווען ביטער־סאַטיריש, נאָר פול מיט הומאָר. מלחמה און קראַנקייט האָבן אים אפשר צעקריגט מיט גאָט און מיט וועלט; אָבער ציוניזם און די ליבע פון אַ פרוי האָבן פאַרגאָלדיקט דאָס דאָזיקע ליידן־רייכע לעבן און געשאַפן אין מה־יפית אַ מילדקייט און אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער וועלט און פאַרן לעבן.

די אין דעם באַנד אויסגעוויילטע קליינע אַרבעטן, וואָס זענען געווען צום ערשטן מאָל געדרוקט אין פאַרשידענע יידישע צייטונגען, רופן אַרויס דעם טיפן באַדויער, וואָס דער טאַלאַנט פון ישראל מה־יפית האָט ניט באַוויזן צו דערגיין צו פולשטענדיקער רייפקייט.

מה־יפית איז אַ געניטער קענער פונעם יידישן לעבן און ער באַהערשט די שפּראַך, ווי ווייניק יידישע דיכטער. טראָץ זיין קריטישע באַגאַבונג און זיין שאַרפן בליק פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן, איז ער אַ הייטערער גוט־ווינטשנדיקער פּאָעט. זיין פּערזן־קונסט האָט ווייניק אַנאַלאָגיעס אין דער יידישער ליטעראַטור. אויב שלום־עליכם האָט אין זיינע הומאָרעסקעס און דערציילונגען געשילדערט דאָס יידישע שטעטל פון פאַר דער וועלט־מלחמה, גיבן מה־יפיתעס דערציילונגען אַ בילד פונעם ליטוויש־יידישן לעבן אין דער נאָכמלחמה־צייט. מען קען בלויז ראַטן די פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור צו לייענען דאָס בוך, באַקענען זיך מיט אַ ווערטפולן טאַלאַנט און צוזאַמען מיטן געניס — אויך אַ סך צו לערנען פון די דאָזיקע הומאָריסטישע דערציילונגען.

מ. וו.

(„יידישע רונדשוי" נ. 45־46, 1932.6.8)

דעם דיכטערס טויט

צום אָנדענק פון י. מה־יפית

ער האָט ניט צעקלעפּט זיינע ווונדן אויף סלופּעס,
ער האָט ניט געהויבן צום הימל זיין פּיין,
גענומען אַ קלינגענדיק ליד אויף די ליפּן
און אין וועלטן אַריין !

ער האָט ניט געהיילט זיינע ווונדן מיט באַלזאַם,
פאַרזונגען זיין פּיין מיט אַ לוסטיקן ליד,
און ס׳האָבן צעשאָטן זיך איינס נאָכן אַנדערן
אַ גליד נאָך אַ גליד...

ער האָט ניט צעקלעפּט זיינע קרעכצן אויף סלופּעס,
זיין ליד איז געווען פול פרייד.
אין זונג און געזאַנג, אין קלינג און געקלאַנג
האָט געלויערט דער טויט...

האָדל טרוביק